STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05014

A GET

Shlomo Warzager

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Mr. & Mrs. Philip Moss
in memory of
Sarah Flax Blacher

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה וואַרזאַגער

אַ גט

און צוויי דערציילונגען

צו
חיים שפּילבערג —
דעם באַגאַבטן, [illegible]
[illegible] שרײַבער, [illegible]
מיט [illegible] כל-טובֿ
אײַער, שלמה וואַרזאַגער

17.5.93

דאָס בוך דערשײַנט מיט דער הילף פון
קרן לספרות ולאמנות ע"ש יהושע רבינוביץ

שלמה וואַרזאַגער

אַ גט

נאָוועלע
און צוויי דערציילונגען



ה. לייוויק - פאַרלאַג
ביים פאַראיין פון יידישע שרייבערס
און זשורנאַליסטן אין ישראל

שלמה וורזוגר

הגט

SHLOMO VORZOGER

A GET

הילע געצייכנט : משה בערנשטיין

Printed in Israel, 1993 ,נדפס בישראל

דפוס „שמגר 1986", ת"א, טל. 828704

אַ דאַנק פאַר דער מיטהילף צום דערשײַנען
פון בוך מײַן פרײַנד, בן־עיר —
דעם מעצענאַט **פּנחס גאָלדמאַן**

אַ גט

1

זי וויל אַ גט. לענגער קאָן זי מיט אים נישט לעבן. עטלעכע מאָל געווען מיט אים אין רבנישן בית־דין. זיי האָבן צײַט. די צײַט האָט צײַט. מ׳האָט איר געעצהט גיין צו אַן אַדוואָקאַט, אַ גרויסן אַדוואָקאַט. נאָר ער קען איר העלפן. איז זי געקומען. פון עקרון קומט זי. אַ קנאַפּע שעה רייזע קיין תל־אביב מיטן אויטאָבוס, וואָס גייט צוויי מאָל אין טאָג. און נאָך אַן אויטאָבוס ביזן ביוראָ. צו אײַך אדון אַדוואָקאַט. זי האָט גערעדט גיך־גיך מיט אַ סאַברישן חיתוך הדיבור, געשלונגען די ווערטער אָן צו קענען אַרײַנשטעלן אַ קאָמע, אַ פּונקט, און איבערגעחזרט אַ סך מאָל. ער, מר אבני דער אַדוואָקאַט, האָט געזען, אַז ער דאַרף איר לאָזן רעדן.

פרידאַ, פרידאַ וויינער הייסט זי — האָט זי געזאָגט — רופט מיך פרידאַ, און נישט נאָכגעלאָזט פון טאָן. למען האמת איז איר גלײַך צום אַרײַנקומען געוואָרן אַ ביסעלע קילבלער אויפן האַרץ. געמיינט צו טרעפן אַ מאַנצביל, אַ גבר, זי וועט דאַרפן אַרויפ־קוקן צו אים, כאָטש זי איז נישט פון די קליינע. קעגן אים זיצט זי. מ׳זעט אים קוים אַרויס פון הויכן, שוואַרצן לעדערנעם פאָטעל. אַ פאַרריסענער קאָפּ אויף אַ נידעריקן, בייניקן האַלדז פאַרשטעקט צווישן ביידע אַקסלען, הויכער ברוסטקאַסטן, אַ פאַרהויבענע, אויסגעבויגענע פּלייצע אײַנגעמאַסטעט אין לעדערנעם אָנלען. ביידע עלענבויגנס פעסט אויף די זײַטן־אָנלען, אַ שטייגער ער

שפּאַרט זיך אָן אויף אויפצוהייבן באַגריסן איר צום אָנקום. ניין. ער זיצט, רירט זיך נישט פון אָרט. דאָס איינציקע שיינע אין אים — זײַנע זינלעכע, פולע ליפּן, בלויע אויגן און אַ יונגער גלאַנץ אין זיי. אַ הויכער שטערן און שיטערע הערעלער, קורצע, גראָע וואָס הייבן זיך אָן אין מיטן קאָפּ.

ער זיצט אַ שווײַגנדיקער, אַן אײַנגעהאָרכטער אין איר גיך־גיך רעדן. מעגלער, אַז דאָס וויל זי פאַרטושן איר פאַרלאָרנקייט פון ערשטן אומגעוווּנטשענעם רושם, אויך מחמת דעם אַדוואָ־קאַטס אויגן, וואָס ער נעמט נישט אַראָפּ פון איר זאָלן דאָס נישט מערקן.

זי איז צופרידן געווען, וואָס תוך כּדי דיבור איז איר אין קאָפּ אַרײַן געקומען אַ נאַרישע אומדיסקרעטע שאלה, וואָס האָט נישט קיין שײַכות צום ענין. זי האָט זיך דערמאָנט — מאַכט זי — עמעצער זאָל איר האָבן דערציילט, אַז עקרון רופט מען דאָהי בעלעם; אַ צונאָמען אַזאַ. זײַנע פאַרשלאָסענע ליפּן האָבן זיך אַ קרום געטאָן אויף עפּעס ענלעכס אויף אַ שמייכל. דאָס האָט איר צוגעגעבן קוראַזש און זי האָט געפרעגט:

— איר זענט דאָך, זאָגט מען, אַ קלוגער מענטש. איז אמת, אַז אין בעלעם ווערן געבוירן — דערציילט מען — גרויסע מענטשן?

זײַנע ליפּן האָבן ברייט זיך צעשמייכלט:

— אין בעלעם ווי אין אַלע שטעט ווערן געבוירן זויג־קינדער, גברת פרידאַ.

— תינוקות?

— תינוקות.

זעט זי, פרידאַ, לויטן שמייכל אַז איר נאַרישער שׂכל האָט איר נישט גענאַרט. אַן אײַנגעהאָרבעטער זיצט אויף אים דער נאַקעטער קאָפּ. מער מיט די אויגן, ווי מיט די אויערן הערט ער. זײַנע אויגן צעעפּענען זיך אין דער ברייט, קורטשען זיך, מרוזשען אַ שטייגער זיי ווילן כאַפּן דעם מיין פון אירע רייד. אַ גוט געמיט

אויף אים, זעט זי, און ס'טוט איר הנאה, וואָס זי איז שנעל צו זיך געקומען נישט ווי איר טבע מיטן קומען ס'ערשטע מאָל אין קאָנטאַקט מיט אַ מענטש, בפרט אַ מאַן, אַן אַדוואָקאַט, ברענגט איר אַרײַן אין אַ פאַרלעגנהייט מחמת, איידל גערעדט, האַלט זי זיך אויך נישט פאַר קיין יפת תואר. אין איין אויג איז ס'ווייסל אַביסל גרעסער, צעצויגענער, פון ביידע אויגן די שוואַרצאַפּלען לויפן אום אַהין און קריק. דאָס איז איר גורם אָפּדרייען דעם קאָפּ אין אַ זײַט לינקס, רעכטס און אַראָפּבייגן אים זײַטיקלעך־פאַר־שעמט. איין און דרײַסיק יאָר זינט זי איז געבוירן לעבט זי אַזוי. אוי, די אויגן, די אויגן. דאָס גלײַכן — די קורצע, שיטערע הערעלעך אויפן קאָפּ — אָפּגעבליאַקעוועט בלאָנד, טונקעלער פלאַקס, אייגנטלעך אָן אַ קאָליר, וויפל זי זאָל זיי נישט קעמען, צי אַ שאַר טאָן מיט די פינגער פון אַ האַנט — האַלטן זיי נישט פאַסאָן. יונגערהייט האָט זי געטראָגן אַ בערעט. די שול־חברטעס זאָלן איר האָבן דערגאַנגען די יאָרן: „דאָס בערעטל״.

ערשט זײַן, דעם אַדוואָקאַטס, נישט אימפּאָזאַנטער אויסזען האָט איר אַרויסגענומען פון דער פאַרלעגנהייט. ביז איר קומען אַהער, צום ערשטן מאָל עפענען די טיר פון ביוראָ, האָט זי זיך עטלעכע טעג געגרייט: געקלערט וואָס אָנטאָן: הויזן צי אַ ספּוד־ניצע, בלוזקע, וואָסערע לאַטשן — אַ פּשוטן אָדער אויף אַ הויך קנאָפּעלע, נישט פאַרגעסן מ'לעצטן טאָג גיין צו אַ פריזיערקע מאַכן זיך די האָר. דער ערשטער רושם — ווייסט זי — איז אויך דער לעצטער. אבני האָט איר איבערגעשלאָגן די רייד מיט אַ האַנט־אויפהייב. אַ גרויסע בייניקע האַנט — האָט איר געוווּנ־דערט — ווי אויסגעליִען בײַ אַ גרויסן מאַנצביל און דערבײַ געעפּנט ס'מויל:

— ווי לאַנג פירט זיך אײַער ענין אין רבנות?

דער ענערגישער פאַרהייב פון דער גראָמאַדנער האַנט, די מתינות אין קול, אַ באַסאָווע מענער־קול — און ס'מעסטן יעדן וואָרט, דער באַוועג פון זײַנע זינלעכע פולע ליפּן — האָט אים

באותו רגע צוגעגעבן אין אירע אויגן אַ סך חשיבות. גאָר אַן אַנדער מראה האָט ער באַקומען. אַן ערנסטער מענטש, אַ קלוגער זעט ער איר אויס. יאַ, געטראָפן מיט אים — זאָגט זי צו זיך.

ס׳יונגע גלענצל אין בלוי פון זײַנע אויגן, דער הויכער שטערן געפעלן איר. גאָר אַנדערש קוקט זי אַצינד אויף אים. אַ היימישער, צוגענגלעכער מענטש זיצט קעגן איר. עס האָט איר אַפילו הנאה געטאָן אויפן אײַנפאַל פרעגן די קלאָץ־קשיא וועגן כעלעם, ווו עס ווערן מכלומרשט געבוירן גרויסע מענטשן. אַ נאַרישע פראַגע. ס׳האָט איר אַפילו אַנגעהויבן אַרן, גוט אַרן, וואָס דווקא אַזאַ מענטש, אַ קלוגער, פעיִקער אַדוואָקאַט דאַרף נעבעך אַזוי אויס־זען. אַ רחמנות־געפיל האָט ער אין די רגעס בײַ איר געוועקט.

אַ באַזינטע, אַ באַרויִקטע רעדט זי שוין געלאַסענער:

— איך האָף אַדון אַדוואָקאַט — — —

— אבני — רופט מען מיך — האָט ער געזאָגט.

— אַז איר וועט בקרוב מײַן ענין דערפירן צו אַ גליקלעכן סוף.

— פריִער דאַרף מען אָנהייבן, גברת פרידאַ.

— פאַרשטייט זיך. וואָס שייך שכר טירחה, ווי זאָגט מען עס, ס׳וועט זײַן בסדר.

— האָב איך דערוועגן אַצינד מיט אײַך גערעדט?

— כ׳מיין אַקעגן דעם, דער רבנות נעמט צו די כּוחות. שוין עטלעכע חדשים און ס׳האַלט בײַ גיי און קום. אַ קנאַפּע שעה רייזע מיטן אויטאָבוס און נאָך אַן אויטאָבוס. איך אַרבעט אַ האַלבן טאָג אין אַ קינדערגאַרטן. איך קען לענגער מיט אים נישט לעבן.

— ווי לאַנג נאָך דער חתונה?

— העכער צען יאָר.

— אַ קינד, קינדער?

— אין דעם גייט עס דאָך. ער וויל נישט הערן פון קיין קינד. אַ מענטש איבער די פערציק.

— וואָס טוט ער?

— ער מאַכט דעם טויט...

— כ׳מײַן, באַשעפּטיקונג.

— אַ ליידיקגייער, אַ ליידאַק.

— גברת פרידאַ, דאָס וועט איר טענהן אין בית המשפּט.

זי אַרבעט — האָט זי ווײַטער גערעדט אומגעפרעגט. — פון איר „לאָקש״ לעבט מען. אויך אַ לעבן. פרעמדע קינדער כאָוועט זי — זאָגט זי שוין מיט אַ שטיל, פאַמעלעך קול — אַ קינדער־גאָרטן. איר אייגענער גאָרטן איז פאַרוואָרלאָזט. אַ טעות. אַ גרויסער טעות פון איר זײַט. אין אָנהייב האָט זי געמיינט — — — זי פאַרהייבט אַ האַנט, גיט מיט אַ פינגער אַ וויש אַ טרער וואָס הענגט אויף אַ ווימפּער. „אוי, די אויגן, די אויגן״. זי טאָר נישט וויינען — זאָגט זי, און דרייט אָפּ זײַטיקלעך דעם קאָפּ נערוועז, פאַרשעמט, ווי תּמיד ווען ס׳קומט איר אויס מ׳קוקט איר אין פּנים אַריין.

— סלח לי, אַנטשולדיקט מיר, מר אבני, זינט איך בין צו מײַן שׂכל געקומען לײַד איך.

— קראַנקע אויגן?

— אַזוי געבוירן געוואָרן.

זי איז שטיל געבליבן זיצן. די ערשטע הפסקה נאָך אַ קנאַפּער שעה רייד. אויך ער שווײַגט. באַטראַכט איר. אַ הויכלעכע. נישט קיין מיאוס פּנים. אַ היפּשער בוזעם. נאַכלעסיק, שלאָמפּערדיק זעט אויס דער בוזעם, הינטער דער לויזער צו ברייטער סאַטין־בלוזקע פון באַרדאָ־קאָליר: אַ זומער־שטאָף כאָטש אין דרויסן איז שוין קילבלער, סוף חודש תּשרי.

— איר פאַרשטייט מיך, מר אבני?

— אַוודאי פאַרשטיי איך אײַך.

— נישט אַלץ קען מען אַ פרעמדן מענטש דערציילן.

— איך בין אײַער אַדוואָקאַט. אַן אַדוואָקאַט דאַרף אַלץ וויסן.

— כ׳מיין אויפן ערשטן מאָל.

— ס׳מוז דאָך אַמאָל זײַן ס׳ערשטע מאָל.

— סליחה, מר ~~אבני~~ רון סליחה אַ מיידלישער נאָמען, נישט ?

— ראָנאַלד שטיין. אין האָלאַנד געבוירן. פאַרקירצט אויף רונן, רון. איר, פרידאַ, זעט מיר אויס אַ סאַברע. קענט איר אַביסל ייִדיש ?

— איך קען יאָ אַביסל. ס׳ביסל, וואָס איך קען איז פון מײַן באָבען.

אבני זיצט אַביסל נאָכגעלאָזט פון דער שטײַפקייט. ווערט אין רעדן באָוועגלעכער. הייבט אַרויס דעם פאַרזונקענעם קאָפּ צווישן די אַקסלען, ציט אויס דעם האַלדז. אבני וויל אַ פּנים אַצינד אויסזען העכער, גלײַכער אין פרידאַס אויגן. ער איז פון דעסטוועגן גענוג אינטעליגענט צו וויסן, אַז מיט אַזאַ פאַרויס־פאַרהויבענעם קאָפּ און קרומער געהויקערטער פּלייצע ליגט מען נײַן איילן אין דער אדמה.

פרידאַ קוקט אויף אים אַצינד ווייניקער. זי הערט אים. זי האָט אים ליב צו הערן. ער האָט אַ וואַרעמע שטים. ס׳קומט איר אויס, אַז ער שמייכלט אונטער בעתן רעדן. זי באַמיט זיך צו רעדן ווייניקער, געלאַסענער, כאָטש איר האַרץ איז פול מיט פּאַרדראָס, מיט ביטערניש און דאָ איז דאָס איינציקע אָרט, ווו מ׳הערט איר. ער, אבני, איז דער ערשטער חוץ דער באָבען, ווו זי רעדט זיך, ווי מ׳זאָגט, אַראָפּ פון האַרץ.

דער געדאַנק, אַז אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות צום גט ווייסט ער שוין, אבני, באַרויִקט איר.

מיט אַ גוט געמיט, אַ סך אַ בעסערס ווי צום אַרײַנקומען און ערשטן קוק אויף אים — איז זי אַרויס פון ביוראָ.

2

אַז זי האָט דערציילט דער באָבען — וווינט אויך אין עקרון, נישט ווײַט פון איר — וועגן אַדוואָקאַט און זײַן מראה און ביז זי האָט זיך אויסגעטשוכעט פון ערשטן רושם — האָט די באָבע, ווי איר טבע, געזאָגט מיט אַ גלײַכוואָרטל:

— יאָ, מיין קינד, אַלץ אין איינעם ז׳נישטאָ בײַ קיינעם...

— גערעכט, באָבעניו. אָקעגן דעם וואָס דו זאָגסט „אַלץ אין איינעם"... אָט איז ער, מײַן טײַערער מאַן, אַ שיינער, אַ שטאַלטנער, אַ ברונעט, אַ שוואַרצער קאָפּ האָר. און — — —

— יאָ, טאָכטערשי, אַ שיינער עפּל און אינעווייניק פּויל — האָט זי איר איבערגעשלאָגן אין מיטן.

דער טאַטע האָט אים דאָך אַרײַנגעבערענגט אין שטוב אַרײַן. זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט. ער נעמט זי אין זײַנער, דריקט זי שטאַרק און לאַנג. זײַן מיטלסטער פינגער באַרירט איר דלאָניע, ווייסט זי, אַ סימן: זי געפעלט אים.

למען האמת איז איר געווען אַ רבותא: קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. קיין וואָרט פון איר נישט געהערט. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ בענקל מיט די הענט אויף די קני און געשוויגן. אין שווײַגן האָט זי געזען, אַז ער מיינט אויף אַ צוועק. קיין סך צײַט אַרײַנצוקלערן איז נישט געווען. דער טאַטע האָט אים צוריק אַרויסגעפירט פון שטוב.ביידע זענען אַוועק פון וואַנעט זיי זענען געקומען — צו דער אַרבעט.

די מאַמע און די באָבע האָבן כּסדר געדולט אין קאָפּ: „אַ מיידל איבער די צוואַנציק"... זי גופא האָט געוווּסט, אַז קיי־נער וואַרט נישט אויף איר. נישט קיין יפת תואר, נישט זי לערנט

זיך, נישט זי אַרבעט. די מאַמע איז קראַנק. דאַקטערט זיך. זי וויל, זאָגט זי, דערלעבן פון איר איינציקער טאָכטער אַן אייניקל, די באָבע — אַן אוראייניקל.

אַצינד האַלט די באָבע (די מאַמע איז שוין אויפן עולם האמת) אין איין פרעגן:

— נו, און דער רבנות וואָס זאָגט?

— וועגן שלום־בית רעדן זיי די פרומע לײַט. רעדן מיט גאָט. גאָט האָט צײַט. אוי, די דיינים: „דברי נועם״: אַ ייִדישע טאָכטער, אַ געגעטע קאָן זיך נאָר, רחמנא לצלן, אַראָפּקײַקלען... די שטאָט איז פול מיט זינד. גיי דערצייל זיי, אַז ס׳איז נישטאָ מיט וועמען צו רעדן. ווען זי קומט פון דער אַרבעט דאַרף ער פונקט אַוועק־גיין. וווהין? צו וואָס? וואָסערע געשעפטן וואַרטן אויף אים? גיי דערצייל זיי, די וואָס רעדן מיט דברי נועם, אַז זי געפינט אין זײַנע קעשענעס אָפּריסן און האַלבע קינאָ־בילעטן. ווו נעמט ער געלט דערויף? און אַליין גייט ער זיכער נישט!

און איר באָבע דערוואַרט אַן אוראייניקל. אין דער תורה שטייט געשריבן — האָט איר גאָטזעליקער זיידע, עליו השלום, געזאָגט: „ווער עס דערלעבט אַן אוראייניקל האָט נישט ס׳גיהנום״.

פרידאָס מאַמען האָט זי געבוירן אין וואַלד די ערשטע וואָך פון דער מלחמה, סעפּטעמבער נײַנצן נײַן און דרײַסיק. באָמבעס זענען געפאַלן. צו פוס און אויף וועגעלעך איז מען עוקר געווען מיט דער נשמה אין דער האַנט. געהרגעטע, פאַר־ווונדעטע אויף די וועגן. ווער האָט צײַט געהאַט זיך אומצוקוקן. דײַטשישע מעסערשמידן נידעריק איבער די ביימער, דעכער, באָמ־באַרדירן, שיסן, צילעווען אין המון. זי איז געווען אויף דער צײַט, אין די הויכע חדשים. לעבן וואַלד בלײַבט ס׳פּויערישע פורל שטיין. פּאַרנט לעבן אַנטרײַבער זיצט דער זיידע, עליו השלום. אַ קויל האָט אים געטראָפן. אויפן אָרט אויסגעהויכט די נשמה. אַן עלטע־רע פרוי, אַ שכנטע — איינע אַליין — האָט מען זי מיטגענומען אויפן וועגעלע — אַ מזל. זי איז געוואָרן די הייבאַם. איבערגע־

לאָזט מ'זיידן אין וואַלד. אין אַזאַ בהלה נישט געווען ווער ס'זאָל דעם מת צו קבורה ברענגען. „אלוהים נתן, אלוהים לקח". יאָ, אויך דער באָבעס אַ שוועסטער איז מיט זיי געווען. צוזאַמען מיט אַלע אויפן וועגעלע. אַלע זיך דערשלעפּט קיין רוסלאַנד. די שוועסטער איז געשטאָרבן אין רוסלאַנד, אין מיטלאַזיע. אויפן באַזאַר אַרויס פאַרקויפן אַ צעראַטע, אַ נאַכטהעמד, אײַנהאַנדלען אַ פענעץ ברויט. פון אַ זונענשלאַק געפאַלן, די שוועסטער. אין מיטן העלן טאָג געפאַלן. נישט געווען ווער ס'זאָל איר אַ קאַלטן טרונק דערלאַנגען, אַ קאַלטן קאָמפּרעס צולייגן. נישט געווען ווער ס'זאָל טון ס'רעכט פון אַ מת. נאָך מעשׂיות האָט זי זיך אָנגע־הערט פון דער באָבען און פון דער מאַמען, עליה השלום.

✶

און זי מיט אירע צרות: מיט איר מאַן און מיטן טאַטן, וואָס האָט דעם פאַרשווין אין שטוב אַרײַן געברענגט. רק ס'קומט איר אויס, אַז דער טאַטע האָט יד אחת געמאַכט מיט איר אומ־גליקלעכן גורל. ער בייזערט זיך אויף איר. קוקט נישט אין איר זײַט אַרײַן. שווײַגט, וואַרטשעט ווי אַ הונט איידער ער הייבט אָן בילן. אַמאָל בלײַבט ער שטיין אין מיטן שטוב, הייבט אַרויס די אויגן (איינס מיט אַ פאַרגרעסערט ווײַסל, איבערגעגאַן צו איר בירושה) פון די ברילן בעת ער האַלט אַ סידור אין דער האַנט — תמיד מיטן סידור — אין זײַן קוק זעט זי, אַז ער וויל איר פּטור ווערן, אַרויס פון שטוב. ווי האָט איר גאָטזעליקע מאַמע געזאָגט: „אונטער די אויגן איז אונטערן האָרץ".

— טאַכטערשי, רעד נישט אַזוי — זאָגט די באָבע — ס'איז דײַן טאַטע.

— ער לײַדט מיך נישט.

אַזוי אויך ווען די מאַמע האָט געלעבט. זי האָט דאָס צוגע־קוקט און געשוויגן. קיין לאַנגע מחזקות האָט ער מיטביידע נישט געמאַכט. ער פלעגט נאָכן קומען פון דער אַרבעט — אַ

שכיר יום אין אַ פּאַפּיר־פאַבריק — זיצן ביים פענצטער מיט די הענט אויף די קני — פּונקט ווי איר מאַן, ווער פון וועמען האָט זיך אָפּגעלערנט ווייסט זי נישט — אַדורכמאַכן זיין נאָכמיטאָג־שוויַיגעניש.

האָט זי שוין געוווסט, פרידאַ, דאָס מיינט:

— טאַכטער, דו געפעלסט מיר נישט.

און די באָבע — ס'איינציקע אָרט ווו זי קומט אַריין גייענ־דיק פון דער אַרבעט, איז עפּעס טועם — ביי ס'איריקע:

— אַ טאָכטער, אַ בת יחידה ביסטו ביי אים.

אויך די מאַמע האָט געליטן פון זיין שוויַיגן. תמיד אַ פאַר־גליווערטער. אַ יונגער מענטש און אַזאַ שווייַגער. אויך אַ מלחמה־קינד, ווי די מאַמע, אַ קיילעכדיקער יתום. וויאַזוי ער האָט איבער־געלעבט, זיך געראַטעוועט האָט זי נישט געהערט ער זאָל דער־ציילן. אויך פון דער מאַמען, פון דער באָבען האָט זי וועגן דעם נישט געהערט.

פרי געשטאָרבן די מאַמע. פרידאַ האָט קיין פרייד נישט אַריינגעבערענגט אין שטוב. די מאַמע האָט אָפּנים דערפון שטאַרק געליטן. אַז אַ קינד איז געראָטן איז עס דער מאַמעס און טאַטנס פרייד. טאָמער, חלילה, איז עס נישט אַזוי אַקוראַטנע — איז עס דער מאַמעס אַ צרה.

— פאַר וואָס האָט מיך דער טאַטע נישט ליב, מאַמע?

— אַ געליטענער, נעבעך — פלעגט די מאַמע ענטפערן. — חוץ קליינערהייט אויך נאָכדעם, רוסלאַנד, סיביר, מיטלאַזיע. קאַלטס און וואַרעמס.

— — — וויסטע פרעמד. ביטערע היצן. די שווערד פון הונגער איז דריי־פיר יאָר געלעגן אויפן האַלדז. צוריק אין פוילן. קברים. קברים. אַ בית־עלמין אָן מצבות. אַש און פאַרעך יידיש לעבן. ווידער צווישן גויים.

צו זיבעצן־אַכצן יאָר האָט די מאַמע חתונה געהאַט. דער טאַטע, אויך אַ צוריקגעקומענער פון „דאָרטן", איינער פון אַ

גרויסער משפּחה. אַ יונגער בחור, אַ שוויַיגער, אַ פּאַרמרה־שחורהטער. איטלעכן אין דער פרי פאַרן אַרויסגיין צו דער אַר־בעט האָט ער אַ שוויַיגנדיקער זיך געשטעלט דאַווענען, געהיטן שבתים, יום־טובים, די שעה פון מנחה־מעריב.

האָט זי, פרידאַ, ווענס נישט ווילנדיק געכאַפּט אַ קוק אין שאַנק־שפּיגל איז זי זיך נישט געפעלן. טאָמער ווייניק די אויגן — האָט פון דאָרט אַרויסגעקוקט אַ פּנים מיט אַ דינדיניקן בלאָנדן האָרשפּראָץ: אַ נישט־מערקיקער האָרשפּראָץ, אָבער פּנים צו פּנים פּילט מען אים. נו שוין זשע ווייסט עס נישט, פּילט עס נישט איר מאַן?

דער מאַמעס גיין פון דער וועלט איז פאַר איר געווען, ווי מ׳זאָגט דאָ „הקש ששבר את גב הגמל (דער שטרוי, וואָס האָט איַינגעבראָכן דעם רוקן פון קעמל). איר, פרידאַס מאַמע איז געשטאָרבן, אָבער נישט מ׳טאַטנס וויַיב. צום יאָר האָט ער חתונה געהאַט מיט אַן עלטער מיידל.

זאָגט אַ ווערטל, אַז אַן אַלט מיידל האָט חתונה ווערט זי איבער נאַכט אַ יונג וויַיבל.

צוויי פרויען אין שטוב: אַ פרוי און אַ מאַן און זי — פרידאַ. איינע פון די דריַי איז אַן איבעריקע.

די שטיפמאַמע — אַ באַלעבאָסטע. זי, פרידאַ, ווו זאָל זי זיך אַהינטאָן? דרייט זי זיך אַ פאַרשעמטע, אַ פאַרדרענגטע, זיַי־טיקלעך אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ אין שטוב און אויף דער גאַס. אַ געפיל פון אויסבאַהאַלטן איר מראה פאַר אַ פרעמד אויג נעמט איר אַרום. שעהען לאַנג זיצט זי — אויך נאָך דער חתונה — ביַי דער באָבען.

אַוודאי טוט איר ווי דער באָבען ווען זי, פרידאַ, זיצט קעגן איר אויף אַ טאַבורעטקע, שוויַיגט. וואָס זאָל זי זאָגן?

— ער הייבט כאָטש נישט קיין האַנט אויף דיר?

— ער הייבט נישט קיין האַנט און עפנט נישט דאָס מויל.

— טאַכטערשי, הײַנטיקע מענער זענען נישט קיין גרויסע צדיקים: „בײַטאָג צום גט, בײַנאַכט צום בעט”.

— ער איז דאָך דאָס אויך נישט. אין רבנות וויל ער נישט גיין. אין שטוב זעט מען אים נישט. קומט אַהיים שפּעט בײַנאַכט, פֿאַלט אַוועק אַ מידער גלײַך ער האָט אַ גאַנצן טאָג האָלץ געהאַקט. ער איז דאָך נישט צום גט און נישט צום בעט. ווער ווייסט ווו ער טוט אַהין זײַנע כּוחות, זיין כּוח גברא, דער שיינער מאַן, דער שטילער גאַון.

3

צוגעוווינט זיך צו מר אבני. געוווינשאַפט האָט אין זיך אַ כּוח ווי ליבע. ליב האָבן קאָן מען אויפהערן. נישט אַזוי מיט געוווינשאַפט. אַן אינטעליגענטער מענטש, אַ באַוווסטער אַדוואָקאַט. מיטן צווייטן, דריטן מאָל קומען איז אויך זײַן געשטאַלט ווי אויסגעוואַקסן אין אירע אויגן. אַ נאָענטער פרײַנד געוואָרן. אַ חכם און אַ גוט האַרץ. ס'איז נישט די טבע פון אַן אַדוואָקאַט, אַ סך אײַנזען ווײַזט ער איר אַרויס.

— אבני, מר אבני, הייבט זי אָן, וויל עפּעס זאָגן און ער רײַסט איר איבער:

— רופט מיך, רוף מיך רונן, רון: גרויסע אַדוואָקאַטן האָבן אויך פּריוואַטע נעמען.

אַ קינד וויל זי פון איר מאַן — זאָגט זי — ס'עלפטע יאָר נאָך דער חתונה. נישט קיין קינד איז אַ גט. ניין. זי האָט אים נישט ליב. נישט קיין צײַט געהאַט אים ליב צו האָבן.

און אבנין האָט אָנגעיאָגט אַ געדאַנק, אַן אַטראַקטיווער געדאַנק: אַזאַ שטייגער פרוי ציט צו מאָל צו אַן עלטערן מאַנצביל אַ באַרימטן אַדוואָקאַט, אַ נישט שיינעם, נישט־יונגן פּראָפעסאָר. מענטשן, וואָס ווער ווייסט צוליב וועלכע סיבות, ווײַזן נישט אַרויס קיין באַזונדערן אינטערעס צו יונגע פרויען (ס'קען גרײַלעך זײַן, כּדי אויסמיידן ס'שטיין פּנים אל פּנים מיטן דורכפאַל). שוין געטראָפן אַזעלכע פאַלן. פרידאַ, אָט די ווערדליק זײַן עלטער יונגע פרוי, מיט איר אויגן־קאָמפּלעקס, מיט אירע רייד און התנהגות, זעט אים אויס נאָך די עטלעכע באַזוכן, זאָל האָבן געוואָרפן אַן

אויג אויף אים. זי ווייסט שוין, אַז ער איז אַליין, אַן אַלטער קאַ־וואַליער, אַ באַרימטער אַדוואָקאַט.

איז אַמאָל צו רייד געקומען דערוועגן מיט זײַנע קאָלעגן אַדוואָקאַטן, האָבן זיי זיך געוויצלט:

— אַזאַ איינע דאַרף זײַן פריש און געזונט און משוגע.

נו, און פרידאַ? — האָט ער צו זיך געזאָגט — פריש איז זי לכל הדעות, געזונט — קאָן מען נישט לייקענען, משוגע? איז זי משונה. עפּעס משונהדיקס מערקט זיך אין איר האַלטונג, אין איר אָנטאָן: לאַנגע ספּודניצעס, נאַכלעסיק ליגט אויף איר די בלוזקע, די היבשע בריסטן אונטער דער בלוזקע — טאָרבעס אָנ־געבלאָזענע, פאַרעמלאַזע. נו שוין זשע זעט זי דאָס נישט, ווייסט זי דאָס נישט? גרײַלער איז איר קאָפּ נישט דערבײַ אָדער פּשוט ס׳פעלן פון חוש פאַר עסטעטיק, קליידונג, טעם, געשמאַק. אָט איז זי טרויעריק. זיצט מיט אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ זײַטיקלעך פאַרשעמט, נערוועז, און אָט שמייכלט זי, דערציילט אַ וויץ, פרעגט אַ נאַרישע פראַגע.

אָן עלטערער ברודער איז ער איר — האָט זי אים איינמאָל, נישט מיר נישט דיר, אַרײַנגעוואָרפן. ס׳געפעלט איר — מאַכט זי — זײַן שטערן, די זינלעכע פולע ליפּן, דער יונגען גלאַנץ און זײַנע בלויע אויגן — אַרײַנגעוואָרפן אומדערוואַרט און נישט תּמיד צו דער זאַך.

— אתה אדם מקסים* — האָט זי געזאָגט — און אַוועקגע־לייגט אויפן טיש אַ קאָנווערט, האָנט־געלט, אַן אַדערויף איידער ער האָט דערוועגן גערעדט. און ער ווייסט, אַז „זי׳ לעבן אויפן לאָקש״. אַ „לאָקש״ פון אַ געהילף־גננת.

אַ פרוי דאַרף זײַן שיין און אַ מאַן קלוג — האָט זי אים געזאָגט דער באָבעס אַ ווערטל. דאָס מײַנט זי אים — האָט ער

---

* איר זענט אַ ליבלעכער מענטש.

פֿאַרשטאַנען — אַזוי האָט איר דיקטירט דער פּרוּשער, מבולבלער האַלב־פּרימיטיווער שׂכל. עפּעס ענלעכס אויף אַ שמייכעלע האָט ער בעת מעשׂה געזען אויף אירע ליפּן. אירע לויפּיקע שוואַרצ־אַפּלען האָבן דאָס מאָל געקוקט גלײַך אויף אים, ווי זי וואָלט געוואַרט אויף אַ תּשובֿה.

און ער זיצט מיט אַ באַשעפּטיקט פּנים איבער אַן אַקטן־טעטשקע און נאָך פּאַפּירן. ברילן מיט גרויסע טונקל־ברוינע ראַמ־לעך טראָגט ער. הייבט פֿון צײַט צו צײַט אַרויס דעם קאָפּ פֿון די פּאַפּירן. שטעלט אַן אויף איר אַן ערנסט פּנים, פֿרעגט איבער במתּינות אַ וואָרט און ווידער מיטן קאָפּ אין די פּאַפּירן. ער פֿאַרגעסט נישט, גראָד אין אַזעלכע פֿאַלן דאַרף מען זײַן אַביסעלע צוריקגעהאַלטן. אויפֿן וועג אַהיים טראַכט ער נאָך אַמאָל איבער די גאַנצע זאַך. כאָטש קיין ליבעס האָט ער נישט געפֿירט — זאָגט ער צו זיך — אָבער אין אַ פּרק פֿרויען־סטראַטעגיע איז ער נישט קיין גרינער.

אבני, אַלטער קאַוואַליער, איינזאַמער מענטש — טראַכט ער הויך אויפֿן קול — וועט עפּעס אַרויס דערפֿון?

פֿרידאַ זעט באַשײַמפּערלעך, אַז ער, אבני, קוקט אויף איר אַנדערש. אויך רעכנט ער זיך מיט איר יעדן וואָרט. אַ האָפֿערדיקע, אַן אײַנגעגלויבטע אין זיך פֿאַרלאָזט זי ס׳ביוראָ מיט אַ געפֿיל פֿון באַדויער און רחמנות אויף דעם קלוגן, ערנסטן מענטש: אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, וואָס דווקא אים דאַרף דאָס טרעפֿן, דווקא ער דאַרף אַזוי אויסזען. ער געפֿעלט איר. זי וואָלט געוואָלט האָבן צו אים חשק. סך־הכּל אַ מאַן איבער די פֿופֿציק. אַליין אַהער געקומען, דאָרטן נאָך דער מלחמה — אַ סטודענט — האָט ער איר דורך אגב דערציילט — דאָ גראַדואירט, געמאַכט סטאַזש, שנעל זיך דעראָבערט אַ נאָמען. פֿון האָלאַנד, האָג, איז ער. זײַן גאַנצע משפּחה: טאַטע־מאַמע, אַן עלטערער ברודער, אַ שיינער יונגער־מאַן — אומגעקומען. ער, דווקא ער איז געבליבן.

ס׳איז נישט אין שטייגער פֿון אַן אַדוואָקאַט אַזוי צו רעדן צו

אַ קליענטין. עפּעס קוקט ער אויף איר — זעט זי — אַנדערש ווי תּמיד. נאָכגעלאָזט פון שטײַפקייט ווי אַ צוגעוואָקסענער צום פּאָטעל. מיט ווייכע אויגן קוקט ער אויף איר. גאָרנישט אַזוי נאַריש געווען פון איר זײַט שטעלן אים קלאָץ־קשיות וועגן כּעלעם־עקרון. געמײַנט האָט זי אייגנטלעך זיך פאַרהיימישן מחמת איר טבע פון פּלוצימדיקער נערוועזיטעט און פאַרשעמטקייט בעתן קומען צום ערשטן מאָל אין באַריר מיט אַן אומבאַקאַנטן מענטש. אויפן וועג אַהיים: מיט איין אויטאָבוס ביז דער צענטראַל־סטאַציע. פון דער צענטראַל־סטאַציע מיט נאָך אַ מאַשין, אַ קנאַפּע שעה רײַזע — האָט זי צײַט אַרײַנצוטראַכטן ~~בפרטות~~ אין די זאַכן. גוט, וואָס זי האָט זיך הײַנט דערמאָנט אין אַ פראַגע וואָס זי האָט אין אַ זשורנאַל פּאַר פרויען געלייענט: ס׳עקבערט איר אין מוח און ליגט איר אויפן שפּיץ צונג און פאַרגעסט צו פרעגן. פאַרגעסט אפשר נישט, אָבער ביז הײַנט אָפּגעהאַלטן זיך פון צוויי פראַגן אייגנטלעך: „צי ליבע און ווילן זענען דער גרונט־כּוח פון מענטשלעכן גײַסט?״ און די צווייטע וואָס זי האָט יאָ געפרעגט: „צי די תּשוקה פון אַ מאַן וועקט מ׳צוטרוי צו דער פרוי, מאַכט אים גלייבן אין איר, צי דער צוטרוי, דער גלויבן אין איר — וועקט די תּשוקה?״

ער האָט פאַרהויבן דעם קאָפּ, אַנגעשטעלט זײַנע בלויע אויגן אויף איר, געשמייכלט און געשוויגן. ער האָט אויף דער פראַגע נישט געענטפערט. זי האָט אָבער געזען, אַז עפּעס האָט זיך אין אים אַ וועק געטאָן. ס׳בלוי אין די אויגן איז געוואָרן ליכטיקער, פײַכטער, אַ גוטסקייט האָט אויסגעדריקט זײַן פּנים.

עס איז גראָד אויסגעפאַלן אַ מיטוואָך — דער איינציקער טאָג אין דער וואָך, וואָס ער אַרבעט נאָך מיטאָג און די סעקרע־טאַרין איז נישטאָ. ער האָט דערציילט:

געבוירן, ווי זי ווייסט שוין, אין האַג, די הויפּשטאָט פון האָלאַנד מיט דרײַ און פופציק יאָר צוריק. אַרנאָלד שטיין, אויף העברעיִש — אבני. דער טאַטע — אַן אייגנטימער פון אַ פישפאַנג־נעצן געזעלשאַפט מיט באַגרענעצטער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. האָג

האָט געזאָגט אַז ער האַנדלט „אויף גרויס״. נאָך דער מלחמה — אַראָפּ פון דער גדולה זיך גענומען צו מעקלעריי: דירות, פּלעצער, געשעפטן. געוווינט אין אַ קליין הײַזקעלע, אַ הייפל, דריי צימערן. ווינטער אין די פרעסט, שנייען, האָט די הײַזקע פון דרויסן אויס־געזען ווי זי ליגט אײַנגעגראָבן אין שניי. פאַרשנייטע פענצטער־לעך ביז אַ העלפט פון די ווענט. אַ ווײַסער דאַך. אונטער די פענצ־טער פון אינעווייניק — אָנגעהאַרבעטע, שפּיציקע שנייבערגלעך. אין די שויבן האָט אַרײַנגעשלאָגן אַ בלויעניש.

ער האָט אַזוי שיין דערציילט אַזש אַ בענקשאַפט צו שניי האָט זיך איר אין די רגעס געוועקט. זי האָט קיין שניי נישט געזען. עס האָט איר דערמאָנט, וואָס די מאַמע האָט איר דערציילט ווען זי, די מאַמע איז נאָך אַ קליין מיידעלע געווען: סיביר. די באָבע איז אַרויס צו דער אַרבעט. אין אַ פּאַפּיר־פאַבריק האָט זי גע־אַרבעט. געלאָזט איר אַליין אין שטוב. פּראָסטיקע בלומען אויף די שײַבעלעך פון אַ קליין פענצטערל. אַז דער פראָסט האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזט פון דער בײַסאַגיקער זון, די בלומען זענען זיך צערונען, האָט זי אַרויסגעקוקט: אַ פאַרשנייטן דרויסן זעט זי. ווײַסע פעלדער. פערד. שליטנס. ביזן בויך טיף אין שניי טאָפּטשען די פערדישע פיס. הימל און ערד שניי. אַ בלוילעכע ווײַסקייט פונקט ווי אבני דערציילט. נאָכדעם אַ לאַנגע נסיעה און מיט אַמאָל — אַ זוניקע וועלט. זון און זאַמד. אַ באַקנדיקע היץ. זי לויפט אַ באָרוועסע אויף ברענענדיקן זאַמד. ס׳ברינט אין די פּיאַטעס. העלע טעג און שוואַרצע פענעצלעך ברויט. אויך נישט יעדן טאָג איז געווען שוואַרץ ברויט. מ׳האָט געהונגערט. ברוך השם וואָס דאָ הונגערט מען נישט.

דעם טאָג אין דער נאָכמיטאָג שעה, איז שוין געוואָרן אַ רגי־לות אונטערזיצן, געמיטלעך שמועסן. זי פאַרגעסט אָפּט נאָך וואָס זי איז געקומען. מעגלעך דערפאַר, וואָס זי ווייסט, אַז דער ענין גט ליגט אין זײַנע, אבניס, הענט, אין זײַנע גוטע הענט. ער קוקט איר גלײַך אין די אויגן אַרײַן. זי פאַרגעסט אין אירע לויפיקע

שוואַרצאַפּלען, אינעם פֿאַרגרעסערטן ווײַסל פון איין אויג. אַנומלט בײַ אַזאַ איבערשמועס האָט זי זיך דערמאָנט אין אַ וויץ, אפשר אַן אמתע זאַך: אירס אַ באַקאַנטע, אַ מאַמע פון אַ קינד האָט געאַרבעט בײַ אַן אַדוואָקאַט. אַ יונגער, סימפּאַטישער מענטש, אַ באַווײַבטער. זײַ האָבן זיך באַפרײַנדעט. אַ קליין קאָזעטקעלע איז געשטאַנען אין ווינקל ביורא. בעת אַן הפסקה צווישן אַזייגער צוויי און פיר האָט זיך אים אָדער איר נישט געגלוסט אַהיימגיין אויף באַלד צוריקקומען. האָט מען זיך צוגעלייגט אָפּרוען... איינעם אַן אין דער פרי קומט זי צו דער אַרבעט און זעט נישט ס׳קאָזעטקעלע.

— אוי! — שרײַט זי אויס — ער זאָגט מיר שוין אָפּ!...

4

אַוודאי האָט זי געוועקט בײַ אבנין אַ געפיל פון נאָענטקייט. צום ערשטן מאָל לעבט ער איבער אַזאַ געפיל, וואָס ער האָט דערויף נישט קיין נאָמען. און דאָ רעדט זיך וועגן אַ פרוי זײַנס אַ קליענטין. אייגנטלעך ליגט דער נאָמען אין איר, פרידאָס, פראַגע: „מה קדם למה״? וועלכעס קומט פריער? צי דער צוטרוי צו דער פרוי וועקט די תשוקה, צי די תשוקה וועקט דעם צוטרוי?״

אַ פשוטע פראַגע פון אַ פשוטער פרוי (אפשר איז סײַ די פראַגע, סײַ די פרעגערין נישט אַזוי פשוט). ער האָט נישט געהאָט קיין תשובה. אייגנטלעך זוכט ער די תשובה פאַר זיך אַליין. פון וואָס און וויאַזוי האָט זיך עס בײַ אים אָנגעהויבן? תשוקה? אַ הויכ־לעבע, אַ שלאַנקע. שיינע פיס. אַ פולער בוזעם. אײַ, זי ווייסט נישט וויאַזוי זיך קליידן. אויך ס׳פעלן פון קולטור און באַוווסטזײַן וועגן אייגענע מעלות זאָל זײַן איר חסרון? נישט אַנדערש: ס׳מינדער־ווערטיקייט־געפיל זאָל האָבן בײַ איר אָפּגענומען די פעיִקייט צו זען זיך אין דער אמתער ליכט. ניין, זי איז נישט אַזוי אומגעראָטן, נאַריש, אינפאַנטיל. נישט געטראָפן מיטן מאַן. ער איז צו שיין פאַר איר, אפשר צו יונג, דערצו — נישט קיין גרויסער מבין אויף איר. האָט נישט געהאַט שׂכל זיך דערקענען אויף אירע מעלות. ס׳וואָלט בײַ אים געקענט טרעפן אַזוי אויך מיט אַן אַנדערער פרוי, נישט דווקא מיט איר.

אים, איר מאַן, האָט ער נישט געזען. ער זעט אים לויט דעם, וואָס ער האָט פון איר געהערט: אַ הויכער, ברונעטער פאַרשוין, אַ פשוטער חי־וקיים, פרימיטיוו, היפּש פאַרגרעבט, גרענעצט זיך מיט וווּלגאַריטעט. אויב ווייסט ער וועגן ליבע איז נאָר צו איין

מענטש — צו זיך אַליין. מיט שענערע, גראַטענערע פרויען פון פרידאַ וואָלט עס אויך געקענט געשען. אַ מאָדערנע לענדל ישׂראל, לויט דער מאָדע אויף דער וועלט. מ׳האָט חתונה. גייט עס נישט ווי עס באַדאַרף צו זײַן — גט מען זיך אָדער מען ווינט באַזונדער. דער ערשטער קרבן איז דאָס קינד, זענען די קינדער. אין דעם פאַל איז פרידאַ דער קרבן — אַ גרויס קינד.

זייער צוזאַמענלעבן איז קאָנטיק פאַר אים אַן עול. גטן זיך? פאַרוואָס מוותּר זײַן אויף אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַ ריין בעט, אַ פרוי אין בעט, אַ ריין העמד, אַ מיטאָג.

ער געהער צו די מענער, וואָס האַלטן מסתּמא פון אייביקער ליבע בתּנאַי: שטענדיק ליבהאָבן אַן אַנדערע... גטן — כּמעט אַ טאָגטעגלעכע דערשײַנונג. עקאָנאָמישע אומאָפּהענגיקייט, פּילן קעגן שוואַנגערשאַפט, ס׳אומזשענירן זיך פאַרן געזעלשאַפטלעכן אויג.

די מאָדערנע געזעלשאַפט וויל אַ פּנים נישט פאַרשטיין, אַז דער פונדאַמענט פון דער געזעלשאַפט איז דאָס משפּחה־לעבן. משפּחה איז אַ רעם. צעברעכט זיך די רעם — פאַלט אַרויס ס׳בילד. אויך דער אויפקום פון אַ פאָלק וואָרצלט אין דער משפּחה. פון משפּחה — שבט, פון שבט — פאָלק. קומט ס׳פאָלק צום באַוווּסט־זײַן פון אייגענע, פסיכיש־גײַסטיקע, סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע, קול־טורעל־עקאָנאָמישע באַדערפעענישן — ווערט עס אַ נאַציע, די העכסטע מדרגה פון אַ פאָלק.

אַ שמועס דערוועגן האָט אבני געהאַט מיט זײַנס אַ קליענט, אַ געגטער, אַן אַקושער־דאָקטער, וואָס האָט צו טאָן מיט פרויען, מיידלער־מאַמעס, חד־הורה־משפּחות.* נישטאָ — טענהט ער — קיין שום שותּפותדיקס צווישן חתונה און ליבע. מען האָט איין מאָל, נאָכאַמאָל חתונה געזעצלעך, אָבער ליב האָבן קען מען אַ סך מאָל מחמת אַזוי איז די נאַטור פון מענטש. די תּשוקה שלײַדערט דעם מענטש אויף לינקס און רעכטס. די געזעצגעבונג

---

* איין עלטערן־משפּחה (אַ נישט חתונה־געהאַטע און אַ מאַמע פון אַ קינד).

איז אייגנטלעך קעגן דער תשוקה, קעגן דעם יצר. די אויבערהאַנט האָט אָבער דער יצר. צוואָס לייקענען? די ליבע איז פון גאָט געגעבן, די געזעצן — פון מענטשן.

חתונה האָבן דאַרף מען. משפחה־לעבן איז אַ רינגעלע אין דער קייט פון דער געזעלשאַפט. עס איז אויך געוווּנטשן, אַז די „רינגלעך" זאָלן זײַן פון זעלבן סאָרט „מעטאַל", כּדי די „קייט" זאָל זיך נישט צערײַסן.

נאָך מער: אַ טעאָריע האָט ער דער געגטער אַקושער־דאָקטער, אייגנטלעך — פון אייגענער פּראַקטיק: יונגע קינדערלאָזע פּרויען, פאַרעלטערטע מיידלעך, אַמאָל אין דער היים וואָלט מען זיי גע־רופן „פאַרזעסענע", לאָזן זיך „פאַרגוואַלדיקן", אָפּט טוט מען עס בכּוונה תּחילה, ווערן מאַמעס, פאַדערן אַלימענטן — אַ נײַע מאָדע פון איין־עלטערן משפּחות, אָבער נישט אַלע מענער לאָזן זיך פאַר־נאַרן.

טרעפט מען אָן אויף אַ פאַרמעגלעכן, אַ רײַכן פאַרשוין, צו מאָל — אַ בעל־מעמד, אַ חתונה געהאַטן. אַזאַ איינער צאָלט פאַר דער „תּמימות־בלום", וואָס אַנדערע האָבן אָפּגעריסן.

פרידאַ איז אין אבניס אויגן פון גוטן סאָרט: רויערד. נישט ווייניק אוצרות האָט די „ערד". זיי זענען אָבער באַהאַלטן אין די אינגעוויידן, נסתּר פאַר סתּם אַן אויג. אַן אינטעליגענטער מענטש קען דאָס סייסמאָגראַפיש אָפּפילן. אַרויסברענגען אויף דער אוי־בערפלאַך און געשטאַלטיקן, מאַכן נוצלעך.

דאָס יוצא־דופנדיקע אין איר התנהגות איז נישט דווקא צוליב איר נישטגעראָטענער מראה, אלא מחמת דעם מינדערווערטיקייט־געפיל וואָס די מראה האָט גורם געווען.

אומהצלחה בײַם לײַבלעכן טאַטן, אַ האַלבע יתומה, פון דער פריסטער יוגנט, אין שולע: חברטעס, חברים, סביבה. די פינצטערע שתיקה אַרום איר. סײַ אין שטוב סײַ אין גאַס — די מאַמע פון איר פאַרדרענגעניש.

טרעפט זי צופעליק איינע, נאָך איינע פון אירע חברטעס,

וועקט זיך אין איר אויפסנײַ אַ רחמנות אויף זיך. אַלע זענען זיי חתונה געהאַטע, מאַמעס פון קינדער, צו מאָל גרויסע קינדער.

זי האָט אויך אויף זיי רחמנות. זיי ווייסן נישט, ווי גליקלעך זיי דאַרפן זײַן. דאָס קען נאָר וויסן דער, וואָס איז אַזוי אומגליקלעך ווי זי.

ער, איר מאַן — טראַכט זי, פרידאַ — איז צו פשוט איר צו פאַרשטיין, דערקענען איר. מיט וואָס איז זי אים געפעלן אויב בכלל? די פרוי, ס׳ווײַב, ס׳גופיקע האָט ער געזען אין איר. דער פאַרשוין, דער שטילער געניסער, וואָס אין אים — שטויסט איר אָפּ, וועקט צון אים, ווי צו איר טאָטן שינאה: ליבע — שינאה. אבני איז קלוג, אינטעליגענט, האָט נשמה, האָט האַרץ. אַן עלטערן מאַן, אַ מאַן־טאַטע דאַרף זי, ער זאָל איר אויסשטרעקן אַ האַנט, אַרויסשלעפּן פון טונקעלן פאַרפּלאָנטערטן געוועב.

✶

ס׳לעצטע מאָל האָט איר אבני געזאָגט, אַז ער ווייסט שוין מיט וואָס פאַר אַ פאַרשוין ער האָט צו טאָן. ער האָט פאַר איר גוטע נײַעס. ער וויל איר זען. זי וועט באַקומען אַ טעלעפאָן פון דער סעקרעטאַרין אויף מיטוואָך נאָך מיטאָג.

צום אַרויסגיין פון ביוראָ, מיט איר אויפהייבן זיך און צוגיין צו דער טיר, האָט אַבני פון זײַן פאָטעל אַ זיצנדיקער מיט די אויגן אַ מעסט געטאָן פרידאַן גלײַך ער וואָלט איר צום ערשטן מאָל געזען. אַזוי, קאָנטיק, טרעפט מיט מענטשן נישט פון ערשטן אײַנדרוק. דער מעסט איז טאַקע געווען אַן ערשטמאָליקער, אַ מער סימפּאַטישער ווי אין אָנהייב. ער׳ט אַצינד געזען איר העל־ליכטיק פּנים, דעם הויכן, נישט צו גראָבן האַלדז, וואָס האָט זיך ווי אַ פּידל געצויגן פון אָפּענעם דעקאָלט אַרויס, אַרויף איבער די אַקסלען, די היפּשע בריסטן. פון זיי — צוויי ווערטיקאַלע ליניעס צו דער שמאָלער טאַליע. בעתן רעדן האָבן זיך די בריסטן געהויבן, געוואָרפן ווי ס׳וואָלטן דאָרטן געלעגן צוויי לעבעדיקע אײַנגעדרייטע

שלאַנגען. פון די אויסגעאיידלטע לענדן אויף אַראָפּ — קאָנטורן פון פעסטע שענקלען. שלאַנקע פיס אויף אַ הויך קנאַפּעלע. דאָס מאָל שענער ווי תּמיד האָט זי צום אַרײַנקומען און אַרויסגיין גע־שטעלט די פיס.

בכלל קומט זי לעצטנס אַ שענערע ווי אין אָנהייב: אַן אויפֿ־גערוימטע, אַן אויסגעפּיאַקעוועטע. אויך דער בליק אירער אויף אים איז אַ פרײַערער, אַן אָפענער, אַ פאַרהיימישטער. נעלם גע־וואָרן דער פאַרשעמטער נערוועזער קוק פון זײַטיקלעך־אַראָפּגע־בויגענעם קאָפּ.

פאַר וואָס האָט ער דאָס פריער נישט געזען? — פרעגט ער זיך. ווײַל ער האָט עס נישט דערוואַרט, נישט געוואָלט זען. משמע: אויך די אָפּטיק איז אַ סוביעקטיווע. מעגלעך — געוווינשאַפט. פון אייגענעם נסיון ווייסט ער עס. אויך — ווייסט ער ווויל — ער איז נישט דער מענטש פון ערשטן אײַנדרוק. ערשט ווען ער עפנט ס'מויל אין בית־המשפט אָדער אין אַ פּריוואַטן שמועס — הערט ער זיך, זעט ער גופא זיך אַנדערש. זענען זיי ביידע, ער און פרידאַ, ווי מ'זאָגט דאָ, על גל אחד, אויף איין כוואַליע.

די סימפּאַטיע איז, בכן, אַ קעגנזײַטיקע. זי מיט איר פײַנ־געפאָרעמטן גוף, שלאַנקע פיס; ער — מיטן קאָפּ אויפן קאַרק, וואָס דינט אים געטרײַ און קאָרמעט זײַן מויל — אַ מויל פון אַ חכם.

פון פרידאַס אָפּט — צו מאָל צו אָפּט — ווײַזן זיך אין ביוראָ און נישט תּמיד אויף זײַן בקשה — האָט אַבני דאָס פאַרשטאַנען.

נו, קען ער, מעג ער זיך אַרײַנלאָזן אין אַ ליבע־אַוואַנטורע? טאַקע אַן ערשטע, אפשר אויך אַ לעצטע אין זײַן לעבן. ער גע־פעלט איר. אַוודאי טוט אים הנאה. פרידאַ זעט אין אים דעם אומגע־ווײנלעכן קלוגן, אינטעליגענטן, גוטהאַרציקן מענטש. איז ער דאָס וואָס זי זעט אין אים? סך־הכּל איז ער דער פון גורל געשלאָגענער ראָנאַלד שטיין, דער פּליט פון האַג, וואָס האָט מיט גרויס עקשנות, נישט אָן מינדערוועריקייט־געפיל זיך דערשלאָגן צום מעמד פון

אַ באַקאַנטן אַדוואָקאַט. עד היום לעבט ער מיט דעם מינדערווער־טיקייט קאָמפּלעקס. הײַנט אַ מאַן: אַ טאַטע־מאַן האָט ער אַ ברירה צו זײַן. אַ קינד וויל זי. איז ער מסוגל צו דעם? איז ער דאָך, אויב אַזוי, אַנדערש וואָס זי מיינט, וואָס זי זעט אין אים. געענטפֿערט ער דאָך איר, פּרידאַן, דער גענאַרטער, פֿאַרראַטענער, אומגליק־לעכער פּרוי: נישט ווילנדיק פֿאַרראַט ער איר.

די זאַך האָט אים אָנגעהויבן ערגערן כאָטש בײַ מוותּר זײַן אויף אירע געפֿילן צו אים האַלט עס נישט.

5

ערשט נאָך אַ לאַנג אַרײַנטראַכטן און איבערלייגן די זאַך, נאָכדעם, ווי עס האָט זיך אין אים אַ וועק געטאָן דער מאַנס־פּאַרשוין מיט יענעם נאַרישן באַנאַלן נײַגער, וואָס שטויסט אַזאַ שטייגער מאַן אַן אויסגעהונגערטן צו ווײַב — האָט ער באַשלאָסן נענטער און טיפער אַ פּאָרש טאָן פרידאַן, אויפהייבן אַזוי צו זאָגן ס'קלייד פון איר יוגנט־זינד, ווי עס טרעפט בײַ מיידלעך, פרויען ביז דער חתונה. למען האמת איז ער כמעט זיכער געווען, אַז מער ווי תמימות און מיידלשן טוהר וועט ער בײַ איר נישט געפינען. ער וועט אָבער אין זכות פון איר איינציק־ערשטער ליבע צו איר מאַן, וואָס איז פון אָנהייב קאַליע געוואָרן — בעסער, דורכדרינג־לעכער איר זען, פאַרשטיין. געוווּסט האָט ער, אַז קיין ליגנט וועט ער פון איר נישט הערן. ווען יאָ — וועט ער אין די עווענטועלע ליגנס, וואָס וואָרצלען אין איר איך־פאַרטיידיקונג־אינסטינקט מגלה זײַן עפּעס נאָענטס, האַרציקס, היימישס.

ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן האָט ער אַרײַנגעטראַכט. עט־לעכע נעכט נאָך אַנאַנד נישט געשלאָפן, ווײַל ער האָט געמוזט טראַכטן. ס'האָט אים געוווּנדערט אויף זיך אַליין, אויף זײַן געדאַנק, וואָס פּראָיעקטירט אינטימע באַגעגענישן, מעשׂים מיט זײַן משונה־דיקער קליענטין. ס'ערשטע מאָל אין זײַן לעבן באַשעפטיקן זײַן מוח אַזעלכע געדאַנקען אין שטוב, אין בעט. אויפגעשטאַנען אין דער פרי מיט שטאַרקן קאָפּווייטיק. ער איז געבליבן זיצן אין בעט. נמאס אים געוואָרן די קאַרטאָטעקעס, די פּאַפּירלעך, די טעלעפאָנען. נישט געגלוסט זיך אויפהייבן גיין אין ביוראָ. די עניני דיומא. זאַכן חזרן זיך איבער, צעטרענצלען די צײַט, די טעג, די שעהען. ביוראָ

— שטוב, שטוב — ביוראָ. אַ סך מאָל האָט ער ס׳געפיל, אַז ער זיצט אין אַ תּפיסה אָן קראַטן.

ער האָט נישט געחלומט פון פרידאַ, בפירוש נישט. אָבער זי איז אים נאָכגעגאַנגען אומעטום: צו און פון דער אַרבעט, אין בית־משפט מיט די גטן, מזונות־ענינים, אין די שמועסן מיט די קאָלעגן אַדוואָקאַטן. אָט קוקט זי אויף אים מיט אירע הין און קריק לויפיקע שוואַרצאַפּלען. פאַרמאַכט ער די אויגן — שטייט זי אין איר שלאַנגיקייט קעגן אים שווייַגט. וואַרט. אויף וואָס וואַרט זי? שענער חנעוודיקער איז זי אין שווייַגן. זיך זעט ער אַ געבראָכענער, אַ נידעריקער. ער קוקט אַרויף צון איר. רק ער מיינט, אַז זי גייט אים נאָך. וואָס האָט זי געזען אין אים? סך־הכּל — אַ פאַרבייַגייענדיקער, פאַרלויפיקער פלירט, אַ בליץ אין זייַן פאַרנאַכט פון לעבן. דערווייַל איז זי נאָך אַ פרוי פון אַ מאַן. ער וויל שוין זען דעם גט. ער וויל איר מער נישט זען. „נאַדיר, אבני, אַ ליבע־אַוואַנטורע אויף די אַלטע יאָרן״.

מיטוואָך אין דער נאָכמיטאָג־שעה איז פרידאַ ווידער געזעסן קעגן אים אין ביוראָ. ווידער די זעלבע רייד:

— איך קאָן נישט מער לייַדן פון אים, איך ליב אים נישט, מייַן קאַוואַליער.

— לייַדן מאַכט שטאַנדהאַפטיק, פרידאַ.

— ווי לאַנג איז דער שיער? אַ קינד, אַ קינד, אַ גט!

— ס׳וועט זייַן בקרוב, גברת.

— אָן „גברת״.

— אָן „מר״.

— אַ קינד וויל איך. צוליב אַ קינד מוז מען נישט חתונה האָבן...

— משפחות איין־עלטערנדיקע פעלן נישט אין לאַנד.

— וועל איך דאָך נישט זייַן די איינציקע.

— איינע ווייניקער וועט נישט שאַטן.

— מר אבני, סליחה, רון, מײַן שטוב בענקט נאָך אַ קינד. די שטילקייט צווישן די פיר ווענט קלינגט מיר אין די אויערן.

אַ האַלבן טאָג אין קינדערגאָרטן בײַ דער אַרבעט לעבט זי. רעשט שעהען פון טאָג: די אָוונטן, די נעכט, אוי, די נעכט — קלאָגט זי זיך — פון אין דער פרי ביז אַ זייגער איינס זענען אירע בעסטע שעהען. ס׳באַדינען די קינדערלעך אין זייערע שפּילערײַען, זייער גראַגערײַ, ס׳אײַנזינגען מיט זיי די לידלעך אונטער דער מוזיק פון דער אַקאָרדיאָניסטין יעדן טאָג אַ קנאַפּע שעה, הײַנט זייער צופּאַטשן מיט די הענטלעך און אַליין אויך בהיסח הדעת פּאַטשן מיט די הענט, אונטערמורמלען מיט די ליפּן — מאַכט פאַר־געסן אין אַלע צרות. אַ, די קינדערלעך! זייערע לאַכנדיקע פּנימ־לעך, פרייעלעכע גלאַנציקע אייגעלעך. ערשט נאָכן קומען פון די מאַמעס, טאַטעס אַהיימנעמען זיי — הייבט זיך אָן די בענקשאַפט, דער ווייטיק. די ליידיקייט, די שטילקייט עלעהיי אַ וואָקזאַל נאָכן רוישיקן פאַרבײַפאָרן פון אַ באַן.

און אַ ביסעלע ליבע? אַן אַרומנעם פון שטאַרקע אָרעמס? אַ קוש? איינע פון די קושן וואָס דערוואָרעמען די נשמה, באַהעפטן צוויי נשמות צו איין גוף. כאָטש איינמאָל זען דעם „גבור”, דעם קאַוואַליער אין זײַן שוואַכקייט, אין זײַן באַדערפעניש אַ גלעט טאָן, אַ צערטל טאָן אַ ווײַב.

עס קלינגט אפשר נאַריש פון איר זײַט דערוועגן צו רעדן — פאַרענטפערט זי זיך. אפשר איז איר שטילער גענױסער, דער שווײַ־גער נישט פעיִק אַזוי צו פילן, צו טראַכטן, אָבער אַזוי איז די נאַטור פון אַ פרוי. קען מען גיין קעגן דער נאַטור?

אבני שווײַגט גלײַך נישט צו אים רעדט זי. ער באַטראַכט איר פון איבער די ברילן. עפּעס האָט זי געהאַט אין זיך בעתן רעדן צוציענדיקס. אומגלויבלעך האָבן געקלונגען אירע רייד אין זײַנע אויערן. נאָר לײַדן, לײַדנדיקע הערצער אַפילו פון פשוטע מענטשן קענען אַזוי רעדן, געפינען די אמתע ווערטער, וואָס קלוגע אינ־טעלעקטואַלן דאַרפן זוכן און נישט תּמיד געפינען. דאָס פּנים, וואָס

האָט צום ערשטן אַריינקום קיין שום רושם נישט געמאַכט, פּאַר־קערט, עפּעס גאָרנישט זאָגנדיקס, באַנאַלס איז אויף דעם נישט שיינעם פּנים אויסגעגאָסן געלעגן — האָט מיט אַמאָל באַקומען אַן אויסגעאיידלטע מראה, אַן אינערלעכע ליכט האָט דערפון געשלאָגן.

פּאַרנאַכט. אייגנטלעך שליסט אבני ס׳ביוראָ אין דער שעה, איז זי געקומען.ביידע זיצן איינע קעגן אַנדערן. זי שווייַגט. ער רעדט. אַראָפּגענומען די ברילן, אויפגעהויבן דעם קאָפּ. זיינע זינ־לעכע פולע ליפּן, די מויל־תּנועות, ס׳בלוי פון די אויגן געפעלן איר. הייַנט זייַן שטערן. אין דער טונקעלער פאַרנאַכט־שעה, שאָטנס שפּרייטן זיך אויף די ווענט און אויפן סופיט — איז דאָס מאָל העלער, לייַכט אַרויס פון דער טונקלעניש.

זי וואַרט נישט ער זאָל זיך אויפהייבן, ווייסט, אַז ער האָט נישט ליב רירן זיך פון פאָטעל — פרעגט זי אים נישט, פרידאָ. שטעלט זיך אויף, מאַכט עטלעכע טריט צום שאַלטער בייַ דער טיר און צינדט אָן ס׳ליכט.

— אַ דאַנק, פרידאָ.

זייַן וואַרעם קול וואָס ער לאָזט אַזוי ווייניק הערן רופט בייַ איר אַרויס התפּעלות. הייַנט זייַן רעדן צו איר ווי צו זייַנס גלייַכן. ווען האָט זי אין שטוב אין די שעהען ווען זי קומט פון דער אַרבעט, אין די אָוונטן, אין די נעכט? לײדיקע פיר ווענט. קומט ער, איר קאַוואַליער — און נעמט אָן אַ פול מויל שווייַגעניש.

דעם מיטוואָכדיקן טאָג, אָוונטצו האָט ער זיך באַוויזן, דער קאַוואַליער אירער. ער האָט איר אויסגעזען אויפגעלייגטער ווי תּמיד. זי האָט געפּרוּווט אַ רעד טאָן:

— אַזאַ מענטש ווי דו האָט נישט באַדאַרפט חתונה האָבן, פאַרדרייען אַ קאָפּ אַ ווייַב.

ער האָט יאָ און נישט געהערט. גיך־גיך אַרויסגעוואָרפן עט־לעכע ווערטער, אַ שטייגער איינער קנאַקט קערעלעך און שפּייט אויס די שאָלן:

— וואָס פאַר אַ שלעכטס האָב איך דיר געטאָן?

— שלעבטס מיט נישט טאָן, אַ קינד וויל איך — האָט זי באַ־דאַרפט ענטפערן און אָפּגעשוויגן. זי האָט געזען, אַז ער וויל נישט הערן. די רייד יאָגן אים אַרויס פון שטוב.

און איר יאָגט אַרויס פון שטוב זײַן שווײַגן. זי האָט דער באָבען דערציילט דערוועגן אַקעגן דעם וואָס די דיינים רעדן וועגן דברי נועם. נישט קיין איבעררייד איז דאָס געווען, אַ מאָנאָ־לאָג: זי האָט גערעדט. ער האָט געשוויגן.

— נישט קיין נאַר, טאַכטערשי.

— אַ נאַר אַ טיפּש איז ער.

— יעדער נאַר — זאָגט אַ ווערטל — גיט זײַן קאָפּ ברויט צו עסן: קייען איז נישט הבל — האָט געזאָגט איר גאָטזעליקער זיידע.

— צו באַפעלן זיך מיט מיר האָט ער שׂכל: כאַליעט ביז האַלבן טאָג אין בעט און שיקט איר ברענגען אַ צײַטונג.

— איך האָב נישט קיין צײַט. איין טאָג חופש הײַנט.

— גיי, מותק, ביסט דאָך אַ גוט ווײַב.

דברי נועם רעדט ער צו איר:

— גיי, כ׳בעט דיך.

— צום רבנות וועסטו גיין מיט מיר?

אַזעלכע „דיאַלאָגן", מאָנאָלאָגן זענען אבנין גוט באַקאַנט. דאָס איז דער אָנהייב און דער סוף פון צעקריגטע פּאָרלעך. אים וווּנדערט פון דעסטוועגן אויף דער חוצפּה פון די מענער נישט ווייניקער, ווי אויף דער סבלנות פון די פרויען. ס׳קאָן גרײַלער זײַן, אַז די חוצפּה שעפּן זיי אין דער סבלנות פון די פרויען. ער ווייסט אויך פון הייבן אַ האַנט אויף אַ ווײַב. אויך די פּרעדיקער פון „דברי נועם" זענען שולדיק אין דעם. זיי האָבן צײַט. קיין צײַט האָבן זיי נישט ווען ס׳האַנדלט זיך אין געבן חופּה וקדושין אַ מינדעריעריק מיידל, וואָס שטאָט פירן איר צו דער חופּה, האָט זי געטראָגן צו דער חופּה.

דו דערציילסט דאָך וועגן די אויפטועז פון באַרימטן אַדוואָ־קאַט, אבני.

— יאָ, איך האָף אַז ער וועט עס מאַכן בסדר.

— גאַנץ עקרון רעדט וועגן אים, שטאָט זאָגט „אַן אָפּיס־קאָפּ״ * — זאָגט די באָבע.

— נו, יאָ, אָבער עס ליגט דאָך נישט אין זיינע הענט. ער, דער קאַוואַליער ווייזט זיך נישט אין בית־המשפט. ער באַהאַלט זיך אויס.

* אָפּיסקאָפּ: קלוגע קעפּ, קירכע־לייט, ביסקאָפּן. מיטן אויפקום פון קריסטנטום אין 7־8 י. ה. האָבן זיי געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין רוים, אין גאַנץ איטאַליע. שפּעטער אין אַנדערע לענדער ביי דער זייט פון פּויפּסט.

6

דאָס מאָל איז פרידאַ געקומען אַזייגער איינס, אַ שעה פֿאַרן שליסן ס׳ביוראָ. זי האָט אים דערציילט וועגן דעם איבעררייד מיט אים, וועגן זײַן אויסמײַדנדיקן ענטפֿער צו דערשײַנען מיט איר אין רבנות.

— נישט געדאגהט, מ׳וועט אים ברענגען צו פֿירן.

זי וואָלט געוואָלט גוטערהייט, אָן פּאָליציי — זאָגט זי.

— „דברי נועם״, פֿרידאַ!

— אוי, מר, סליחה, אבני, רון, דו לאַכסט פֿון מיר?

— איך בין בייז אויף אײַך פֿרויען.

— אדון, סליחה, רון, דערפֿאַר האָסטו נישט חתונה?

— מײַן זיווג איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן.

— סט׳שוין באַדאַרפֿט זײַן אַ זיידע.

— פֿרידאַ, דו ווייסט דאָך יאָ, אַז עס מאַכט זיך נישט וויאַזוי מ׳וויל.

— איך וויל דיך מאַכן פֿאַר אַ טאַטע.

— דערווײַל ביסטו אַ פֿרוי פֿון אַ מאַן.

— איך וויל דיר עפּעס פּראָפּאָנירן, רון.

— רעד.

— איך האָב שוין דערוועגן לאַנג געטראַכט. קודם איז געווען קאַלט, ווינטער. הײַנט האַלטן מיר בײַ חודש אַפּריל. שיינע טעג, אַ שיינער פֿרילינג. שוין עטלעכע מאָל אויפֿן שפּיץ צונג געווען די פֿראַגע און זיך אָפּגעהאַלטן.

— אָן פֿאַררעדעס, פֿרידאַ.

פֿרידאַ קוקט אויף זײַן שמייכלדיק פּנים. אַ גלענצל שײַנט

אַרויס פון זײַנע בלויע אויגן. עס מאַכט אים ייִנגער. אַ גוט געמיט אויף אים. זיי זענען דאָך אייגנטלעך נאָענטע פרײַנד. אַט־אַט שליסט ער ס׳ביורא. זי זעט עס אין זײַן פנים, וואָס איז אָנגעשטעלט אויף איר. די ברילן ליגן אויפן טיש. די הענט רוען. ער דערוואַרט פון איר הערן וואָס זי וויל זאָגן און זאָגט נישט. אַ מין ייִנגלישער נײַגער קוקט אַרויס פון זײַנע אויגן, פון זייער גלעטנדיקן בלוי.

— איך האָב חשק צוכאַפּן זיך צום ים.

— ווער שטערט דיר?

— כ׳מיין מיר ביידע, האָסט דאָך אַ מאַשינדל.

— דערפאַר, צוליבן מאַשינדל?

— רון, ס׳פּאַסט נישט פאַר אַזאַ קלוגן רעדן נאַרישקייטן.

— לעולם רעדן מיר שוין וועגן זאַכן וואָס האָבן נישט קיין שייַכות צום ענין גט.

— זאָגסט מיר אָפּ, רון?

— איך זאָג דיר דערווײַל נישט צו.

— עס מוז נישט זײַן הײַנט. דער פרילינג הייבט זיך ערשט אָן.

— נישט אין דעם גייט עס, פרידאַ. ווי דו זעסט נישטאָ בײַ מיר קיין קאָזעטקע...

— ביסט דאָך אַ קאַוואַליער.

— איז דאָך אַדרבא.

עס האָט אים דערמאָנט אין אַ וויץ. איך מוז דיר דערציילן — מאַכט ער — אַ מאַן איז קראַנק געוואָרן אויף בויכווייטיק. ער איז אַוועק צום דאָקטער. דער דאָקטער באַטראַכט אים, זאָגט:

— אדוני, איר שוואַנגערט.

— דאָקטער, ווי קען עס זײַן?

— דאָס וואָס איר הערט.

— איך בין דאָך נישט קיין באַווײַבטער...

ביידע האָבן זיך צעלאַכט. ס׳ערשטע מאָל אין די העכער פיר

חדשים, וואָס זי קומט אַהער צוויי־דריַי מאָל אין וואָך — לאַכן ביידע הויך אויפֿן קול, אַ יונג, אָפֿן געלעכטער. עס מאַכט אים ווירקלעך ייִנגער, שענער אין אירע אויגן.

— אין נאָך עפּעס דערמאָנט מיך דער ים: עפּעס טרויעריקס און פֿריילעכס. כ׳מוז דיר דערציילן, נישט אַצינד. שפּעט. מיטאָג־צײַט. גיב אַ קלונג. פֿאַרגעס נישט.

אַרויס איז זי פֿון ביוראָ אַ טרויעריקע. זי האָט זיך דערמאָנט וואָס איז דעמאָלט מיט אַ קנאַפּ יאָר צוריק מיט איר געשען בײַם ים. אַוודאי וועט זי אים דערציילן. נישט נאָר אין תּורת המשפּטים איז ער קלוג. ער איז אויך אין הלכות מענטשלעכקייט, געפֿיל, ווי די באָבע זאָגט, אַן אַפּיסקאָפּ.

אַ, יענער אין דער פֿרי. אויפֿגעשטאַנען מיט אַ שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק. אַ נודנעקייט, אַ שווערער געמיט אויף איר. עס דריקט אויפֿן האַרץ. ער איז געשלאָפֿן, אפֿשר געמאַכט זיך שלאָפֿן. אַלץ איז איר מיט אַמאָל נמאס געוואָרן. אַזוי איז זי אַרויס צו דער אַרבעט אָן נעמען עפּעס אין מויל אַרײַן, אָן אַ טרונק. אומגעדולדיק געווען די עטלעכע שעה אין קינדערגאָרטן. די מנהלת האָט עס אַוודאי באַמערקט, געוווסט: ס׳איז נישט איר טבע. געשוויגן. אַהיימגיין האָט זיך איר נישט געוואָלט. אין גאַס האָט זי נישט וואָס צו טאָן. אין אַזאַ מצב איז גלײַכער זיך נישט ווײַזן פֿאַר מענטשן. און ס׳דריקעניש הערט נישט אויף. וואָס וועט זײַן מאָרגן, איבערמאָרגן? אַזוי־אַ נישט ווויסנדיק אַליין פֿאַר וואָס, וואָס צו טאָן מיט זיך — איז זי אַרײַן אין אויטאָבוס, וואָס איז גראָד פֿאַרבײַ־געפֿאָרן אויף צפֿון תּל־אָביב ביזן ירקון, נישט ווײַט פֿון ים. זי וועט צוגיין צום ים — האָט זי געטראַכט — דעם באַדקאָסטיום טראָגט זי נישט אויף זיך. זי דאַרף אים נישט. זי וועט זיך נישט באָדן. זי וועט אַרײַן אין וואַסער אָט אַזוי ווי זי גייט און שטייט: אַרײַנוואַליען זיך און אַ סוף זאָל עס נעמען.

אַ סך מענטשן זענען געווען בײַם ים. אין דער נאָכמיטאָג־שעה וואַרעמט ווויל די זון. אַ ים־ווינטל האָט געקילט ס׳פּנים. עס האָט

איר ווייניק געפּרייט. זי דאַרף נישט דאָס ווינטל, זי דאַרף נישט דעם ים מיטן וואַרעמען וואַסער, זי דאַרף נישט די זון.

אַ פריילעך רוישן פון מענטשן, שטילער געפּליעסק פון די כוואַליעס. ריינע, קלאָרע כוואַליעס. ווער דאַרף זיי... פישעלעך קלענערע און גרעסערע לויפן אום הין און צוריק. אָט גיט איינס אַ הייב זיך און אַ שפּרונג אַרויס פון אַ כוואַליע, כאַפּט אַ פליג און ווערט נעלם. עס איז צו באַוווּנדערן די פלינקייט, דעם ספּריט און דעם שׂכל פון גאָטס באַשעפעניש, ווען, ווו אַרויסהייבן זיך, פאַנגען דעם רויב און זיך קוויקן מיט אַ לעבעדיקן ביסן. נאָר איר, איר איז אַזוי שלעכט. זי קען זיך נישט העלפן.

מענער, פרויען, יוגנט און עלטערע זעט זי. פּנימער, נאַקנס, געלענקען. געלעכטערס, אַ שרייַיק איבעררופן זיך. קינדערלעך שפּילן זיך אין זאַמד. זאַמדפּאַלאַצן, טורעמס בויען זיי. קעפּ פון מענטשן, חיות, עופות קנעטן זיי אויס פון זאַמד און וואַסער: וואַרפן אום און בויען ווידער.

אַז ווויל איז זיי די קינדערלעך, נאַקעטע, אָפּגעבערענטע, לויפן זיי אום, ווויעווען. נישט ווייַט פון זיי זיצן די מאַמעס אין באָד־קאָסטיומען פון צוויי טיילן — סטאַניקעס און תּחתּונים. לאַכן, שעפּן נחת פון די צעשפּילטע קינדערלעך.

אין אָנטאָן אין די לאַטשן שטייט זי אַ פּאַרקוקטע, אַ פאַר־דמיונטע נאָענט פון ברעג, אַ טראָט־צוויי און זי איז אינעווייניק — פּליוך און נישטאָ מער. אַ גוטע שווימעריין איז זי, דערמאָנט זי זיך. זי וועט אָבער גאָרנישט טון כּדי צו האַלטן זיך אויפן וואַסער. אַ שאָד וואָס זי האָט נישט עפּעס שווערס ביַי זיך עס זאָל שנעל, וואָס שנעלער איר אַראָפּציִען טיף־טיף, וואָס שנעלער פּטור ווערן...

פּלוצים הערט זי אַ געשריַי: „ראַטעוועט, ראַטעוועט!״. זי דרייט דעם קאָפּ צו דער זיַיט פון וואַנעט ס׳געשריַי קומט. אַ רעדל מענטשן שטייט דאָרט, מאַכן מיט די הענט, הערן נישט אויף שריַיען „ראַטעוועט!״. און אָט טראָגט אַ הויכער פעסטער מאַן אויף בײדע הענט, ווי אַ טאַץ אַ פרוי פון וואַסער אַרויס. „אַ דערטרונקענע״ —

הערט זי. פון קאָפּ צעפּאַטלטע האָר און פון אָנטאָן, פון גאַנצן גוף, וואָס ליגט נאַזנדיק, די פּיס אַראָפּגעהאָנגען, איבערשטער טייל פאַרוואָרפן אויף צוריק און ס׳טריפט פון איר וואַסער.

אַזוי־אָ וועט מען איר אַרויסשלעפּן פון וואַסער? — לויפט איר אַדורך אַ געדאַנק — אַ געבויגענע, אַ געבראָכענע אויף פרעמדע הענט וועט מען איר אַרויסשלעפּן. אָ, ווי שרעקלעך! עס קערט די גאַל. און טאָמער וועט מען תיכף באַמערקן און זי אַרויסשלעפּן אַ האַלב־לעבעדיקע? מענטשן זענען אַצינד אויפ־מערקיק. ניין. נישט אַצינד, נישט היינט — זאָגט זי צו זיך און מאַכט עטלעכע טריט צוריק.

טאָפּטשענדיק אין זאַמד היבשע עטלעכע צענדליק מעטער ביז צו די צעמענט־טרעפּ וואָס פירן אויף דער שפּאַציר־טעראַסע און פון דאָרט צום אויטאָבוס אַהיים — האָט זי זיך נאָכאַמאָל אַרומ־געקוקט, דערפילט די זון איבערן קאָפּ. אַ נאָכמיטאָג־שעה געווען. די זון האָט מילד געוואַרעמט. עפּעס ענלעכס אויף אַ ים־ווינטל, אַ קילס האָט געגלעט דעם האַלדז, ס׳פּנים. אַ געגיי פון מענטשן, אַלטע, יונגע, קינדער. טעקסיס, פּריוואַטע מאַשינען, אויטאָבוסן לויפן, מאָטאָציקלען טראַסקען. פון די קאַפעען, רעסטאָראַנען, קראָ־מען פון גלידה און לייכטע געטראַנקען הערן זיך פריילעכע לידער, שלאָגערן. אַ לעבעדיקע ליכטיקע וועלט. גוט, גוט וואָס האָסט עס נישט געטאָן — האָט איר אונטערגעזאָגט אַ געפיל, אַ געדאַנק.

צוריק פון ביורא, אין שטוב, האָט זי זיך מער ווי תמיד גע־דרייט אָן אויפגעלייגטע פול מיט לעבן. זיך דערמאָנט אין אבנין, דער איינציקער מענטש, מאָן וואָס רעדט צו איר ווי צו זיינס גלייכן. הערט איר מיט געדולד, מיט איינזען, פאַרשטייט איר. ער וועט איר נישט אָפּזאָגן. ר׳וועט אַ ליאַדע טאָג זיך לאָזן הערן אין טעלעפאָן. חוץ דעם האָט ער גוטע נייעס. דער ענין גט איז אַ פראַגע פון געציילטע טעג — האָט ער איר געזאָגט.

7

בײַ אַן אויסבויג־געסל, וואָס פירט אין ביוראָ, האָבן זיי זיך געטראָפן אַ מיטוואָך, אַזייגער פיר נאָכמיטאָג. אין דער שעה האָט זי צײַט געהאַט קומען פון דער אַרבעט, עפּעס איבערכאַפּן, אָפּרוען זיך און לאָזן אין וועג אַרײַן. אויך דער ים איז אין די נאָכמיטאָג־שעהען אַ מילדער, ס׳וואַסער — וואַרעם — אַ וואַנע. די זון ברענט נישט, אַ קיל מחיהדיק ווינטל.

דער קאַוואַליער איז נישט אין שטוב. די לעצטע טעג, וואָכן קומט ער כּמעט נישט אַהײם. קומט ער יאָ איז בלויז אויף איבער־שלאָפן עלעהיי אַ האָטעל — אויך נישט יעדע נאַכט. בײַטאָג היט ער זיך אויס פון די אומגעבעטענע געסט מיט צעטעלעך אין די הענט — שליחים פון רבנות, בית־משפט אָדער — פּאָליציי.

מ׳פאָרט צום ים. מיט די הענט אויפן ראָל זיצט אבני באַקוועם, ווי בײַ זײַן טיש. האָט אויך צײַט איבערכאַפּן מיט איר עטלעכע ווערטער.

למען האמת — זאָגט ער — האָט ער נישט ליב דעם ים. אַ סך סיבות דערצו. פרידאַ ווייסט, אַז אייגנטלעך האָט ער איין סיבה: אַזאַ שטייגער מענטש אין אַ פּליאַזשע־בגד, אַזויפיל מענטשן, אַזויפיל אויגן — קיין גרויס נחת דערפון האָט ער נישט. ער האָט דערצו אַן אַנדער טעאָריע: שווימען קען ער נישט, זיצן מיטן העמדל איבער די הויזן קען ער בײַ זיך אויף דער טעראַסע. הײַנט, באַדהײַזעלעך? — נישט קיין בושה, אָבער אַ גרויסע חכמה פון זײַן זײַט איז עס נישט. אַן עלטערער מענטש, אַ געבראָכענער (ס׳וואָרט „הויקער" אסור צו דערמאָנען), געפּאָלדעוועטער בויך, אַ קנייטשיק פלייש, לויזע נאָכגעלאָזענע מוסקולן, דינע בייניקע

פּיס, באַאַדערטע. ער ברענגט די זאַכן נישט פאַרן מויל. מען דאַרף נישט זײַן גאָר אינטעליגענט דאָס צו וויסן. פרידאַ מיט איר נאַרישן שׂכל פאַרשטייט אַוודאי. חוץ דעם, זאָגט ער — ער איז אפשר נישט אומגערעכט — אַז פאָרן מיט איר צום ים איז פון זײַן זײַט אַ גרויס נאַרישקייט: אַ נאַרישער גאַנג פון אַן אַלטן פאַרליבטן קאַוואַליער. עס איז דאָך מסוכּן. ער שטעלט זײַן קאַריערע אין אַ סכּנה. ער איז דאָך איר אַדוואָקאַט, זי איז אַ פרוי פון אַ מאַן, זייער ענין גט — אין באַהאַנדלונג. מעשׂה שׂטן, קאָן מען טרעפן אַ באַקאַנטן מענטש. אויך איר מאַן קען זיך אָניאָגן. וואָס האָט ער צו טאָן דער ליידיקגייער? אָ, דעמאָלט, דעמאָלט איז שלעכט: גוט שלעכט. פאַר וואָס זשע טוט ער דאָס, דער חכם? אַז זי, פרידאַ, האָט אים פראָפּאָנירט אַזאַ זאַך — האָט אים, דעם דזשענטעלמען, נישט געפּאַסט אָפּזאָגן. ער האָט אויך פאַרשטאַנען, זי האָט שטאַרק חשק זיין בײַם ים און אַליין איז אַוודאי נישט פון די אָנגענעמע זאַכן.

אָט די אַלע ספקות האָבן אבנין געעקבערט דעם מוח. אַ גאַנצע וואָך האָט געדויערט ביז ער האָט באַשלאָסן צוליב טון איר, פרידאַן. פאָרט מען שוין איז צוואָס די רייד? — זאָגט ער צו זיך. אויך נישט כּדאַי צו רעדן בעתן פירן אַן אויטאָ. די וועגן, די שאָפערן, די שמאָלע כּבישים — גלײַכער שווײַגן. וועט זײַן אַ געלעגנהייט בײַם ים — מילא, כאָטש ס'איז שוין אַ געשעענער פאַקט. פון זײַן זײַט, ער, אבני דער אַלטער קאַוואַליער, בײַ דער זײַט פון אַ יונגער שטאַלטנער פרוי — איז אויך נישט קיין קליינע איבערלעבונג סײַ פאַר זיך, סײַ פאַר אַ פרעמד אויג. און אַז זי איז באַשטאַנען, אַז איר איז ליב, איז אים ניחא.

אויף אַ זאַמדבערגל ווײַטלעך פון מענטשן, פון ים־גערויש האָבן ביידע זיך פאַרקליבן. ער האָט אַראָפּגעצויגן פון זיך דאָס העמדל, די הויזן, דעם אויבערשטן טייל גוף אײַנגעמאַסטעט אין אָנגעצויגענעם ניילאָן פון ליגשטול, איבער די פיס פאַרוואָרפן אַ האַנטעך. זי, לעם אים אויף אַ ליגשטול אין אַ ביקיני. אבני האָט

צום ערשטן מאָל געזען פרידאַן אין דער פּאָזע פון כּמעט אין חוהס לבוש. ער האָט נישט געקענט אַראָפּנעמען די אויגן פון אירע הויכע פיס און שטײַפן בוזעם, ווײַסן האַלדז, איידעלע טאַליע און פעסטע שענקלען. אירע קיינמאָל נישט פאַרקעמטע, קורצע שיטערע, בלאָנדע הערעלער, וואָס האַלטן קיינמאָל נישט פאַסאָן — זענען אַצינד אונטער אַ גומען־בערעטל. אויך דער גאַנג אירער הין און צוריק פון ים, ווי זי מאַכט אַלע מאָל אַ נורעק — גאָר אַן אַנדערער גאַנג ווי בעתן ווײַזן זיך אין ביוראָ אין די ברייטלעכע, לאַנגע ספּודניצעס, אַמאָל הויזן, אַ בלוזקע, וואָס הענגט אויף איר לויז, דעפאַרמירט, טעמלאָז, אומגעלומפּערט.

טונקעלע זונברילן טראָגט זי. אומבאַמערקט אַצינד איר זײַטיק־לעכער בליק און ס׳אומלויפן הין און צוריק פון די שוואַרצאַפּלען. גאָר אַן אַנדערע, אַ ווײַטלעך־פרעמדע היימישלעך־צוגעלאָזטע פרוי זעט ער פאַר זיך. אבני האָט אין די רגעס אינגאַנצן פאַר־געסן, וואָס ער האָט געטראַכט און לאַנג געספּקט ביזן באַשליסן פאָרן אָדער נישט פאָרן מיט פרידאַן צום ים. עס האָט אים גראָד הנאה געטאָן אויפן באַשלוס — יאָ פאָרן. ער האָט פון דעסטוועגן אויף אַ רגע נישט פאַרגעסן וויאַזוי ער אין באַד־בגד זעט אויס לעם איר. קיין סך פאַרגעניגן האָט אים דאָס נישט פאַרשאַפן.

פאַרגיטיקט האָט אים ס׳העמדל איבער זײַן גוף און האַנטעך איבער די קניען, וואָס האָבן זיך געלאָזט ליבלער וואָרעמען און גלעטן פון דער מילדער נאָכמיטאָג־זון: זײַן גוף תּמיד אין אַ שײַ־נעם קאָסטיום, ריין אויבערהעמד, קאָלנער־בינדע, די פיס אין אַ לאַטש מיט אַ נומער צוויי גרעסער, כּדי ער זאָל אַרײַנלייגן אַ ווישטשולקע און אויסזען העכער — האָבן פרײַער אָפּגעאָטעמט.

אַ דערוואַרעמטער איז ער צוגעלאָפן צום ברעג — איין מאָל סך־הכּל אויף פרידאַס בקשה נאָך אירע עטלעכע מאָל אַרײַן און אַרויס פון וואַסער — ער זאָל אַביסל אָפּפרישן זײַנע גלידער.

אַ געבויגענער ווי ער וואָלט געגאַנגען אויף הייסע קוילן, האָט ער נאָך די ערשטע טריט אין וואַסער, אויסגעשטרעקט די

הענט, אָנגעשעפּט וואַסער, אַרומגעוואַשן ס׳פּנים, מ׳האַלדז, די פּיס ביז אַרויף צו די קורצע הייזעלער. אַרויס מיט שנעלע, לויפיקע טריט ווי עמעצער וואָלט אים נאָכגעיאָגט. ערשט נאָכן צוריק אָוועקזעצן זיך אין דער פריערדיקער פּאָזע האָט ער דערפילט דעם פרישן געזאַלצענעם ים־ריח צוזאַמען מיט דער וואַרעמקייט פון וואַסער, וואָס האָט אים באַנעצט די פּיס ביז אונטער די קניען. אומבאַמערקט פאַר אים פון וועלכער זייט זי קומט, האָט פרידאַ מיט עטלעכע פלינקע לאַנגע שפּרייזן זיך אַ טראָג געטאָן צו אים. ער האָט מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ געזוכט איר די גאַנצע צייט אין וואַסער און אָט שטייט זי לעם אים. וואַסערטראָפּנס רינען פון איר פּנים, פון גאַנצן גוף. זי שמייכלט, שאָקלט מיט די האַנט־פלאַכן איבער אים. ער ציטערט אויף, שמייכלט, ווייזט איר אָן מיט דער האַנט זי זאָל זיך זעצן אויף דער ליגשטול.

אַרום און ווייטער פון זיי — בחורים, מיידלער, מיטליאָריקע און עלטערע מענטשן, גייענדיקע, זיצנדיקע, ליגנדיקע. בלאָנד־האָריקע, שוואַרצע, אויך גרויע קעפּ. נאַקנס, פּלייצעס, גלייכע, גראָמאַדנע, פעסטגעבויטע מענער, שטאַלטנע, געוויקסיקע בחורים. ברונעטע, אָפּגעברענטע פּנימער, גלאַטראַזירטע און בערדיקע. איי־נער אַ הויכער בחור שפּרייזט פאַזע דעם ברעג. זיין רעכטע האַנט אַרום די לענדן פון אַ יונג מיידל נישט קיין סך נידעריקער פון אים. איר בלאָנדער קאָפּ האָר פאַרנומען אויף אַרויף מיט אַ רויט שלייפל. יונגע איידעלע פּיס — אַ הירשין. איר האַנט אויף זיין אַקסל. וויפל שיינקייט, ריטעם אין זייער גאַנג. צוגעטוליעטע איי־נע צום צווייטן שפּרייזן זיי. זיי גייען אים פאַרביי. איר צעשמייכלט פּנים געווענדט אין זיין זייט. איר פאַרבייַיקער קוק אויף אים אַ זיצנדיקן, העמדל אויף דער פּלייצע, האַנטעך איבער די קני זאָלן האָבן ביי איר אַרויסגערופן אַ שמייכעלע: מן־הסתם נישט אַנטציקט פון זיין פּאָזע — טראַכט ער. און אפשר דאַכט זיך אים אַזוי. ער פּרוּווט אַ וויש טאָן מיט דער האַנט די נאַסע, שיטערע, קורצע, גראָלעכע הערעלער, נאַרוואָס אָפּגענעצט מיטביידע הענט

אין ים, אפשר די דינע, בייניקע פיס פון אונטערן האַנטעך? ווידער אַן אויפבליץ: אַ פינצטערער אויפבליץ פון אַן אַלט־ניַי געפיל: „ער מאַכט אַוודאי אַ שמייכלענדיקן רושם אויף איר". געפעלן איר מוז ער נישט, אָבער ס'שמייכעלע געפעלט אים נישט. — שׂינאת חינם — זאָגט ער צו זיך. שיינע מענטשן האָבן אומזיסטע פריַינד, מיאוסע, אומגעראָטענע — אומזיסטע שׂונאים.

אויך אין די אייגענע אויגן זעט ער זיך אַצינד אויס נמאסדיק געוווינט צו זען זיך ביַי זיך אין ביוראָ תּמיד אַן אָנגעטוענער ריין, אַן אָפּראַזירטער, פּאַרקעמט, אין אַן אויבערהעמד, קאַלנער־בינדע. אין בית־משפּט, אויפן וועג אַהין און צוריק, בעת די באַגעגענישן מיט די קאָלעגן־אַדוואָקאַטן, ביַי זיַין טיש קעגן אַ קליענט, קליענטין — איז אים נמאס זיך דאָ זען. ער איז ביַי דער מיינונג, אפשר אַ באַנאַלע מיינונג — אָנטאָן מאַכט דעם מענטש. ס'אייביקע גן־עדן אויף דעם וואָס האָט ס'אָנטאָן דערפונדן. באַדאַי אַ האָריקע פעל, ווי אַמאָל איידער דער האָמאָסאַפּיענס האָט זיך אויסגעלערנט צו שטיין אויף צוויי פיס, נאָכדעם — געלערנט זיך אָנטאָן אַ פּאָר שיך, אַרויפציִען אויף זיך אַ בגד.

אַ פּאַרטראַכטער, אַן אומעטיקער הערט ער נישט אויף צו קוקן אויף די פּליאַזשעניקעס — גליַיכע, שטאַלטנע מענטשן. נידעריק, הויך, מיטלוווקסיק אָבער גליַיך. זענען די דאָזיקע מענטשן — לויפט אים אַדורך אַ געדאַנק — אַזוי גליקלעך ווי ער אומ־גליקלעך? אַוודאי נישט. ווען יאָ, וואָלט דאָך די וועלט אַן אַנדער פּנים געהאַט.

פרידאַ איז שוין פון לאַנג אַוועק מאַכן, ווי זי זאָגט, אַ נורעק. ער גייט אַראָפּ פון דער ליגשטול, לייגט זיך מיטן בויך אויפן זאַמד. ס'זאַמד איז וואַרעם, ווי דאָס וואַסער אין דער ערב נאַכט־שעה, ליבלעך. אַ ליבלעך געפיל נעמט אים אַרום. די וואַרעמקייט עלעהיי אַ מאַמעס בויך, אַ מאַמעס ברוסט. בויך צו „בויך" ליגט ער, אָטעמט אַריַין דעם מאַמעשן ריח, ממש דעם ריח — ווי ס'קומט אים אַמאָל אויפן זכּרון — אַ קינד ביַי דער ברוסט. ס'ים־ווינטל

קילט אים די פּלייצע. די אויגן — פּאַרקוקט אין זאַמד. ס׳איז אים גוט, מיט אַ מאָל — גרינג אויפן געמיט. מאַמע־ערד, צו יעדן איינעם ביסטו גוט: שיינע, מיאוסע, גרויסע, קליינע, אַלטע, יונגע. אַלע קומען אַרויס פון דיר, גייען צוריק צו דיר... מאַמע־ערד, פאַר־וואָס האָסטו מיך נישט באַשאַפן גלייך ווי אַלע מענטשן? כיי וואָלסטו מיך מיט דריי און ~~פערציק~~ פופציק יאָר צוריק נישט געבוירן — ווערט ער ווידער טרויעריק — כיי וואָלסטו מיך איבערגעלאָזט אין גרויסן גאָרנישט פון איידער געבוירן: אין עטער אַן אַנגעיאָגטער פון אַלע וועלטווינקלען מיט די טוייִק־לוילער בלוילעכע פרימאָרגנס, מיט די ערשטע פייערן פון טאָג, מיט דער נאַכטטונקלעניש און בליאַסק פון שטערן.

ווי לאַנג דאַרף אַזאַ איינער ליידן ביזן אומקערן זיך צו דיר, מאַמע־ערד? אויך ס׳ליגן מיט דער פּלייצע אַרויף ווערט אים נמאס. ס׳טונקלט שוין. קילבלער דער דרויסן. אויך נישט קיין גרוי־סע חכמה ליגן מיט אַזאַ פּלייצע אַרויף.

ווידער זעט ער פּליאַזשעניקעס פון אַלע גרייסן, עלטער, קאָלירן. אַ רווישיקע פּלווישיקייט. ווייניקער ווי פריער — קלענער דער גערויש. מ׳גייט צו די וואַסער־רערן. מ׳גייט אַהיים. די בליי־ביקע, דער עיקר — יוגנט.

אָ, די יוגנט. גלייבע, הויכע בחורים און מיידלעך — לאָזעס. פאַרהויבענע קעפּ. ווילדע גזשיוועס, העלע, בלאָנדע, שוואַרצע. קורצע באָדהייזלעך בולטן אויס מער, וואָס זיי פאַרשטעלן. יונגע פּנימער, בערדיקע, וואָנסאַטע, מיט לאַנגע האָר, מיט צעפּ. אויגן נייגעריקע, זוכיקע, לויפיקע. קומען, צום אַהיימגיין זעט ער זיי. אין לאַנגע הויזן, אין קורצע, אונטערגעשווירענע הייזלעך מיט צויטן. צעשפּיליעטע, קורצע העמדלעך. לייבטע, שנעלע באַוועגונגען, מיט לויף און שפּרונג אַריין און אַרויס פון וואַסער. האָריקע ברוסטן, הענט, פיס. אויך די מיידלעך אין מיני־הייזעלעך צעפּלויגענע העמדלעך. אָן און מיט סטאַניקעס. אָפּגעדעקטע שטייפע בריסט־לעך — עפּל אויסגעקייַלעכטע, רייפע, שמעקעדיקע. אַ נעם טאָן

אין האַנט אַריַין, איַינבײַסן זיך אין זיי. די יונגע חבר׳ה זעען עס און זעען נישט. מאַכן נישט דערפון קיַין צימעס. אַ, די יוגנט: מען טרעפט זיי חברהוויַיז, פּאָרלעך און איינציקוויַיז, אין אַלע שעהען פון טאָג, אין די אָוונטן און אויך שפּעט בײַנאַכט אין די קאַפעען, רעסטאָראַנען. דרויסנדיק ביַי די קיאָסקן, טרינקט מען קאָליריקע געטראַנקען, מ׳שטופּט פאַלאַפעלס אין די מיילער, שוואַרמס. מ׳קײַט און מ׳קערט אין זיך אַריַין די פלעשעלער, רעדן הויך און הייזעריק, רופן זיך איבער אויף קולי קולות, יוגנט און נאָכוווקס, ערב־מיליטער און נאָכמיליטערישע אויסגעשולטע חיילים, ווילִיקע, ציליקע, פריַיוויליקע אויף מסוכּענע מיליטערישע אַקציעס און עלטערע ערב־מיטליאָריקע נאָך יאָרן מיליטער, אויסגעפּרוּווטע אין מלחמות, אויסגעהיילטע פון ווונדן, נישט ווייניק יונגע אינוואַלידן, „צוגעלייגט אַ האַנט״ צו ערשטער, צווייטער, זעקסטער מלחמה אין לויף פון צען־צוועלף יאָר. די שענסטע בעסטע יאָרן פון אַ ייִנגל ביז אַ מאַן, אַ גבר: דריטער דור, סאַברעס נאַרוואָס אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מיליטערישע קליידער און שוין גרייט צו נײַע געשלעגן, שטאַרבן פאַרן לעבן.

אַזוי די מיידלעך — הירשינס אויף צוויי פיס. אין לאַנגע, אין קורצע דזשינס, אויסגעריבענע, לעבערדיקע — לעצטע מאָדע קאָליטיוּווירטע נאָכלעסיקייט, — אפשר שטומער פּראָטעסט קעגן די אויסגעפּיאָקעוועטע ווייניקע באַלעבאַטישע און צעפּיעשטשעטע האַלבּריַיכע און ריַיכע זינדלעך — קינדער פון עליטע־לײַט. אויך די ווילדע טשופּרינעס, צעפּ און צעפּלאָשעטע לאַנגע האָר אויף בחורישע קעפּ אַ־לאַ בחורה אין פּרוויִשע העמדלעך מיט און אָן אַרבל, נאַקעטע אָרעמס, אַן אויערינגל, אַ קייטעלע אויפן האַלדז ביַי דער זיַיט פון נאָך איינעם אָדער איינע אין לאַנגע הויזן, קורץ געשוירן, פלאַכברוסטיק און ווייסט נישט ווער ס׳איז „ער״ און ווער די „זי״.

מ׳זעט זיי אין מאַשינדלעך „אויסגעבאָרגטע״ — מיט און אָן הסכּמה פון טאַטן — אויך אויף מאָטאָציקלען טראַסקען מיט רוצחישער שנעלקייט איבער די כּבישים, ברייטע און שמאָלע,

שלענגלדיקע מיט שאַרפע אויסבויג־גאַסן גאַס איין, גאַס אויס פונעם קליינעם לענדל.

גוטמוטיקע גרויסע קינדער פון מאַמע־מדינה, וואָס אוספּעיעט נישט צו מאָל זיי אויסהאָדעווען מחמת די שטענדיקע מלחמות, וואָס מען רופט דאָ „רויִקע צײַט״.

העכער דרײַסיק יאָר איז ער דאָ, אבני, און הערט נישט אויף קוקן, אָבסערווירן אָט די יוגנט, דעם נאָכוווקס מיט פרייד, מיט דאגה און מיט קנאה.

אַ דור, שוין באַלד צוויי דורות סאַברעס — טאַטעס פון קינ־דער, פון אַ ווידערוואַקסנדיקער יוגנט. ווי לאַנג איז דען ווען ער, ראָנאַלד שטיין, איז געווען אין זייער עלטער. אין דער אַלטער היים האָט מען זיך אַנדערש געפירט סײַ אין שטוב, סײַ אויף דער גאַס, סײַ בין אדם לחברו ואדם למקום. מיידלעך — זײַן אייביקער חלום. זיי האָבן געקוקט אויף אים און נישט געזען. אויך אין אוני־ווערסיטעט, אַ סטודענט — אויסגעבענקט נאָך אַ וואַרעמען פרויען־בליק, אַ וואָרט, אַ שמייכל, אַ לאַסקע — האָט ער עד היום נישט אויפגעהערט חלומען.

ער איז גוט געווען אין די לימודים. נישט איין סטודענט, סטו־דענטין האָט אויסגעקוקט זײַן הילף פאַרן גראַדויִרן. ער האָט געהאָלפן. וואָדען? אויפגעקלערט אַ שטעל, אַ שווערע סוגיא, אַ פאַרוויקלטן פּאַראַגראַף אין דער תורה פון משפטים. און דאָס איז עס. אַמאָל, אַמאָל האָט מען אים געשענקט אַ פרעמדן שמייכל.

זײַנע חברים סטודענטן, כאָטש ס׳רוב קריסטן, האָלענדער, האָבן אים אָנדערציילט מעשׂיות פון באַשלאָפן פרויען, דינסטן, דאַמען, סטודענטינס, קורטיזאַנקעס, מאַדמואַזעלס. אָנגעהערט זיך פון זיי פיקאַנטע פּרטים וועגן באָרדעלן, אָרגיעס. ס׳האָט אים געעקלט און גערייצט. ערשט שפּעטער האָט ער פאַרשטאַנען פאַר וואָס דאָס האָט בשעת מעשׂה בײַ אים געשאַפן אַ פּסיכאָכעמישע פאַר־מאַציע. עס האָט אים דערמאָנט אין יענעם עקספּערימענט פון אַ רוסישען פאָרשער: אויפגעהאָנגען אַ שטיק פלייש, צי אַ ביין

אַנטקעגן אַ הונט צוגעבונדן צו אַ קייט. דער הונט האָט כּסדר געקוקט, געריסן זיך צום לײַטישן ביסן און פון מויל איז אים גע־רונען אַ סליניע...

ער, ראָנאַלד שטיין, האָט געחלומט פון אַ פּעלערינע, אַדוואָ־קאַט, סטאַזש, אַן אייגענע ביוראָ, אַ מעמד און טאַקע, ווי מ׳זאָגט — אַ ייִד צווישן ייִדן. נישט גרינג איז אים דאָס אָנגעקומען. די ערשטע עטלעכע יאָר אין לאַנד, אַליין, אָן געלט, אָן באַקאַנטשאַפט, קרובים, אָן קענען די שפּראַך. פּאָר היגע סטודענטן — אָפּן אַלע טירן, טײַסטערס פון טאַטעס, הערצער פון מאַמעס, וואָס ווילן דערלעבן נחת פון זין, טעכטער.

✶

אבני האָט נישט געדענקט ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זאַמד און צוריק זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ליגשטול. אויך ווי לאַנג ער איז פּאַרטאָן געווען אין די טראַכטענישן האָט ער נישט געדענקט. ער קוקט זיך אַרום. די זון — אַ פֿײַערדיקער קײַלעך איבערן ראַנד פון ים. אָט־אָט — באַץ און אַרײַן אין ים. אַ רויט־לעך־קאָליריקער הימל מיט פּיאָלעטע שטרײַפן, אַוודאי די לעצטע העלקייט פון טאָג איידער זונזעצן. שטילער ים. די כוואַליעס — לעמעלעך, אַ לאַם אויף אַ לאַם. אַ שטיל געפּליעסק, אַ מולמלע־ניש פון די „לעמעלעך״. אַ וואַרעמער אָטעם יאָגט אָן אויף אים צוזאַמען מיט אַן אײַנגעשטילטן ים־גערויש.

און פּלוצים — אַ העלקייט פּאַר זײַנע אויגן — פרידאַ. אין איר פולער גרייס שטייט זי פּאַר אים. איר נאַסער קערפּער גלאַנצט — אַ פיש נאָר וואָס אַרויס פון וואַסער. זי גיט אַ פּאַטש מיטביידע נאַסע הענט גלײַך אים אין פּנים אַרײַן. אַ דערשראָקענער פון אָפּשפּריץ גיט ער זיך אַ כאַפּ, פּרוּווט שמייכלען:

— אָ, פרידאַ?

— קום זיך אַ שווענק טאָן, רון.

— שוין געווען, זיך אָפּגעטונקען און דו כאַטש הנאה געהאַט?

— צוויי מאָל הנאה: אי בײַם ים, אי מיט דיר. אָ, ווי לאַנג כ׳בין שוין דאָ נישט געווען. ווייסט דאָך מײַן לאַגע די לעצטע יאָרן. ערשט מיט העבער אַ יאָר צוריק — — — האָט זי געוואָלט אָנהייבן דערציילן וועגן לעצטן מאָל פֿאַרן אַהערגיין אויף מער נישט צוריקקומען און תּיכּף חרטה געקראָגן.

לעם אים אויף אַ ליגשטול איז זי געזעסן. געפּרוווט גוט מאַכן עטלעכע האָרעלער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזען פֿון אונטערן גומי־בערעט. זי האָט געשמייכלט צון אים. מיט ווייכע בליקן, מאַמעשע, געקוקט אויף אים. אַ געפֿיל האָט זי געהאַט, אַז אַ קליין ייִנגל זיצט דאָ און רעדט ווי אַ גרויסער:

— קילבלער, פֿרידאַ, נעם אויף זיך עפּעס.

ווען זי שעמט זיך נישט פֿאַר די אויגן פֿון אַרום, פֿאַר דער ליכטיקער שײַן, וואָס האַלט אין צאַנקען, בייגט זי זיך צו און גיט אים אַ קוש אין שטערן. אַזאַ הויכער, קלוגער שטערן, ס׳בלוי פֿון זײַנע אויגן ווי דער ים. אַ תּשוקה איז איר באַפֿאַלן פֿאַר זײַן גוטסקייט, פֿאַר זײַן זאָרג וועגן איר געזונט. אַרומנעמען אים מיטביידע הענט און צוציִען אים צו זיך: באַרירן לײַב צו לײַב, ברוסט צו ברוסט. אָ, וויפֿל חדשים נישט געפֿילט דעם באַריר פֿון אַ מאַן. און ער, מסכּן, נעבער, איז ער נישט אויסגעבענקט צו אַרומנעם פֿון אַ פֿרוי?

דער שטח ווערט לײדיק פֿון מענטשן. ווײַטלער פֿון זיי זעט זי גרופּקעלער בײַ די וואַסערערן, וואַשן זיך, שווענקען זיך, ציִען אַרויף אויף זיך אַ בגד. מ׳פֿאַרלאָזט דעם ים־ברעג.

פֿרידאַ האָט זיך פּלוצים אויפֿגעשטעלט, צוגענענט צו אבנין, געוואָלט זיך אַראָפּבייגן אים אַ קוש טאָן. ער האָט פֿאַרהויבן אַ האַנט, זי אויסגעצויגן אין דער ברייט און איר אָוועקגעמאַכט. אַ מאַך, וואָס וויל זאָגן:

— רוק זיך אָפּ אַביסל, פֿאַרשטעל מיר נישט דעם זונפֿאַר־גאַנג.

זײַן פּנים האָט געשמייכלט. ס׳בלוי פֿון די אויגן האָט אין די

לעצטע בין השמשות סעקונדן שאַרפער אויפגעלויכטן. זיינע זינ־לעכע פולע ליפּן האָבן געוואָלט עפּעס זאָגן. זי האָט עס, קאָנטיק, באַמערקט:

— ווילסט, זע איך, עפּעס זאָגן, אַיאָ?

— דערציילן וויל איך דיר אַ קליין מעשׂהלע. עס וועט דיך אינטערעסירן:

— — — געווען אַ גרויסער גריכישער פילאָסאָף **דיאָגענעס**. ער איז געזעסן אין מיטן גאַס אין אַ פאַס און זיך געוואַרעמט אויף דער זון. אַ סך זון דאָרטן, הנאה געהאַט פון גאַנץ וועלט. מעשׂיות וועגן זיין חכמה, באַשיידנקייט, געלערנטקייט זענען אומ־געגאַנגען אין גאַנצן לאַנד, אויך אויסערן לאַנד. האָט זיך אלכּסנדר מוקדון דערוווּסט און זיך אַראָפּגעלאָזט קיין גריכנלאַנד. געקומען צו רייטן אויף אַ פערד, אַרום אים — זיין סוויטע. ער בייגט זיך אַראָפּ פון פערד און זאָגט: „ביסט אַ קלוגער, געלערנטער מאַן. איך בין גרייט דיר צו געבן אַלץ וואָס דיין האַרץ פאַרלאַנגט. צוואָס זיצן דאָ אין פאַס. אַ פּאַלאַץ מיט באַדינער וועל איך דיר געבן".

דיאָגענעס האָט לאַנג נישט געטראַכט. ער האָט פאַרהויבן די האַנט, זי אויסגעצויגן אין דער ברייט און אים אַוועקגעמאַכט:

— רוקט זיך אָפּ אַביסל, איך וויל גאָרנישט. איך וויל איר זאָלט מיר נישט פאַרשטעלן די זון.

פרידאַ איז זייער גערירט געוואָרן פון דעם מעשׂהלע. זי האָט זיך אָפּגערוקט זייטיקלעך פון אים, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, מיט ביידע הענט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיינע אַקסלען, צוגעצויגן איר קאָפּ צו זיינעם און אים איינגערוימט אַ סוד:

— אבני רוז, אָפּיסקאָפּ מיינער, איך האָב דיך ליב.

8

צײַט עפּעס צו נעמען אין מויל אַרײַן — האָט פרידאַ גע־זאָגט — און גענומען שפּרייטן אַ האַנטעך, אַרויסלייגן אַלץ וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון שטוב: שניטקעס מיט קעז און טאָמאַטן, ווײַנטרויבן, אַ צעשניטענעם מאַראַנץ, צוויי עפּל. צום אַהיימגיין — זאָגט זי — וועט מען אויפן וועג אַרײַנכאַפּן זיך אין אַ קאַפע אויף אַ קאַלטן טרונק.

עס האָט שוין געטונקלט. ווייניק, גאָר ווייניק מענטשן האָט מען געזען אויפן ברעג. בשעת דעם עסן האָט מען נאָך צײַט געהאַט כאַפּן אַ בליק אויפן זונפאַרגאַנג און די מאָזאַיִק, וואָס האָט זיך געמאָלט אויפן מערב־האָריזאָנט און כהרף־עין נישט געוואָרן. אויפן אָרט פון זונקײַלער זעט מען שוין אַ האַלבע, בלאַסע לבנה, אייגנטלעך — אַ האַלברונדיקע לבנה, ענלעך אויף אַ סערפּ. אַרום איר בינטלעך און איינציקע שטערן: ווײַסע, גרינלעכע שטערן, וואָס צינדן זיך און מערן זיך. אָט שווימען זיי אויפן ים־פּלאַך, ווי טויטע מאָטילן מיט צעשפּרייטע פליגעלעך. הייבן זיך, נידערן מיטן באַוועג פון די כוואַליעס און שמאָלע, לאַנגע ים־פּאַסן, וואָס יאָגן אָן צום ברעג, גיבן אַ לעק דאָס זאַמד און גליטשן זיך צוריק. ס׳זאַמד אונטער די פיס ווערט פײַכטער, קילער.

אבני ציט אַרויף אויף זיך די הויזן, ס׳העמדל. מיט די שיך אין די הענט גייט ער נאָך פרידאַן צו די צעמענט טרעפּן וואָס פירן צו דער שפּאַציר־טעראַסע אַ באַלויכטענע פון עלעקטרישע לאָמפּן.

ער האַלט נישט פון וואַשן זיך בײַ די וואַסעררערן — זאָגט ער — מ׳קאָן עס מאַכן אין שטוב. אַ לײַכטע, אַ באַוועגלעכע שפּאַנט זי פאָרויס, ער — אַ טריט־צוויי הינטער איר.

למען האמת איז גערעדט געוואָרן אויפֿן וועג אַהיים פֿאַרבײַ־צופֿאָרן די הויפּט־גאַס דיזנגוף. בײַנאַכט — זאָגט מען — איז אויף דיזנגוף די באַוועגונג אַ באַלעבטע מער ווי אין מיטנטאָג. איבער־פֿולט די ברייטע טראָטואַרן מיט שפּאַצירנדיקע. פֿון אַלע דער־בײַיִקע גאַסן, פֿון דער גאַנצער סביבה, אויך פֿון אַנדערע שטעט — יפֿו, חולון, אַרום תּל־אביב — קומט מען אַהער. זי געדענקט שוין נישט ווען זי איז אויף דיזנגוף־גאַס געווען, בכלל — צפֿון תּל־אביב. אַ מענטשנשטראָם. אויך די קאַפֿעען, רעסטאָראַנען ביז אינדרויסן אַרויס — טישלעך, שטולן, אויסגעבעטע בענקלעך. יונג און אַלט, מענער, פֿרויען, בחורים, מיידלעך, אַ יוגנט, אויך עלטערע קינדער. שיינע וויטסטאַוועס. אויסגעסטראָיעטע מאַנעקינען, ביליאַרד־הײַזער, פּאַבן (פֿאַרמאַכטע טירן פֿון רעסטאָראַנען), שיינהייט־סאַלאָנען, קינאָס, טעאַטערס.

אַ סקווער. בענק.ביימער. אַ פֿאָנטאַן. קאָלירקע וואַסער־רערלעך. הײַנט די ליכטער? זײַ פֿאַרפֿלייצן די גאַס. אויטאָבוסן. טעקסיס. מאָטאָציקלען — אַהין און צוריק.

ביזן איבערצײַען זיך קיין עקרון, באַקומען אַ הײַזקע צוגעקלעפּט צו דער ערד, אַ שטיקל פֿעלד, האָט מען געוווינט הינטער יפֿו אין אַ חירבה. נישט געווען קיין געמיט, קיין צײַט, נישט מיט וועמען אַ שפּאַציר טאָן אויף דיזנגוף. נאָכדעם — עקרון. עפּעס אַ קלייני־קייט — צפֿון תּל־אביב. געווען עטלעכע מאָל אין קרײַזגעריכט, אין רבנות הראשית, צענטראַל תּל־אביב — אַהין און צוריק און דאָס איז עס.

ווען נאָך וועט זי נאָכאַמאָל דאָ זײַן? — האָט זי לאַנג, לאַנג זיך געבעטן בײַ אבֿנין — ביז ער איז באַשטאַנען. ער האָט קיינמאָל נישט קיין צײַט. אַ פֿאַרנומענער מענטש. אַליין. האָט נישט וואָער ס׳זאָל דאגהן פֿאַר אים אַ מיטאָג, אַ נאַכטעסן, עפּעס טון אין שטוב — אַ דרײַצימערדיקע וווינונג נישט ווײַט פֿון דאַנעט — ווייסט זי פֿון אים.

ער האָט איר צוליב געטאָן. איידער זײַ זענען אַרײַן אין מאַשינדל האָט מען — אויף פרידאַס אָן איינפאַל — געמאַכט אַ שפּאַציר אין דער ריכטונג פון יפו. געקלערט כאַפּן אַ קאַלטן טרונק אין איינער פון די קאַפעען, סאָדעוואַסער־קרעמלעך וואָס לענגאויס דער שפּאַציר־טעראַסע.

אַ היפּש שטיק וועג דרומדיק פון יפו שטייט מען שוין, געוואָלט זיך אויסדרייען אויף צוריק. כאָטש פריע אָוונט־שעה איז דאָ אַ סך שטילער, רויִקער. קלענער דער ראָדפאַרקער, ווייניקער מענטשן, ווייניקער באַלויכטן.

אבנין איז נישט פון די אָנגענעמע זאַכן ס'שפּאַצירן זײַט בײַ זײַט מיט דער געוויקסיקער פרידאַ, די יונגע פרוי. ער בלײַבט הינטערשטעליק. זײַנע רייד דערגייען קוים צו אירע אויערן. אויך אירע רייד ווערן ווי מיטן ים־ווינטל פאַריאָגט. ס'כסדרדיקע פאַרריַיסן דעם קאָפּ צו איר איז אויך נישט פון די באַקוועמע זאַכן. צו משופּעדיק דער אָפּשטאַנד פון זיין קאָפּ צו אירן. מענטשן גייען פאַרבײַ, דרייען אויס די קעפּ, קוקן נאָך. ער זעט אין זייערע בליקן, אַז מען קוקט אויף זיי, וווּנדערן זיך אַוודאי אויף דעם „פּאָרל”. קיין טאַטע אירער זעט ער נישט אויס, קיין קאַוואַליער — אַוודאי נישט. לאָזן מסתּמא פאַלן באַליידיקנדיקע ווערטער אויף זײַן אַדרעס. אין מאַשינדל מיט איר איז אים אַ סך לײַכטער. די גאַס, זעט ער, ווערט ליידיקער. אויך די טעקסיס זעט מען ווייניק. די ליכטער אין אייניקע קאַפעען לעשן זיך. דאָ דערטראָגט זיך דער ים־גערויש שטאַרקער צו די אויערן. די כוואַליעס הייבן זיך העכער, ברומענדיקער דער געפּליעסק, אַ לײַבן־געברום. נישט ווײַט מיטן אויג צו דערגרייכן שלאָגן אָן שפּריציקע, שפּיציקע כוואַליעס אין אַ הויכן, שוואַרצן פעלדז וואָס סטאַרטשעט אַרויס און אַריבער דעם ברעג: שלאָגן, פּאַטשן מיט געליאַרם און גליטשן זיך אַראָפּ אין געוואַסער. מיט יעדן פּאַטש אַרויף און גליטש אַראָפּ הילכט שטאַרקער דער געבריל פון די „לײַבן”.

היפּש ווײַטער פון ראָג הירקון־אַלנבי אין דער ריכטונג פון

יפו שטייען זײַ שוין. אבני וויל נעמען דעם וועג אויף צוריק און פרידאַ, זעט ער, שטייט אַ פּאַרקוקטע אויפן ים, ווײַטלעך פון ברעג.

— וואָס זעסטו דאָרט, פרידאַ ?

זי ענטפערט נישט.

אַ מיידל שפּאַצירט איינע אַליין. אַ באָרדאָ בלוזקעלע פאַר־וואָרפן אויף די אַקסלען, אַ ספּודניטשקע שמאָל, ענג, איבער די קני, נאַקעטע פיס אין זומערלעטשלעך אויף אַ הויך קנאַפּעלע. הויכע פיס, ווי פון אַ שטרויספויגל. „יענץ פייגעלע" — טראַכט ער — גיב נאָר אַ סימן, הייבט זי די פיסלעך און גייט דיר נאָך. ס'קאָן אויך זײַן, אַז ערגעץ אין איינעם פון די טונקעלע געסלעך האָט זי אַ מלינה אין אַ ביליקן האָטעלכל. אויף די „סחורה עובר לסוחר" — זאָגט ער צו זיך — פעלט נישט דאָ. אָפּגערוקט פון פרידאַ מיט אַ טראָט־צוויי שטייט ער און זי נעמט נישט אַוועק דעם קאָפּ פון דאָרט ווו זי איז פאַרקוקט.

אויף אַ זאַמדהויכקייט זעט פרידאַ אַ פּאָרל. אַ ווײַס טישטעכל, צי אַ האַנטעך, איז געשפּרייט. עטלעכע ליידיקע בירפלעשלעך וואַלגערן זיך און שיריים פון עסנוואַרג. זי זיצט אַ האַלבנאַקעטע מיט דער פּלייצע צו דער גאַס. ווי צוויי ליידיקע וואַזקעלעך באַ־האָפטענע צו זיך ליגט אַן איבערגעקערטער ביוסטהאַלטער. אירע דינע, ווײַסע הענט וויקלען זיך שלאַנגיק אַרום זײַן נאַקן. ער האַלט זי אַרומגענומען. איר קאָפּ אויף זײַן אַקסל. זײַן נאַקעטע פּלייצע, דער קאַרק, אַן אַקסנקאַרק, וואָס האַלט אויף זיך דעם קאָפּ שוואַר־צע האָר, איז איר באַקאַנט. גוט באַקאַנט. זי דערקענט אים: דאָס איז ער איר קאַוואַליער. ניין. זי האָט נישט קיין טעות, ער, איר תכשיט.

פרידאַס האַרץ האָט זיך געשראָקן פאַר דעם, וואָס אירע אויגן זעען. אירע בליקן האָבן דאָך און נאָר געצויגן אַהין, ווי ס'ציט אַ מענטש צו אַ תהום.

אָט ליגן זײַביידע. זײַן קאָפּ, אויבערשטער האַלבער גוף באַ־וועגט זיך איבער איר מיט קליינע פּויזעס אַרויף און אַראָפּ. בעתן

אַראָפּבייגן זיך פֿאַרהאַלט זיך דער קאָפּ אין איר האַלב־נאַקעטן גוף לענגער ווי מ׳דאַרף. זײַן פּנים נורעט זיך צווישן אירע בריסטן. אין דער בלאַסער שײַן פֿון דער האַלברונדיק־פֿאַרשפּיצטער לבנה, וואָס זעט אויס ווי אַ סערפּ — זעט זי געני: פֿײַנלעך־געני זעט זי אים, איר מאַן. דער „סערפּ״, ווי ער וואָלט זיך אײַנגעשניטן אין איר האַרץ, אין איר לײַב און לעבן.

אבני שטייט לעם איר ווי אַ גולם. צוויי מאָל געפֿרעגט איר און זי ענטפֿערט נישט. וואָס אַזוינס האָט זי דאָרט געזען?

— קום, פֿרידאַ, צײַט אַהיימגיין.

— איך גיי נישט ווײַטער.

— פֿרידאַ, — גיט ער איר אַ טאַרע בײַם אָרעם — וואָסי? זי שווײַגט.

— פֿרידאַ, וואָסי?!

— גאָרנישט.

— וואָס פֿאַר אַ גאָרנישט? וואָס איז מיט דיר?

ער מאַכט אַ טראָט נענטער צו דער אייזערנער באַריער, וווּ זי שטייט אָן אָנגעלענטע, אַ פֿאַרקוקטע. אָן אַרויסרעדן אַ וואָרט, ווײַזט זי אים אָן מיט אַ אויסגעשטרעקטער האַנט דאָרט, ווו איר בליק איז געווענדט:

— קוק אַהין.

— יאָ, כ׳זע.

— וואָס זעסטו?

— אַ נײַעס, וואָס דאָרט קומט פֿאָר?

— אַוודאי אַ נײַעס.

— כ׳פֿאַרשטיי נישט.

— דאָס איז דאָך ער! ער, מײַן מאַן. ער מיט אַ זונה!...

— ששש... באַרויק זיך, פֿרידאַ. אפֿשר אַ טעות? מען זעט דאָך נישט קיין פּנים.

— איך זע, איך דערקען אים. זײַן קאָפּ, זײַן אָקסנקאַרק. אירע ליפּן ציטערן. זי ציטערט אינגאַנצן, קען מער קיין וואָרט

פון מויל נישט אַרויסברענגען. ער קוקט אַרויף צון איר. אין דער בלאַסער שייַן פון לבנה־„סערפּ" זעט ער עפּעס ענלעכס אויף אַ טרער וואָס הענגט אויף איר ווימפּער. זי גלאַנצט די טרער. ס'אויג מיטן פאַרגרעסערטן ווייַסל איז פאַרצויגן מיט אַ טרערן־הייטל. אַט־אָט פּלאַצט עס דאָס הייטל. ניין, ס'פּלאַצט נישט. אירע אַקסלען ציטערן. דער גאַנצער גוף אירער טרייסלט זיך ווי אין קאָנווולסיע.

— דאָס איז ער, דער פּאַראַזיט, דער רוצח — זאָגט זי מיט נישט איר קול.

— פרידאַ!

— שווייַג, אבני!

ביידע שטייען איינער קעגן אַנדערן אין אַ פאַרגליווערטן שווייַגן. אַ סברה חרטה געקראָגן אויף איר אויסגעשרייַ צו אבנין „שווייַג" — האָט זי מיט איר שטים פון ווייטיק און מיט צער אָנגעהויבן:

— טייערער אבני, זעסט דאָרטן ס'פּאַטשן פון די כוואַליעס אין שוואַרצן פעלדז? דאָס איז ער דער שוואַרצער פעלדז: די כוואַליעס — מייַנע רייד, מייַן געוויין. ס'זאָל אים אַ ריר טאָן. נישט געוואָלט, נישט געוואָלט דיר דערציילן.

— גענוג, פרידאַ, קום.

— ווו קום, ווו גיין אַצינד?

— אַהיימפאָרן.

— איך בלייַב דאָ. דאָ בלייַב איך.

— שפּעט, פרידאַ.

— איך האָב שוין במילא פאַרשפּעטיקט...

— קום, מיר'ן אַרייַנגיין אויף אַ קאַפע ערגעץ דאָ.

— איך דאַרף נישט קיין קאַפע.

— אַ קאַלטן טרונק.

— איך דאַרף גאָרנישט.

— פרידאַ, איך דאַרף אַהיימפאָרן.

— פאָר.

— ער וועט דאָך אַהיימקומען.

— ר׳האָט אַ שליסל.

— און דו וועסט נאָך נישט זײַן אין שטוב.

— שוין געטראָפן מער ווי איין מאָל. איך בין געווען בײַ דער באָבען.

— באַזין דיך, פרידאַ, ס׳ווערט שפּעט.

— אָ, די נאַכט, די לאַנגע נאַכט הייבט זיך ערשט אָן. כ׳פאָר נישט אַהיים.

— כ׳על דיך צופירן ביז אין שטוב אַרײַן.

— צו דיר; צו דיר נעם מיך אַהיים...

— וואָס רעדסטו, פרידאַ?

— דאָס וואָס דו הערסט.

9

אייגנטלעך האָט פרידאַ באַדאַרפט אַהיימפאָרן, זען זיך מיט דער באָבען. זינט די מאַמע איז פון דער וועלט געגאַנגען, איז די באָבע געוואָרן די אָפּנעמערין פון אַלץ וואָס מיט איר, פרידאַן, איז געשען. אויך ווען די מאַמע האָט געלעבט האָט זי צוליב איר קראַנקייט, דאָקטערן זיך, נישט געהאַט קיין געמיט צו איר, פרידאַן, כאָטש געוווּסט האָט זי, אַז איר טאָכטער לײַדט אַזוי ווי יונגער־הייט, אַזוי אויך שפּעטער, ווי אַ דערוואָקסן מיידל (אוי, די אויגן, די אויגן). די באָבע מיט אירע פֿײַכטע אויגן פון גוטהאַרציקייט, בײַ איר מער ווי בײַ דער מאַמען האָט זי זיך געהאָדעוועט. צו אירע פופצן־זעכצן יאָר — אַ מיידל־פרוי אין דער גרייס ווי הײַנט. וואָס האָט זי געהאַט צו טאָן אין שטוב — אַ שטיפמאַמע און אַ טאַטע, וואָס קוקט אויף איר קרום? וואָס זי טוט געפעלט אים נישט. זי האָט מורא פאַר אים. זי האָט אים פיינט. אַ טאַטן — ווייסט זי — דאַרף מען ליב האָבן. ליבע־שׂינאה פּילט זי צו אים. גרויס איז זי אים געוווען אין די אויגן. אויסגעוואָקסן פון די בגדים. קיין נײַע האָט ער זיך נישט געאײַלט קויפן. אירע שולחברטעס זעט זי אין גאַס אָפּט אין נײַע, מאָדערנע קליידער, בלוזקעס, ספּודני־צעס, לאַטשן. אַלע חתונה געהאַטע, טייל — מאַמעס מיט קינ־דערוועגעלעך. זי — אין שטוב האָט זי קיינעם נישט, אויף דער גאַס — דאַרף איר קיינער נישט. אַ האַלבע, מ׳קען זאָגן גאַנצע יתומה. זעט זי זיך ווען אין אַ שפּיגל געפעלט איר נישט ס׳פּנים, וואָס קוקט פון דאָרט אַרויס.

זי האָט נאָך אַלץ געלעבט מיט דער האָפענונג, ווי אַמאָל קליינערהייט. די אויגן וועלן פון זיך אַליין זיך אויסהיילן — גע־

חלומט: אין איינעם אַ פרימאָרגן וועט זי זיך אויפהייבן צולויפן צום שפיגל און זען זיך אַ שיינע מיט צוויי נאָרמאַלע אויגן, אַ מענטש ווי אַלע. אָדער פון ערגעץ וועט זיך אַ ווײַז טון אַ דאָקטער, אַ פראָפעסאָר, אַן אויגן־מומחה, אַ כּישופמאַכער, אַ זנאַכער, אַ בעל־מופת, וואָס וועט דאָס מאַכן מיט אַ שפּרוך. אויך דער קוים־קוימיקער האָרפּוך אויף די באַקן וועט נעלם ווערן.

אַ פוסטער חלום.

צו אַכצן יאָר זיך מאָביליזירט. צה״ל האָט איר אויסגעבראַ־קעוועט. די באָבע האָט מ׳טאָטן געעצהט גיין צו אַ גרויסן פּראָ־פעסאָר. ער האָט געשוויגן. וואָס האָט זי געזאָלט טאָן מיט זיך, מיט אירע אַכצן פּרילינגס? יונגע בחורים טשעפּען זיך צו איר, שיקן הענט. זי וואָלט וועלן און האָט מורא. זי גלייבט זיי נישט. זי איז בייז אויף זיי. לויף נישט אַוועק פון זיי — זאָגט די באָבע. מענער זענען ווי די הינט, ניוכען... בלײַב שטיין וועלן זיי דיר נישט נאָכלויפן. איז זי נישט געלאָפן. האָט ווער צו איר אויס־געשטרעקט אַ האַנט, געוואָלט זיך מיט איר באַקענען, האָט זי גע־ענטפערט: „אומבאַקאַנטערהייט גיב איך נישט קיין האַנט״.

— טפשה! — האָבן זיי געזאָגט און זיך אָפּגעקערט.

עראָטאָפאָביע — האָט איר געזאָגט אַ דאָקטער־פּסיכיאַטער. געשיקט צו אים האָט מען איר פון נעמ״ת.

אַ קליין מיידעלע געווען אין שול־עלטער. תּמיד בעת די הפסקות זענען חברה אַרויס אויפן שולהויף זיך שפּילן אין קלאַסן, טאַנץ. ייִנגלעך און מיידלעך האָבן זיך גענומען פאַר די הענט אין אַ ראָד. אונטערגעשפּרונגען, געדרייט זיך און געטאַנצט. צוויי רע־דער. זי איז תּמיד געבליבן אין דרויסן. צווישן די גרעסערע איז זי געווען פון אַ נידעריקן קלאַס. אין איר קלאַס איז זי געווען די העכסטע. סײַווי געשטאַנען און זיך צוגעקוקט אָדער אין אַ ווינקל געזעסן, איבערגעוואָרט.

„גרויסע גאָגע״, „איבערגעוואַקסענע״ — מיט אַזעלכע צו־נעמען האָט מען צו איר גערעדט. אין שטוב בײַם בורטשענדיקן

טאָטן און דער שטיפמאַמען איז זי זיך אויסגעקומען, ווי אַ קלאָץ וואָס וואַלגערט זיך אויף דער פּאָדלאָגע.

ווי אַ קינאָמאַטאָגראַפישע טאַשמע איז איר דאָס אַלץ אין די איינציקע מינוטן דורכגעלאָפן פאַר די אויגן. אָ, יענער אָוונט. וואָס האָט זי צו טאָן אין שטוב? שטייט זי נאָך אַלץ אַן איבער־געבויגענע בײַ דער באַריער מיטן פּנים צום זאַמדבערגל, אבני לעם איר, ביידע — אַן אַ וואָרט אויסרעדן. ווי ער וואָלט געוווּסט, אבני, וואָס אין איר מוח טוט זיך — האָט נישט קיין זין צו דער־וואַרטן פון איר עפּעס אַ מיושבדיק וואָרט. שטייט ער. וואַרט. אויף וואָס וואַרט ער? — ווייסט ער נישט. פרידאַ שטייט נאָך אַלץ אַ פּאַרקוקטע אין דער ליבע־שפּיל פון די צוויי גלײַך קיינער חוץ זיי ביידע — אָדם און חוה — איז נישטאָ דאָ אויפן ערדישן גן־עדן. ווי צו די אויגן, וואָס זעען דאָס צו. איינִיקע, ווייניקע פאַר־בײַשפּאַצירער פאַרהאַלטן זיך אויף רגעס, וואַרפן אַהין בליקן און גייען ווײַטער. אבני קוקט זיך אײַן אין די ים־שוים־כוואַליעס אין ווײַסע, שוימיקע לאַנגע פּאַסן, וואָס יאָגן אָן צום ברעג און ווערן נעלם. דער הימל איז אָפּגעשיט מיט שטערן עלעהיי בלישטשענדיקע אייגעלער, דעקט אָפּ פאַר אַלעמענס אויגן דאָס וואָס טוט זיך אויף יענעם זאַמדבערגל. און זיי, ס'פּאָרל, ווי זיי וואָלטן איינע אַליין געווען אונטער דעם אָפענעם פרײַען הימל.

ער ווייסט אויך, אבני, וואָס בײַ פרידאַן אין האַרץ טוט זיך. ער שטייט און וואַרט. עס האָט נישט קיין טעם איר אַצינד געבן עצות. אויך ער איז עצהלאָז, ווייסט נישט, וואָס צו טאָן מיט זיך, מיט איר, פרידאַן.

און פּלוצים רײַסט זי איבער ס'שווײַגעניש:

— צו דיר, צו דיר נעם מיך.

זי האָט זיך אָפּגעדרייט צו אים מיטן פּנים און גענומען שפּאַ־נען פאַרויס צום מאַשינדל בײַם ברעג טראָטואַר.

עטלעכע צענדליק מעטער ביז צום מאַשינדל. אין די עטלעכע מינוט האָט אבני צײַט אַ טראַכט טאָן, באַשליסן וואוּהין פאָרן

מיט איר. און אַט הערט ער איר שטים, אַן אָפּגעריסענע, ווי פון אַ שמועס וואָס זי פירט מיט זיך אַליין:

— צו דיר, צו דיר אַהיים נעם מיך.

למען האמת האָט ער געמיינט, אַז דאָס זאָגן „צו דיר אַהיים נעם מיך", וואָס האָט זיך ספּאָנטאַן פון איר מויל צוויי מאָל אַרויס־געריסן — האָט זי שוין פאַרגעסן. ער איז דאָך דערוויַיל איר אַדוואָקאַט. זי איז אַ פרוי פון אַ מאַן, דערוואַרט אַ גט, וואָס ער וועט אַ ליאַדע וואָך־צוויי פאַר איר אַרויסבאַקומען. נעמען איר צו זיך אַהיים איז נישט געזעצלעך און פון מאָראַלישן שטאַנדפּונקט נישט דערלאָזבאַר.

גוט וואָס דער שפּאַציר צום ים איז אַדורך בשלום. ער וואָלט איר דאָס באַדאַרפט אויפקלערן. מען קען אָבער צו איר אַצינד נישט רעדן. דאָס סאַמע אומלאָגישע, אוממעגלעכע איז אין איר אַנגעצונדענעם מוח לאָגיש און מעגלעך. אַמבעסטן וואָלט געווען איר אַהיימפירן. לאָזן איר אַליין מיט זיך. זאָל זי טאָן וואָס זי וויל. אַוודאי טוט אים ווי אויף אַלץ וואָס זי לעבט אַצינד איבער. ער קען איר נישט העלפן. אומגליקלעכע פרידאַ. „צו דיר אַהיים נעם מיך". פון איר מויל אַזעלכע ווערטער הערן? אַ געדאַנק איז אים אין די רגעס דורכגעלאָפן — אַ שמועס טאָן מיט איר: „פרידאַ, באַדענק זיך. דו ביסט אַ פרוי האָסט עס ביז הײַנט נישט געטאָן ווייס איך. איך גלײַב דיר. עס איז פאַרראַט, מיאוסער פאַרראַט".

און געוווסט האָט ער, אבני: אין מערסטן פאַל קערט זיך אום אַ העלפט, מער ווי אַ העלפט פון די רייד, ווי די וועלט פירט זיך, צו דעם פון וועמען זיי קומען מחמת: א. נישט אים האָט די צרה געטראָפן, נישט אים מיינט עס, און ב. נישט אים דער־וואַרט מיט אַזאַ זינד געשטרויכלט צו ווערן...

ס'ערשטע מאָל אין זײַן פּראַקטיק שטייט ער פאַר אַזאַ גע־שעענעם פאַקט. ער, אבני דער חכם, קען צו אַ טאָלק נישט דער־גיין. ער, איר, פרידאַס מושיע, קען זיך אַליין קיין עצה נישט געבן. אַן אַ וואָרט אַרויסרעדן זענען ביידע געזעסן אין מאַשינדל.

און אַט אומגעוואָלט, אומבאַשלאָסן וואָהין צו פאָרן, איז ער גע־פאָרן. און אַט זעט ער זיך אויף זײַן גאַס, בײַ זײַן שטוב.

אַרײַן אין שטוב. פרידאַ, ווי זי וואָלט דאָ שוין נישט דאָס ערשטע מאָל געווען, האָט געפּונען דעם שלאָפצימער. זי האָט אים נישט געפרעגט. ער האָט גאָרנישט געזאָגט. אַראָפּגעוואָרפן ס׳העמדל, די הויזן, אַרײַן אין די שטעקשיך, געגרייט זיך מאַכן אַ דוש. ער גיט אַ קוק. אין אָנטאָן מיטן פּנים אַראָפּ ליגט זי, פרידאַ, אויפן בעט.

10

ס׳ערשטע מאָל בײַ אים אין שטוב און נאָ דיר: אַן אומ־געוואַשענע, אין די לאַטשן אַ וואַליע זיך אַרויף געטאָן אויפן בעט מיטן פּנים אין קישן. ער שטייט און ווייסט נישט וואָס צו טאָן. אַן אומבאַהאָלפענער שטייט ער. זאָל ער גיין זיך מאַכן אַ דוש; זאָל ער זי איבערוועקן? זי שלאָפט דאָך נישט. ווי קען זי שלאָפן. אַ פרעמד בעט און נאָרוואָס אַרײַן אין שטוב. שוין אָפּגערעדט פון אַ קאַלטן טרונק אָדער אַ גלאָז טיי, אפשר אַ נאַכט־עסן. זי דאַרף אַצינד גאָרנישט, פאַרשטייט ער. רוען דאַרף זי, און אפשר טאַקע איבערשלאָפן זיך. שלאָף היילט, מאַכט פאַרגעסן.

אדרבא: ער איז גרייט איר צו געבן דאָס בעט. ער וועט זיך צולייגן אויף דער קאַנאַפּע אין סאַלאָן אָבער נישט אַזוי־אָ, פון ים אויפן בעט. אַן אומבאַוועגלעכע ליגט זי מיט דער פּלייצע אַרויף.

אַ סך רייד, אַ קורצן רעפעראַט האָט ער צוגעגרייט הײַנטיקן אָוונט פאַר איר וועגן איר גט און בכלל. זי דאַרף זיך אַזוי נישט איבערנעמען. אַ מאָדע הײַנט. שוין באַלד אַ פאַרעלטערטע מאָדע. אין אַמעריקע — האָט ער געהערט פון זײַנס אַ קאָלעגע, צוריק־געקומען פון דאָרטן נאָך צוויי יאָר. געפּרוווט מאַכן אַביסל געלט און פון אַ סך געלט, וואָס ער האָט מיטגענומען האָט ער געמאַכט אַביסל... — געהערט פון אים וועגן דער נײַער מאָדע: מ׳קומט אויף אַ חתונה פון אַ פרײַנד, אַ קרוב, מ׳ווינטשט זיך, מ׳ווײַלט זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן. נאָכדעם וואַרט מען ביז אַ יאָר. האָט ס׳פּאָרל זיך נישט געגט אָדער זיך פונאַנדערגעגאַנגען, ווינען באַזונדער און וואַרטן אויף אַ גט — גיט מען די מתנה, דעם טשעק...

נו, איז אַצינד די צײַט צו רעדן דערפֿון? איז זי בכּוח אויפֿ־נעמען די רייד בכלל? נישט קיין גט, נישט קיין קינד און צוזען מיט די אייגענע אויגן אַזעלכע זאַכן.

דער יוצא־דופֿנדיקער שריט פֿאַרן מיט אים צום ים איז אים לכתּחילה געווען אי אַ ווונדער, אי אַ רעטעניש: אפֿשר וויל זי מיט אים רעדן תּוכיקע זאַכן — האָט ער געמיינט. אין ביוראָ איז נישטאָ קיין געלעגנהייט. די צײַט איז באַגרענעצט צוליב די טעלע־פֿאָנען און אַנדערע שטערונגען. אויף צוריק פֿון ים איז ער געווען אַ סך רויִקער, געמיינט איר די זאַך אויפֿקלערן כּדי עס זאָל זיך נאָכאַמאָל נישט איבערחזרן.

דאָס וואָס ס'איז געשען דאָרט בײַם ים און ס'אָנבאָטן זיך צו אים אַהיים, לסוף — וואָס איז ערשט אַן אָנהייב און ער ווייסט נישט וויאַזוי עס וועט זיך ענדיקן — איז, ווי זאָגט מען דאָ, נאָך אַמאָל זיך דערמאָנט: הקש ששבר את גב הגמל (די שטרוי, וואָס האָט איבערגעבראָכן דעם רוקן פֿון קעמל).

ער געדענקט נישט ווי לאַנג ער איז אַזוי געשטאַנען אַ פֿאַר־דמיונטער אָן וויסן וואָס מ'הייבט אָן צו טאָן. ער כאַפּט אַ בליק אויפֿן טיש. ליידיק. ער איז הונגעריק. פֿון אַזייגער צוויי נאָכמיטאָג, חוץ די עטלעכע ביס בײַם ים, נישט געהאַט אין מויל. אַרײַנגיין אין קיך גרייטן עפּעס עסן, אַ טרונק? ווי קען ער דאָס טאָן ווען זי ליגט נאָך אַלץ אַן אומבאַוועגלעכע אין בעט.

— רון, גולם, וואָס שטייסטו? — זאָגט ער צו זיך. ער מאַכט עטלעכע טריט צום בעט, פּרוּווט איר אַ טאָרע טאָן:

— פּרידאָ.

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן פּנים, אָנגעשטעלט די צוויי לויפֿיקע שוואַרצע אַפּלען און געשוויגן.

— כ'על מאַכן אַ גלאָז טיי, אפֿשר אַ לײַכטן ביס?

— כ'דאַרף גאָרנישט.

— הייב זיך אויף, גיי מאַכן אַ דוש און לייג זיך. ווייסטו ווי דו ביסט?

— בײַ דיר אין שטוב, וואָס בין איך אַ חסר דעה?

— אַזוי־אַ אין אָנטאָן?

— וואָס שטייסטו? טו זיך אויס.

— איך גיי זיך מאַכן אַ דוש.

ווען אבני איז אַרויס פון באָדצימער האָט ער געזען אויף דער פּאָדלאָגע לעם בעט איר ספּודניצע אין אַן אָפענעם קרײַז, ווי נאָרוואָס אַרויסגעצויגן פון קרײַז די פיס. אויף אַ שטול — אירע רעשט בגדים. מיט דער קאָלדרע איבערגעצויגן איבערן קאָפּ איז זי געלעגן. אַן אײַנגעוויקלטער אין אַ ראָק נאָענט פון בעט שטייט ער אין די שטעקשיך, בעט זיך בײַ איר:

— נו, פרידאַ, גיי מאַך זיך אַ דוש.

— נאָכדעם.

— אָן אַ „נאָכדעם". ביסט פון זינען אַראָפּ?

— גיי פאַרשליס די טיר.

— שוין פאַרשלאָסן.

— לעש אויס ס׳ליכט.

— זאָל זײַן ליכטיק אין שטוב.

— אבני, וואָס שטייסטו ווי אַ גולם?

— פרידאַ, נישט צו דעם האָב איך דיך געפירט צו מיר אין שטוב אַרײַן.

— ווילסטו מיך נישט? — האָט זי אַ פאַרהייב געטאָן די קאָלדרע און אַרויס פון בעט. אַ באָרוועסע, אין העמד מיט אַ קאָפּ קורצע, צעשויבערטע האָר שטייט זי.

— פרידאַ, באַרויִק זיך.

זי זעצט זיך אויפן ראַנד בעט. ער שטייט קעגן איר פנים אל פנים.

— איך וויל שלאָפן.

— ווער לאָזט דיך נישט?

— שלאָפן וויל איך לאַנג, נישט אויפשטיין.

— אַזאַ שלאָף, פרידאַ, איז פון גאָט. צו פרי פאַר דיר. גיי מאַך זיך אַ דוש.

— געוואַשן זיך בײַם ים צום אַהיימגיין, פאַרגעסן? גיי פאַרלעש ס׳ליכט.

ער האָט פאַרלאָשן ס׳ליכט און צוגעזעצט זיך לעם איר אויפן ראַנד בעט. אָן אַ וואָרט אַרויסרעדן זיצן ביידע. פרידאַ קוקט נישט אין זײַן זײַט אַרײַן. אין ליידיקן צימער אַרײַן, אויף דער טיר, וואָס פירט אין סאַלאָן זענען אָנגעשטעלט אירע אויגן. דאַכט זיך אומבאַוועגלעך זענען אַצינד אירע שוואַרצאַפּלען. ס׳פאַרגרעסערטע ווײַסל פון איין אויג — גלאָצט אין דער ליידיקייט אַרײַן. מיט אַ זײַטיקן בליק אויף איר באַמערקט ער דאָס. אַ פאַרדמיונטע זיצט זי, פרידאַ. אַ בילד שיילט זיך אויס אין טונקלעניש פון שטוב פאַר אירע אויגן: חופה־נאַכט. קורץ איז אַלץ געשען. אַ „לחיים״, אַ לייכטער צובײַס. אַ פידעלע ווײנט אויס אַ פריילעכס. דער חתן נעמט זי אָן, פירט איר אַרויס פון הייפל ווו מ׳האָט געשטעלט די חופה, עטלעכע מעטער דרויסנדיק — אָן אַלקערל, אַ צײַטווייליקע „דירה״ אויף שׂכירות. אָט איז זי אינעווייניק. ער נעמט איר אויף די הענט, אין חופה־קלייד, טראָגט ער איר צו צום בעט. פּאַמעלעכקע ציט ער פון איר אַראָפּ ס׳חופה־קלייד, ס׳העמד. אַ נאַקעטע ווי די מאַמע האָט זי געהאַט לייגט ער איר פּאַמעלעכקע אַוועק, ווי מ׳לייגט אַוועק אַ טײַערע פּאָרצעלײַענע זאַך מיט פאָרזיכטיקייט זי זאָל זיך נישט צעברעכן. מיטן ערשטן באַריר פון זײַנע פינגער איר לײַב האָט זי דערפילט אַ שוידער: אָן ערשטמאָליקן וואַרעמען שוידער אונטער דער שווערער וואָג פון זײַן נאַקעטן שטאַרקן קערפּער און זײַנע הייסע מוסקולירטע אָרעמס. זײַן מתּינות בעתן באַשלאָפן איר, זײַן שטיל און שטאַרק קול, זײַן שטום געניסן פון איר האָט דעם שוידער אויפגעברויזט. אַ תּענוג ביז משוגעת האָט זי דערפילט צעגייט זיך אין אירע אָברים. אַ פריידיקע, אַ מידע איז זי אײַנגעשלאָפן.

אָט שטייט ער איר ווידער פאַר די אויגן. זײַן ברונעט פּנים,

זײַן שוואַרצער קאָפּ האָר — אַ טייל פון דער טונקלעניש אין שטוב. אַ געדאַנקען־בילד האָט איר באותו רגע איבערגעפירט צו יענער אײַזערנער באַריער איבערן ים. וואָס טוט ער דאָרט איר מאַן. זי האָט געוואָלט צעברעכן די באַריער: צעברעכן אָדער אַריבער־וואַרפן זיך, צוגיין און אים אָנכאַפּן בײַ דער טשופּרינע, אויספּאַטשן אים ס׳פּאַרוואַשענע פּנים און איר, דער נפקא, צעטרעטן מיט די פיס.

נישט אבנין האָט זי אַצינד געזען. ער, דער אָקסנקאָפּ, זיצט דאָ לעם איר אַ האַלב־נאַקעטער.

— ווי לאַנג וועסטו אַזוי זיצן?

אבני שווייגט.

ווייניקער פון אַ טראַט האַלט אים אָפּ פון הייבן אַ פוס אין בעט אַרײַן. אַ מחשבה עקבערט אים אַצינד אין מוח: איר נישט שיין און נישט מיאוס פּנים דריקט דאָך פּאָרט אויס אַ באַרעמ־האַרציקע פּשטות. זינט ער האָט זי דערקענט גייט אים נאָך די אַ פּשטות און ער גייט, פילט ער, אויף אַ קראַפט־פעלד, אַן עלעק־טריש, וואָס ציטצו און שרעקט אָפּ.

— נו, אבני? — הערט ער נאָך אַ לענגער שטילשווײַגן איר קול: איר און נישט איר קול. אַנדערש ווי בײַם ים ווען זיי זענען ביידע געזעסן אויף די ליגשטולן, אַנדערש, ווי אין ביוראָ קלינגט אים אַצינד דאָס קול: רייצנדיק, אומגעדולדיק קלינגט עס אים.

פון בעט אונטער דער דעק, אַ פאַרהויבענע מיט איין האַנט, רעדט זי. אַ נאַקעטע ווײַסע האַנט זעט ער. איר פּנים איז פאַר־שאָטנט. אַ גלי פון אירע לויפּיקע שוואַרצאַפּלען באַלײַכט די טונ־קלעניש. אָן אַ וואָרט אַרויסרעדן וואַרפט ער אַראָפּ פון זיך דעם ראָק און אַרײַן אונטער דער דעקע, וואָס זי האָט נאָך אַלץ גע־האַלטן פאַרהויבן.

אָפּגערוקט פון איר איז ער געלעגן. זי האָט אויסגעשטרעקט אַן אָרעם אָננעמען זײַן קאָפּ און אים דערנענטערן צו זיך. שטיל, ווי בײַ אַ מאַמעס ברוסט אַן איבערגעוועקט קינד צום זייגן איז ער געלעגן.

— אבני, שלאָפסט.

— כ׳שלאָף נישט, פרידאַ.

— איך שלאָף אויך נישט...

— האָסט דאָך געוואָלט שלאָפן.

— נאָכדעם...

— פרידאַ, איך בין אַן אַלטער מאַן.

— דו ביסט אַ פּחדן.

— פרידאַ, דײַן טאַטע קען איך זײַן...

— פאַר אַ טאַטן וועל איך דיך מאַכן, וועסט בײַ מיר יונג זײַן.

— פריער, פרידאַ, אַ גט.

— אַ קינד.

— נישט פון מיר.

— אַ ווײַב און אַ מאַמע וועל איך פאַר דיר זײַן.

— קודם אַ גט.

— איך פיל דיך, אבני, ביסט אַ שטאַרקער מאַן.

— ס׳פרייט מיך פון דיר דאָס צו הערן.

— אויך מיר קומט אַביסעלע פרייד.

— איך טו אַלץ כּדי אַרויסבאַקומען פאַר דיר דעם גט.

— וועגן דעם ט׳מען רעדן אין בּיורא. דאָ איז נישט די צײַט דערויף.

— פרידאַ, מיר זענען דאָך שוין נישט קיין קינדער.

— נו, אַדרבא.

אבני שווײַגט. אָט הערט ער ווידער איר קול:

— חכם מײַנער, אבני, מאַך זיך נישט צו נאַר. ביסט דאָך אַ מאַנספאַרשוין.

די לעצטע ווערטער האָבן אים ערגעצוואו אַ שטאָך געטאָן: אַ פריידיקן שטאָך עלעהײַ אַן אײַנשפּריץ־נאָדעלע. זי האָט פאַרט אַ ברירה צו מיינען, אַז ער איז אימפּאָטענט — טראַכט ער — אַן אַלטע נישט פאַרהיילטע ווונד האָט אַ צופּ געטאָן.

— דו דאַרפסט אַ ייִנגערן פון מיר, פרידאַ...

— רעד ווייניקער. רוק זיך צו אַביסל.

ער האָט צוגענענט זײַן גוף צו אירן. די אויבערשטע העלפט צו איר, די אונטערשטע — כאָטש ער האָט דערפילט מיטאַמאָל זײַן כּוח גברא, און אפשר מחמת דעם — עטוואָס אָפּגערוקט פון איר.

— ווילסט מיך נישט האָבן ?

— פאַרקערט, ווײַל איך וויל דיך האָבן. אַ צווייט מאָל, כ'וויל זאָלסט זיך אָפּרוען. כ'וויל דיך אַהיימפירן.

— יאָגסט מיך אַרויס פון שטוב ?

— איך האָב עס נישט געזאָגט.

— געמיינט ?

— דו מיינסט. ס'איז מיר גוט מיט דיר.

— מ'קען עס מאַכן בעסער...

— פרידאַ, און אַז ער וועט אַהיימקומען און דיך נישט טרעפן ?

— שוין געטראָפן נישט איין מאָל : בין איך בײַ דער באָבען. שוין געזאָגט דיר. ער ווייסט איך וועל אים נישט פאַרראַטן.

— מיט אַ מאַן אין בעט איז נישט פאַרראַטן ?

— מײַן באָבע װאָלט געזאָגט „אַ צדיק אין פעלץ”. האָסט מיך נישט ליב.

— רעדסט נאַרישקייטן, פרידאַ.

— אבני, פאַרראַט, שמאַרראַט : דו ביסט בײַ מיר דער ערשטער און לעצטער.

— בעסער אָן מיר.

זי האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגערוקט, איבערגעדרייט צו אים מיט דער פּלייצע, אַריבערגעצויגן איבער זיך די דעקע און מער קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

11

ס׳ווערט נישט פריִער ליכטיק ביז ס׳ווערט נישט גוט פינצ־טער — זאָגט די באָבע. אַוודאי נאָענט פון די נײַנציק ביז הונדערט און צוואָנציק. זינט זי געדענקט איר — אַליין. טשאָפּעט אום אין שטוב, באַדינט זיך אַליין. צוויי מאָל אין דער וואָך קומט אַ רוי־מערקע. „ברוך השם, וואָס זי דאַרף נישט אָנקומען צו עמעצן מ׳זאָל איר באַדינען״. די פיס טראָגן נאָך. דער קאָפּ אַרבעט — זאָגט זי. קאָכט זיך אָפּ אַ לעפל געקעכץ. „איין אויג דאַרף אויך שלאָפן״. אַקעגן דעם, וואָס ווען פרידאַ קומט אַרײַן האָט זי וואָס טועם צו זיין פון אירע געקעכצן. זי ווייסט, אַז פאַר זיך אַליין גלוסט זיך נישט צו שטיין אין קיך. מיינט זי, די באָבע, אַז זי, פרידאַ, טריקנט אָפּ די טעג. אַז זי וווינט אַזוי נאָענט פאַר וואָס זאָל זי זיך אָפּטער נישט אַרײַנווייזן? ווועמען נאָך האָט זי דאָ אויב נישט ס׳איינציקע אייניקל? אַן אוראייניקל דערוואַרט און נישט אַזעלכע צרות.

— וואָס הערט מען מיט אים דעם געניידעם (איידעם) דײַן טאַטנס? — איז די ערשטע פּראַגע צו פרידאָס אַרײַנקומען.

— דאָס וואָלסטו, באָבעניו, באַדאַרפט פרעגן דעם טאַטן. ער האָט אים דאָך געברענגט אין שטוב אַרײַן. ווי זאָגסטו, „אַז ס׳איז באַשערט אַ צרה קומט זי אין שטוב אַרײַן״.

— יאָ, דערמאָנט זיך די באָבע: זײַן געהילף אין דער פּאַפּיר־פּאַבריק. אַן אַרבעטער בײַ אַ שטאַנס־מאַשין — האָט ער געזאָגט. געמיינט — אַ מציאה. אַ מיידל איבער צוואָנציק יאָר.

דער בחור דערלאַנגט איר די האַנט. זיי קוקן זיך אָן און שווין. אַ וואָרט האָט מען פון אים נישט געהערט. ער, דער טאַטע, האָט

פאַר אים גערעדט. מער ווי תּמיד האָט ער יענץ מאָל גערעדט „אַן עולה חדש. אַליין. אַ שטילער בחור. ער מיינט אויף אַ צוועק״.

איר טאָכטער, די מאַמע, אַ גן־עדן אויף איר, האָט די ערשטע געזען ווער, וואָס ער איז. אָבער קיין וואָרט בײַם מאַן האָט זי נישט געהאַט. האָט זי צוגעקוקט און געשוויגן. נישט איינמאָל זיך פאַר איר געקלאָגט אויף זײַן פירן זיך. אַ מאַמעס האַרץ. וואָס האָט זי געזאָלט טון? געמיינט געבוירן אַ קינד וועט ער בעסער ווערן. אַרבעטן, אין זינען האָבן אַ ווײַב, אַ שטוב.

האָט זיך פרידאַ פאַרקלאָגט פאַר דער מאַמען, איז איר ענטפער געווען:

— ס׳דאַכט זיך דיר, טאָכטערשי.

— איך שלאָף נישט, מאַמע.

אַזוי־אַ האָט זיך עס אָנגעהויבן.

— נו, און אַרבעט? טוט ער עפּעס?

— באַבעשי, ער שלאָפט ביזן העלן טאָג אַרײַן.

וואָס נאָך האָט זי צו זאָגן? זינט דער ענין גט איז אין אבניס הענט — זעט מען אים ווייניק אין שטוב. באַהאַלט זיך אויס פאַר דער פּאָליציי, תּפיסה פאַר מבזה זײַן דעם בית־המשפּט, נישט צושטעלן זיך צו די אונטערהאַנדלונגען, איטלעכע אַכט־צען טעג — צעטלען, און ער מאַכט זיך נישט ווויסנדיק. דאָס גלײַכן — מיט מילואים.* מ׳רופט אים און ער קומט באַלד צוריק. ווער ווייסט וואָס פאַר אַ „לאָקש״ ** ער פאַרקויפט זײַ.

די לעצטע צײַט קומט פרידאַ אָפטער צו דער באָבען. דער־ציילט איר נסים ונפלאות פון באַרימטן אַדוואָקאַט. הײַנט זײַן גוטע באַנעמונג, זײַן יאַהנדעס. אַ ווילער מענטש, אַן ערנסטער. זי איז זיכער, אַז ער וועט די זאַך אַדורכפירן וואָס פריער. די באָבע

---

* רעזערוו־דינסט.

** אויסגעטראַכטע מעשיות, תּירוצים.

ווינטשט אים, אבנין, ס'אייביקע לעבן. פון איר טאַטן ברענגט איר די באָבע נישט קיין גוטע נײַעס. ער איז נישט בײַם בעסטן געזונט. קיין סך נחת פון זײַן ווײַב האָט ער נישט. קיין קינד האָט זי אים נישט געבוירן.

אַלץ ווייסן זײַ די אַלטע לײַט. פאַרשטייען מער וואָס זײַ ווייסן. כאָטש ער ווינט נישט אין עקרון, דער טאַטע. „ווײַטער פון אָרט — ווײַטער פון הארץ". קיין טעלעפאָן האָט זי נישט, די באָבע, און אַלע נײַעסן קומען צון איר. יעדע גוטע נײַעס, וואָס פרידאַ ברענגט פון אַדוואָקאַט גיט זי, די באָבע, אַ ווייכן אָנצייניקן שמייכל אויפן גאַנצן פנים:

— כאָטש אַ יידישער מענטש, דער אבני?

— באָבעניו, נישטאָ דאָ קיין גוייִשע אַדוואָקאַטן.

— כ'מיין כאָטש אַן אָרנטלעכער מאַן. וואָס זאָגט ער?

— ער רעדט ווייניק, ער טוט.

— און דער רבנות, די דיינים וואָס זאָגן?

— זײַ רעדן אַ סך און טוען גאָרנישט.

— נו, השם יתברך וועט העלפן.

*

אין דער פרי. איידער פרידאַ איז אַרויס צו דער אַרבעט — דער טעלעפאָן קלינגט:

— גברת פרידאַ?

— יאָ. ווער רעדט?

— פון משׂרד אדון אבני.

— ווער?

— די סעקרעטאַרין.

ס'ערשטע מאָל הערט זי דאָס קול. געזען האָט זי איר אין משׂרד. געהערט רעדן — נישט.

— וואָס זאָגט איר עפּעס גוטס, גברת? תסלחי לי, ווי רופט מען אייך?

— מירי ז׳מײַן נאָמען. איר ווערט געבעטן דרינגענד צו קומען אין משׂרד.

דרינגענד, ווען ?

— אויב מעגלעך הײַנט אָדער מאָרגן נאָך מיטאָג, צווישן פיר און פינף אַזייגער.

הײַנט קען זי נישט. שוין שפּעט. זי וועט נישט באַוויַיזן. מאָרגן. געווען איז עס די דריטע, פערטע וואָך נאָך יענעם אָוונט בײַם ים, די נאַכט בײַ אים, אבנין, אין שטוב. מאָרגן האָט זי געדענקט — איז מיטוואָך, דער איינציקער טאָג וואָס אבני אַרבעט נאָך מיטאָג. ער האָט אַוודאי פאַר איר וויכטיקע, גוטע נײַעס. יענעם טאָג פאַרן אַהיימגיין האָט ער איר געזאָגט, ווי נאָר ער וועט האָבן עפּעס וויכטיקס, וועט מען זיך טעלעפאָניש מיט איר פאַרבינדן.

מער ווי איטלעכס מאָל איז זי צומאָרגנס נאָך דער אַרבעט לאַנג געשטאַנען פאַרן שפּיגל פון דער קליידערשאַנק. געטווישט די קליידער, ספּודניצע, בלוזקעס, הויזן. זיך געהאַלטן אין איין גרייטן. סתּם אַ לאַטש, צי אַ לעטשל אויף אַ הויכן קנאַפּל. געפּרוווט קעמען די האָר, וואָס האַלטן נישט קיין פּאַסאָן, באַשלאָסן גיין צו דער פריזיערין. אַ פּוץ געטאָן מיט אַ בערשטעלע אַ ברעם, אַ צופּ אַ הערל פון אַ וויִע, אַראָפּגעצויגן, אַרויפגעצויגן איטלעכס־מאָל אַן אַנדער בלוזקע, אַ קלעפּל געטאָן מיט אַ פּודער־קישעלע איבער די באַקן און אַרויס פון שטוב.

אַ שיינער טאָג געווען כאָטש חודש תּשרי. ס׳טרעפט דאָ אַמאָל גראָד אין די ערב־ווינטערטעג שיינע וועטערן, אַ יונגער הימל. די זון שײַנט ווי אין פרילינג. די לופט — אַ יונגע, פרישע. נישט נייטיק אַרויפצויִען אַ פּאָר זאָקן. אַ נאַקעטער פוס אויף אַ הויך לעטשעלע איז שענער.

כאָטש צו הצלחה בײַ מענער האָט עס נישט, אָבער הײַנט פּאָרט זי דאָך אין משׂרד צו אבנין. אבני איז דאָך נישט סתּם אַ מאַן. זי געדענקט אויך דער באָבעס ווערטל : „טאָכטערשי, אָדער

מ׳דאַרף נישט אָדער עס העלפט נישט״. ניין. צו אבנין מוז מען זײַן, ווי זאָגן די סאַבּרעס — אלף־אלף.

אין די שעהען צווישן פיר און זעקס אַזייגער נאָך מיטאָג נייגט זיך שוין דער טאָג צום פאַרגיין, ווי דער שטייגער אין האַרבסט. כאָטש דאָהי רוקן זיך אָן די צײַטן פון יאָר אָן איבער־גאַנגען: זומער — ווינטער, ווינטער — זומער. אין די אינדער־פריִען און פאַרנאַכטן ווייסט מען נישט וואָס אָנטאָן, מחמת אַזוי גיך ווי ס׳פאַרציִען זיך וואָלקנס, פאַלט אַראָפּ אַ רעגן — אַזוי גיך הערט דער רעגן אויף. דער הימל אויסגעוואַשן, ריין, ווי נאָכן אויסוויינען זיך פון אַ קינד.

די עטלעכעביימער אויף ביידע זײַטן פון אַספאַלטיקן וועג, נאָכן אָפּשווענקען פון זיך דעם שטויב, האָבן אַרויסגעגעבן אַ פרישן ריח. רעכטס פון כביש, זײַטיקלעך — אַ פּרדס. אַרום אים — שלאַנקע ציפּרעסן מיט פאַרשפּיצטע קרוינען. קיינמאָל נישט קיין צײַט געהאַט, נישט אין זינען געהאַט אַ קוק צו טאָן וואָס אַרום איר טוט זיך. אויך איר טראָט איז הײַנט פלינק און גרינג. זי גייט צום אויטאָבוס. זי אָטעמט אין זיך אַרײַן דעם אַראָמאַט פון ערב ווינטער. אַ גוט געמיט אויף איר. „דרינגענד״ האָט זי געזאָגט, די סעקרעטאַרין. אַוודאי אַ גוטע בשׂורה. אַ טרוקן, פרעמד קול דער סעקרעטאַרינס, אָבער פאַר איר האָט עס געקלונגען פריש און נײַ. לאַנג האָט זי נישט באַוויזן צו רעדן, פרעגן. פון איבער־ראַשונג האָט זי שנעל אַוועקגעלייגט ס׳טרײַבל. זי איז פריִער מיט אַ האַלבע שעה אַרויס פון שטוב. צוויי אויטאָבוסן ביזן ביוראָ. „ס׳ווערט נישט פריִער ליכטיק...״ האַ? די באָבע, אַ לעבן אויף איר. אַ קינד דערוואַרט זי פון איר, אַן אוראייניקל. אַ גט, אַ גט. זי וועט לאַנג נישט וואַרטן. אַ קינד, אַ קינד. מען מוז נישט חתונה האָבן כּדי צו געבוירן אַ קינד. זי האָט עס אבנין געזאָגט.

12

קעגן אים זיצט זי, פרידאַ. פֿאַרנאַכטיקע ליכט אויף דער שויב פֿון איינציקן פֿענצטער. אַ גרויסער עלעקטרישער לאָמפּ אויפֿן סופּיט איבערן קאָפּ. אַ שטייעלעמפּל אויפֿן טישל פֿון דער סעקרע־טאַרין. לינקס פֿון טיש — אַ ליידיקע שטול. צוויי זענען זיי אַצינד. די דרײַפּאַכיקע ליכטיקייט שנײַדט זיך אײַן אין פֿרידאָס ראיה: אַ ראיה וואָס דולדעט נישט קיין ליכט. ס׳זיצן נאָענט פֿון אבנין גרייט הערן, האָרכן, וואָס ער האָט איר צו זאָגן — האָט איר נאָך מער ווײַטיק פֿאַרשאַפֿן. זי איז פּלוצים אין אַ פֿאַרלעגנהייט. דווקא הײַנט, אויפֿן וועג אַהער, איז איר אײַן לעבן געגאַנגען מאַכן אויף אים אַ גוטן רושם. למען האמת האָט זי אין די עטלעכע וואָכן נישט זען אים, נישט הערן פֿון אים שטאַרק געבענקט. נישט אַרויס איר פֿון קאָפּ יענע נאַכט. בכלל, ווי איז איר אײַנגעפֿאַלן אַזאַ זאַך: אָנבאָטן אים נעמען איר אַהיים צו זיך. וואָס טראַכט ער וועגן דעם? וואָס קען אַ מאַן טראַכטן וועגן אַזאַ פֿרוי? — זי גלייבט זיך אַליין נישט אַז דאָס האָט מיט איר געטראָפֿן. צי איז זי פֿרידאַ, צי אַן אַנדערע? ניין. זי וואָלט אַזאַ זאַך נישט געטאָן. אַן אַנדערע איז זי געווען.

זי פֿילט ס׳לויפֿן פֿון די צוויי שוואַרצאַפּלען אַהין און צוריק, ס׳פֿאַרגרעסערטע ווײַסל פֿון אויג — גלאָצט. אַן אומרו וואַרפֿט עס אויף איר אָן, אַ באַדרענגעניש ביזן פֿאַרלירן די חושים. דווקא דאָס מאָל. בעטן אים פֿאַרקלענערן ס׳ליכט האָט זי נישט געוואָגט. ס׳וועט אים דערמאָנען אין דעם וואָס זי וויל פֿאַרגעסן.

אַ סך וויל זי פֿון אים הערן. אַ סך האָט זי מיט אים צו רעדן. אָנגעבויגן צו אים און זײַטיקלעך דעם קאָפּ אויף אַראָפּ זיצט זי.

אַ פֿאַרשעמט שמייכעלע פֿאַרציט איר פּנים. אבני באַמערקט עס. אַ צער אים אויף איר. ער ווייסט (אוי, די אויגן, די אויגן). גע־רופֿן האָט ער איר כּדי משׂמח זײַן מיט דער נײַעס. אַ גוטע נײַעס: אַ „קייס" — אויפֿן אַדוואָקאַטן־לשון — האָט ער. ער זעט שוין דעם גט אויף דער האַנט.

— פֿילסטו זיך נישט גוט, פֿרידאַ?

— וואָס עפּעס?

און אַ העלראָזלעכע פֿאַרב פֿאַררייטלט איר פּנים ביז אַרויף דעם שטערן — פֿילט זי.

— פֿאַרפּוצט הײַנט. שיין ביסטו.

צום ערשטן מאָל זעט ער זי פֿאַרקעמטע. גאָר אַנדערש זעען אויס די קורצע, העלע הערעלעך. אַ פֿרישע מראה האָבן זיי:

— לכּבֿוד די נײַעס?

— וואָסער נײַעס? איך דערוואַרט עס פֿון דיר צו הערן, אבני.

— ס'וועט גוט זײַן.

— די דרײַ ווערטער זאָגן מיר גאָרנישט.

— זיי זאָגן אַ סך.

— נו, איך בין געקומען הערן.

— איך בין פֿאַרבעטן אויף אַ קאָנפֿראָנטאַציע מיטן באַשול־דיקטן מרדכי (מאָניעק) ווײַנער, דײַן מאַן. אַזוי הייסט ער?

— אַזוי הייסט ער. ער'ט נישט קומען.

— מען וועט אים ברענגען צו פֿירן.

— נו, אדרבא.

— אין גאָר אַ מיאוסער מעשׂה איז ער פֿאַרמישט.

— אַזוי גאָר?

— אַזוי. האָסט מזל, פֿרידאַ.

— דו, דו, אבני, ביסט מײַן מזל...

— נישט נאָר איך. עס איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט פֿאַרגרינגערט די מערכה.

— אַזוי! מעג איך וויסן וואָס?

— אַוודאי מעגסטו, דאַרפסטו וויסן.

— נו, נעם מיר נישט אַרויס די נשמה.

— אַ נײַע נשמה וועל איך דיר אַרײַנזעצן.

— עפּעס דערמאָנען מיר די ווערטער: נביאישע ווערטער.

— פרידאַ, איינס — נול לטובת דיר, כּל הכּבוד!

— וואָס אַזוינס האָב איך געזאָגט?

— די ווערטער האָט געזאָגט אַ נביא, אמת? געדענקסטו אויך דעם נאָמען?

— ער ליגט מיר אויף דער צונג, אבני.

— יחזקאל הנביא, אמת?

— אמת. און דו געדענקסט? אַן אַדוואָקאַט און קען תּנ"ך, תּורה. האָסטו געלערנט אין אַ חדר?

— נישט באַוויזן. אַ יאָר זעקס איז מיר געווען ווען מ'האָט טאַטע־מאַמע, ברודער אַרויסגענומען פון שטוב.

— ווי האָט די באָבע געזאָגט: אַן אַפּיסקאָפּ.

— פרידאַ, כ'על מאַכן אַ טיי, אפשר אַ קאַפע?

— אויב שוין יאָ, וועל איך מאַכן. כ'זע, אַלץ איז גרייט: אַן עלעקטריש לעפעלע, גלעזער, קאַפע.

— ניין. נישט דו. דו ביסט אַ קליענטין, אַ גאַסט. נישט פאַר דיר.

— אַ קליענטין, אַ גאַסט? מער בין איך נישט פאַר דיר?

— דאָ, אין ביוראָ, נישט מער.

— און ווו יאָ מער, אויב בכלל?

— דו דאַרפסט עס וויסן אומגעזאָגט.

אין עטלעכע מינוטן אַרום שטייען צוויי גלעזער קאַפע אויפן טיש. ביידע שווײַגן. זופּן די קאַפע, קוקן זיך אָן: מער ווי רייד זענען די בליקן. ביידע ווייסן, אַז יעדער וואָרט איז אַצינד איבעריק.

— מיר, פרידאַ? אפשר נישט געמיטיקט? אַ לאַנגער וועג.

— אַ דאַנק, אבני.

— נישטאָ פאַר וואָס.

— פאַר אַלץ וואָס דו טוסט פאַר מיר. כ'ווייס גאָרנישט מיט וואָס דיר אָפּצאָלן.

— ס'ט שוין באַצאָלט...

— מיט וואָס ?

— שוין פאַרגעסן ?...

— דו האָסט דאָך נישט געוואָלט...

— גענוג פאַר מיר, אַז דו האָסט געוואָלט.

— איז דאָס אַ באַצאָלונג ?

— פאַר מיר יאָ. גענוג. מער ווי גענוג. כּל זמן דו האָסט נישט דעם גט טאָרן מיר דערוועגן נישט רעדן. שוין געזאָגט דיר: איך מיש נישט אויס קיין תּחומים. זעסט, נישטאָ בײַ מיר קיין קאָזעטקע...

— שוין נישט קיין יונגע דײַן סעקרעטאַרין.

— פון וואַנעט ווייסטו ?

— לויט איר קול אין טעלעפאָן.

— אַוודאי איז זי נישט קיין יונגע. אין דעם גייט עס דאָך. דערפאַר איז זי אַ גוטע סעקרעטאַרין.

— אבני טייערער, גוט האָסטו געטאָן. אַ חסד האָסטו מיט מיר געטאָן מיטן נעמען מיך צו דיר אַהיים. וואָס וואָלט איך גע־טאָן אין שטוב אין אַזאַ נאַכט ? צוויי מאָל אַ חסד: דו האָסט מיר נישט צוליב געטאָן... ווי האָב איך יענע נאַכט געקענט וויסן, וואָס איך וויל ? נישט איך בין עס געווען. אָן אַנדערע, אָן אַנדערע איז עס געווען. זײַ מיר מוחל. אַ רגע פון שוואַכקייט: שוואַכקייט ביז טירוף.

— איך האָב געוווּסט מיט וועמען איך האָב צו טאָן. מעג איך דיר אויסזאָגן אַ סוד. אַ סוד וואָס איז פאַר ביידע קיין סוד נישט ?

— זאָג מיר נישט. כ'ווייס: כ'ווייס, אַז דו ווייסט. מיר זענען שוין נישט קיין קינדער. זאָג מיר, ליבער רון, חכם מײַנער, זאָג מיר שוין נאָך וואָס האָסטו מיך גערופן „דרינגענד" ?

— ס'וועט זײַן אַ גט, ס'אַ פֿראַגע פֿון געציילטע טעג.

זי האָט אים אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט (איר קאַפּע האָט זי תּוך כּדי דיבור פֿאַרגעסן אויסצוטרינקען), ס'פּנים אָנגעבויגן צו אים, געוואָלט אַ קוש טאָן און זיך אָפּגעהאַלטן. קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. אבני האָט אין איר שווײַגנדיקן פּנים געזען צוויי אויגן איבערגעלאָפֿענע פֿון טרערן. טרערן־הייטלעך האָט ער געזען, גלאַנציקע, אָט־אָט גיסן זײַ זיך אַריבער די אַרביטעס, פֿלאַצן.

— זעץ זיך, מאַך זיך גוט ס'זיצן, באַרויִק זיך פֿרידאַ.

ניין. די טרערן־הייטלעך האָבן נישט געפּלאַצט. זײַ זענען פֿלור־צים נעלם געוואָרן. אַ גלי פֿון אומרו זעט ער אין זיי, אַ מין נער־וועזיטעט אַ גוטע, אַ פֿריידיקע נערוועזיטעט. די שוואַרצאַפּלען לויפֿן הין און צוריק, די ליפּן — אין אַ קרומלעכן גרימאַס, האַלב־שמייכלענדיק האַלב־פֿאַרוויינט.

פֿון אַנטקעגנדיקן פֿענצטער, דורכן געפּאַלדעוועטן פֿוירהאַנג פֿאַרשאַרצט אין אַ זײַט פֿאַלט שיף אַ לעצטער צעבראָכענער, ציטערדיקער שטראַל אויף פֿרידאַס אַקסל. ניין. דער אַקסל ציטערט.

אבני זוכט אַ וואָרט, איין וואָרט צו דערפֿרייען איר האַרץ, באַרויִקן איר. דווקא אַצינד, ביים סוף? אפֿשר מחמת דעם פֿריי־דיקן סוף — איז דער שמייכל, דאָס אָט־אָטיקע געוויין, ס'ציטערן פֿון אירע אַקסלען. פֿון אינעווייניק קומט עס, פֿון אירע פֿיר יאָר לײַדן וואָס אָט־אָט וועט קומען אַ סוף דערצו. שווײַגנדיקע זיצן ביידע. ער רוקט אָפּ דאָס ליידיקע גלאָז אין אַ זײַט, באַמערקט איר גלאָז קאַפּע ס'האַלב־פֿולע:

— פֿרידאַ, די קאַפּע ווערט קאַלט. פֿאַר וואָס טרינקסטו נישט?

זי שווײַגט. וואָס האָט זי צו זאָגן? ס'האַרץ איז איבערפֿולט מיט פֿרייד און דאַנקבאַרקייט פֿאַר זײַן אינטענסיווער אַרבעט און מ'מעג זאָגן, פֿאַרן מזל, וואָס האָט צוגעשפּילט פֿאַר ביידע.

ס'האָט שוין געטונקלט אין חדר. אין דער טונקלעניש האָט זײַן פּנים — ווי איר האָט אויסגעזען — אויפֿגעלויכטן מיט אַ דער־באַרעמדיקער שײַן. נישט איר און נישט אים האָט זיך געגלוסט

אויפהייבן און אָנצינדן ס'ליכט. זאָלן זיך ציִען די מינוטן פון פרייד, פון ליבשאַפט צו דעם וואָס האָט די פרייד אַריַינגעברענגט אין איר האַרץ, אין איר געמיט, זאָל אויך אויף איר גאַס אויפ־שיַינען די זון. פרידאַס שוויַיגן האָט אויך אין אים געוועקט אַ גליקזעליקייט. לענגער ווי תּמיד האָט ער געקוקט אויף איר: אויף איר הויכן האַלדז, איר טיפן דעקאָלט, וואָס זעט אים היַינט אויס טיפער, אָפּגעדעקטער, קאָנטורן פון צוויי היפּשע בריסטן קאָנטיקן זיך שאַרף פון דער באַטיסטן־בלוזקע אַרויס, כּאילו ער זעט זי היַינט צום ערשטן מאָל. אַנדערש ווי תּמיד זעט ער זי היַינט. אַ תּשוקה וועקט זי אין אים. אַרומנעמען זי אַזוי־אָ אַ זיצנדיקע קעגן אים. אויסקושן איר. ווי גוט האָט ער געטאָן — דערמאָנט ער זיך — אין יענער נאַכט. ווי שטאַרק איז ער געווען יענע מינוטן פון איר שוואַכקייט, ווי עס זינגט זיך ערגעץ אין אַ ליד: „רגע של חולשה".

פרידאַס נאַקעטע, הייסע ליַיב האָט אים צוריקגעשטויסן דאָרט אַהין צו דער איַיזערנער באַריער איבערן זאַמדבערגל פון יענער ליבע־צערעמאָניע פון איר מאַן, איר געזעצלעכער מאַן מיט דער נפקא. אַ פיַיער פון ליבע און קינאה, ליבע און שינאה האָט אין איר אַוודאי געברענט. אוממאַכטיק איז ער געווען, געוואָלט איר העלפן און נישט געוווּסט וויאַזוי. ווי האָט ער, אבני, אין יענער מטורפדיקער נאַכט זי געקענט באַשלאָפן?

ווידער דערמאָנט ער זיך אין אַ שמועס אין ביוראָ אין אַזאַ פאַרנאַכט־שעה ווען די סעקרעטאַרין איז נישטאָ. אַן אינטימער שמועס אויסער, ווי מ'זאָגט, די אַרבעטס־שעהען. זי ווייסט נישט פאַר וואָס זי האָט אים ליב דעם דאָן זשואַן. תּמיד זעט זי דאָס איינע געשטאַלט. מאַניק — דער איינציקער נאָמען אויף אירע ליפּן. מאַניק דער ערשטער און איינציקער מאַן וועמען זי האָט איר אומשולד אָפּגעגעבן. נו שוין זשע זענען מער קיין מענער נישטאָ אויף דער וועלט? איז זי אַזוי מיאוס, ביַי אַנדערע מענער? נישט אַנדערש: איר וועלט איז צו קליין, צו בצומצמדיק אירע מעגלעכ־

קייטן. (אוי, די אויגן, די אויגן). איז טאַקע אמת וואָס איר דאָק־טער־פּסיכיאַטער האָט געזאָגט: „ליבע איז דאָס ביסעלע צוקער, ס׳ביסעלע האָניק וואָס מ׳טוט אַרײַן אין אַ רפואה־לעפּעלע, אַ רע־צעפּט. אָן דעם וואָלט עס דער ׳קראַנקער׳ אין מויל אַרײַן נישט גענומען, אָן דעם וואָלט ס׳משפּחה־לעבן קיין האַפּט נישט גע־האַט״.

אַ געדולדיקע און אַ נײַגעריקע — זעט אבני — זיצט זי, רעדט קיין וואָרט נישט אַרויס. דאָס גרויסע קינד, פרידאַ, וואַרט ער זאָל עפּענען ס׳מויל און ער שווײַגט. צו לאַנג שווײַגט ער. שווײַגןביידע.

אין עטלעכע טעג אַרום — האָט ער איבערגעריסן ס׳שווייגע־ניש — וועט ער האָבן דעם כּבוד צו זען אים, מאָניקן, אין רבנות אויף קאָנפראָנטאַציע.

— אבני טייערער, ווען, ווען וועט דאָס זײַן?

— רוף מיך רון, פרידאַ. מיר זענען דאָך נאָענטע פרײַנד. גרויסע אַדוואָקאַטן האָבן אויך פּריוואַטע נעמען, האָב איך דיר שוין איין מאָל געזאָגט. ס׳וועט זײַן הײַנט־מאָרגן. צוליב דעם האָב איך דיך גערופן.

13

כּהרף עין, ווי עס געשעט דאָ, איז די נאַכט צוגעפאַלן. אבני האָט געבעטן פרידאַן אָנצינדן ס׳ליכט, אבני האָט צעעפנט די קאַרטאָטעטשקע, אַרויפגעצויגן די ברילן. די ברילן מיט טונקעלע, ברוינע רעמען וואָס גיבן אים צו אין אירע אויגן אַ סך חשיבות. ס׳ליכט איבערן קאָפּ האָט געוואָרפן אַ העלקייט אויף זײַן פּנים. ער מישט די בלעטלעך, פאַרהאַלט די אויגן אויף אַ שטעל, הייבט אַרויס דעם קאָפּ און זײַנע זינלעכע פולע ליפּן עפענען זיך:

— כ׳על דיר איבערלייענען בלויז צוויי שורות:

„לויטן בלוט־אַנאַליז פון געבוירלינג און אָנגעקלאָגטן מרדכי וויינער איז אָן ספק פעסטגעשטעלט געוואָרן אַז דער דאָזיקער מאַן איז דער פאָטער פון קינד.״

געחתמעט פון אַ דאָקטער אויף אַ בלאַנק פון „בית היולדות תל־השומר״

— ווי איז מיר, אבני, רון טײַערער, ווען איז דאָס געשען?

— נישט וויכטיק, פרידאַ. צו אונדזער ענין האָט עס נישט קיין שײַכות. קיין בעסערן „קייס״ אויף אַרויסבאַקומען אַ גט דאַרף מען נישט.

מער האָט זי קיין וואָרט נישט אַרויסגעברענגט. אַ צער אים געוועזן זען איר פּנים וואָס האָט געטוישט קאָלירן אויף ווײַסע און רויטע פלעקן. איר אונטערשטע ליפּ האָט געציטערט. ער האָט צו־געגעבן:

— ער וועט צוויי מאָל באַשטראָפט ווערן: פאַר פאַרגוואַלדיקן אַ מיידל און אויף חודשלעכע אַלימענטן פאַרן קינד ביז ס׳וועט אַלט ווערן אַכצן יאָר.

— ער וועט עס נישט אויסהאַלטן.

— האָסט רחמנות אויף אים?

— אַ טיפּש אַ יונג. נישט געוואָלט הערן פון אַ קינד.

— ביסט זיך מרחם אויף אים?

— חלילה, כ׳מיין סתם. דײַן הצלחה, רון.

— דײַן מזל.

פאַר וואָס האָט דווקא אַצינד אַן אומעט פאַרצויגן איר פּנים? — קוקט ער איר גלײַך אין די אויגן — ער זעט נישט די לויפיקע שוואַרצאַפּלען, נישט ס׳פאַרגרעסערטע ווײַסל פון אויג. אַ צער אַ ניסתּרן טרויער זעט ער, וואָס זי וויל פאַרשטעלן מיט אַ פרעמד שמייכעלע. דער קרומלעכער מויל־גרימאַס, ס׳פאַרבײַסן אַ ליפּ האָט געמסרט.

זי איז לאַנג געזעסן און געשוויגן.

— פרידאַ, העכער צוואַנציק יאָר אין מײַן פּראַקטיק האָט אַזאַ זאַך נישט געטראָפן. נישט מײַן הצלחה, דײַן מזל איז עס, ס׳אַ גורל זאַך, אַ פאַרגיטיקונג פאַר דײַנע לײַדן.

אבני האָט נישט אויפגעהויבן מ׳קאָפּ פון דער טעטשקע. ער האָט געגלייבט אין איר מזל. געטראַכט, אַז עס שפּילט אויך אים צו. „ביסט אַ געזונטער מאַן” — זענען אים אירע ווערטער נישט אַרויס פון זינען. שיכחה האָט אויך אַ זכרון ווען ס׳האַנדלט זיך אין זאַכן וואָס מ׳וויל נישט פאַרגעסן. ווען האָט ער אַזעלכע ווערטער געהערט פון אַ פרוי? מן־הסתּם געדענקט אויך זי דאָס. ער כאַפּט אַ קוק אויף איר דורך די ברילן. ער זעט זי אַצינד אַנדערש: אַ נאָרמאַל, שיין פרויִש פּנים, רעגלמעסיקע פּנים־שטריכן. נישט אַנדערש, אַזוי וויל ער זי זען: אַ סוביעקטיוו זען אָדער — געווינשאַפּט? מה קדם למה? — פרעגט ער זיך די אַלטע קשיא — וואָס איז געווען פריִער, דאָס סוביעקטיווע זען צי די געווינשאַפּט?

ער איז דאָס מאָל לאַנג געבליבן זיצן בײַם טיש נאָך פרידאָס אַוועקגיין. ער האָט פאַררוקט די טעטשקע אין אַ זײַט, אַרײַנ־

געטראַכט: „דאַרפסט נישט זײַן אַליין, אַ ווײַב דאַרפסטו, אבני״ — האָבן זיך אײַנגעקריצט אין זכּרון אירע ווערטער אין איינע פון זייערע איבערשמועסן. וואָס זי האָט געמיינט דערמיט — האָט זי זיך געמיינט אָדער בכלל אַ ווײַב — איז אים אין דער רגע נישט וויכטיק. אָבער אמת איז עס. ניין. ער איז נישט צו אַלט. יעדער עלטער אויך אין פאַמיליאַרן זין — האָט איר שיינקייט, איר תּוכן. אַוודאי איז עס בײַ יונגע מענטשן אַנדערש. יעדן טאָג איז אַ נײַער, אַן אָפענער. בײַ עלטערע — אַן אָפּגעשלאָסענער קרײַז: טונקעלער, שמעלער די האָריזאָנטן. כאָטש ער פילט עס דערווײַל נישט — ווייסט ער: עס איז אַ נאַטירלעכע דערשײַנונג. זאָל ער זײַן אַ יוצא מן הכּלל? אין דער גראַמאַטיק איז עס פאַראַן. פאַר וואָס זאָל עס נישט זײַן אין לעבן? און ער איז זיכער נישט איינער. אײַ, ליבע? געווינשאַפט? נישט וויכטיק וויאַזוי ס׳הייסט. וויכטיק איז דער פאַקט. שאַ, שאַ, ווען האָט ער בכלל געהאַט צו טאָן מיט פרויען? ער דערמאָנט זיך. אַ נאַרישקייט געדענקט זיך:

— — — אַ גימנאַזיסט. פינפטע קלאַס גימנאַזיע. וואַקאַציעס. אין איינעם אַ זונטיק אָוונט ווײַזט זיך אַרײַן אין שטוב זײַנס אַ חבר פון שולבאַנק. ער וויל אים — זאָגט ער — מיטנעמען אויף אַ „ווײַל־טאָן״. זענען זיי אַרויס פון שטוב. אַרײַן אין אַ טונקל־באַלויכטן געסל. אַ הײַפל. אַ צווײשטאָקיקע הײַזקע. אַ רויט לעמ־פעלע אויפן ערשטן גאָרן טרעפּ באַלײַכט אַ שמאָלן, לענגלעכן קאָרידאָר. טירן. דער חבר עפנט איינע און גייט אַרײַן, הייסט אים וואַרטן ביז ער וועט אַרויסקומען. אין אַ פופצן־צוואַנציק מינוט קומט ער אַרויס אַ צעפּלאָמטער, קנעפּלט זיך די הויזן, הייסט אים אַרײַנגיין. אָט איז ער אינעווייניק. אַ גרויסע שטוב. אַ האַלבע איז פאַרהאָנגען מיט אַ באָרדאָ־פוירהאַנג. אַן עלטערע פרוי קומט צו צו אים, הייסט אים צוזעצן זיך אויף אַ ווײַלע. ער קען — זאָגט ער — שטיין, נישט מיד. אויף וואָס וואַרטן? די פרוי איז נעלם געוואָרן.

אַ נאַקעטע פרויען־האַנט, אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר זעט ער

פון אַ זײַט פֿוירהאַנג, וואָס די האַנט פֿאַרהייבט, הערט אַ הייזעריק כמעט מענעריש קול:

— קום אַרײַן, וואָס זיצסטו, ווי אַ גלאָמב?..

מיט פֿאַמעלעכע טריט שאַרט ער זיך אַרײַן. ער ווייסט נאָך אַלץ נישט פֿאַר וואָס ער טוט דאָס, וווהין גייט ער. אויף אַ ראַנד פֿון בעטל זיצט אַ פֿרוי, מסתּמא די, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט די האַנט, אים אַרײַנגערופֿן. אַ קורץ העמד פֿאַרקאַטשעט איבער די נאַקעטע קני. ער שטייט.

וואָס שטייסטו?

— כ׳בין דאָ מיט אַ חבֿר... — ווייסט ער נישט וויאַזוי אויס־צובריַיען — ער וואָלט אייגנטלעך געקענט וואַרטן אויפֿן חבֿר אין דרויסן, נאָר... —

— ווייניקער געפּלאַפּלט, יאַלד. לאָז אַראָפּ די הויזן! — מעסט אים יענע אָפּ מיט אַ בייזן, נערוועזן בליק.

ער שטרעקט אויס צו איר די האַנט ווי ס׳פּירט זיך צום באַ־קענען אַ מענטש, פּרעפּלט אַרויס זײַן נאָמען, מורמלט נאָך עטלעכע ווערטער, ווי צו זיך אַליין. זי פֿאַרשטייט נישט וואָס ער רעדט, רײַסט אים איבער אין מיטן:

— דאָ באַצאָלט מען פֿריִער. נישטאָ קיין צײַט אויף באַקאַנט־שאַפֿט — שטופּט זי אים אָפּ די האַנט.

ער בלײַבט שטיין. ווייסט נישט וואָס ער האָט צו טאָן. נעמט זוכן אין די קעשענעס. אַ מבולבלטער, אַ דערשראָקענער פֿון איר מענעריש הייזעריק קול, געפֿינט ער גאָרנישט אין די קעשענעס.

— וואָס איז דיר וויכטיק ווי איך הייס? מען רופֿט מיך נישט בײַם נאָמען. מ׳קומט צו מיר, אָפּגעטאָן און אַוועקגעגאַנגען.

און ער קען צו זיך נישט קומען.

— ייִנגעלע, מאַך עס שנעלער. האָסט נישט קיין געלט, זאָג אַ גוטע נאַכט. גיי אַהיים נעם געלט בײַ דײַן מאַמען...

ער מאַכט אַ טראַט צוריק, דרייט זיך אויס, זוכט אַ ברעג פֿון פֿוירהאַנג אַרויסצוגיין. זי האָט זיך דערווײַל אויפֿגעהויבן פֿון

בעטל. אַ באָרוועסע, האַלבנאַקעטע שטייט זי, מעסט אים אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס. אין דער דעמפּיקער פינצטערניש, אין שלעכטן ריח פון איר גרויסן גוף, וואָס פאַרגייט אים אין נאָז — איז ער אַ צעחושטער, אַן אומבאַהאָלפענער, אַ שוויַיגנדיקער אַרויס מיט אַ „גיי צו אַלדי שוואַרצע יאָר״ אויף די ליפּן אָן עפּענען ס׳מויל.

ער געדענקט נישט גענוי וויאַזוי ער איז פון דאָרטן אַרויס. דעם חבר האָט ער אין דרויסן נישט געטראָפן. לאַנג איז אים נאָכגעגאַנגען דער זויערלעך־זיסער לאַקריץ־ריח, וואָס האָט זיך געטראָגן פון איר גרויסן גוף. אין דער צעטראָגנקייט האָט ער געפילט ווי ס׳פלאַמט אים ס׳פּנים. וויאַזוי ער איז אַרויס פון אונטערן פוירהאַנג, פון דער גרויסער שטוב פון גאָרן טרעפּ אַראָפּ — געדענקט ער עד היום נישט.

14

אַז ביסט יונג זאָלסטו זיך פירן ווי אַן עלטערער מענטש; אויף דער עלטער זאָלסטו זיך האַלטן יונג — געדענקט ער דעם זאָג פון אַ כינעזישן פילאָסאָף (פאַרגעסן דעם נאָמען). איז ער שוין, מיינט ער — געגנוג אַלט אויף צו האַלטן זיך יונג. אַ יונג לאַנד איז דאָ. יונגע כוחות דאַרף מען. געדולד, אויסדויער. דאָ גייט מען נישט. מ'לויפט. מ'יאָגט זיך נאָך אַ פאַרלוירענער זאַך. „דאָרטן" אין דער פינצטער האָט מען פאַרלוירן. דאָ, פאַראַן אַ סך ליכט, זון — וויל מען אָפּגעפינען וואָס מ'האָט דאָרטן פאַרלוירן. סך־הכל פינעף אין זעקסטן יאָר איז ער געווען בעתן מלחמה־אויס־ברוך. נישט קיין סך עלטער פון פרידאָס מאַמע ווען זי וואָלט גע־לעבט. איינער פון אַ משפחה. יענע נאַכט ווען מ'האָט טאַטע־מאַמע, דעם עלטערן ברודער, דעם שיינעם בחור אַרויסגעשלעפּט פון די בעטן — איז ער געשלאָפן ביי אַ חבר, אַ קריסטלעכע משפחה. אַ האָלאָוועשקע. אַ יתום איז ער. אין יתומים־הויז זיך געהאָדעוועט אין האָלאַנד. „גיב אַ קראַץ אַ רוס געפינסטו אַ טאַ־טער" — זאָגט זיך אַ ווערטל. גיב אַ קראַץ אבני רונן, געפינסטו דעם נעבטיקן געראַטעוועטן פּליט. שווערע יאָרן דאָרט אַדורכ־געמאַכט ביזן קומען דאָ גראַדויִרן. אַריבער דרייַסיק יאָר דאָ אין לאַנד און ער לעבט מיטן דאָרטן. רק ס'קומט אים אויס, אַז מדינת ישׂראל אין מיטעלן מזרח, אַרומגערינגלט פון אַראַבישע מדינות איז ווי אַ ייִד צווישן גויִים דאָרטן. ס'פּאַרדריסט אים אָפּט אויף זיך אַליין, אויף זייַן לעבנספילאָסאָפיע: גראַבלט ווי אַ האָן אין מיסט פון לעבן. דאָס לאַנד — באַפּעלקערט פון אַ היפּשער טייל ייִדן אויף דער קליינער ערד — אַ קאָכקעסל: אַ פאָלק מיט היס־

טאָריש־עטנישע קענצייכנס פון זיבעציק אומות. אַ מבולבלע צײַט. אַ קראַנקער יאָרהונדערט. קליינע מלחמות, בירגערקריגן, נאַציאָ־נאַלע פערמענטן, ברודערמאָרד. פרײַדענקער. פרומע. חוזרים בתשובה. אַ בלאָנדזשעניש פון אַ דור, צוויי דורות און זוכן עפּעס אַ דאָיִק־נישדאָיִקס. געמיינט נאָך דער ליקווידאַציע פון סטאַלינס טיראַניע וועט די וועלט, די מענטשהייט פרײַער אָפּאָטעמען. טויג זי טאַקע נישט, די וועלט? און ס׳לאַנד, ישׂראל? אַ גרויסע סתּירה זעט ער דאָ: פון איין זײַט וויל ישׂראל זײַן ככל הגויים. איז מושפּע פון אַנגלאָזאַקסישן מערב, בעיקר פון אַמעריקאַניזם כּמעט אויף אַלע געביטן פון לעבן: קולטור, ליטעראַטור, טעאַטער, קינאָ, טעכנאָלאָגיע, קונסט בכלל און וויסנשאַפט. פון דער צווייטער זײַט — אַ שטרעבונג צו פאַרהיטן און פלעגן דאָס יחיד־במינודיקע פון יִידישן פאָלק אין אייגנאַרטיקן, רעליגיעזן, טראַדיציאָנעל־היסטאָריש־נאַציאָנאַלן זין. הײַנט צווישן די צוויי פּאָליוסן — אַ זיבעציק פנימדיק פאָלק. וואָס אַזוינס איז אַ פאָלק? אַ קאָלעקטיוו, אַ רבים פון יחידים טויג אפשר נישט דער יחיד? כי יצר לב האדם רע מנעוריו? אויך דאָהי צווישן אייגענע קאָנטיקט זיך דאָס. אויב אַזוי, מאַיִן יבוא עזרי? פון מענטש, נאָר פון מענטש — זאָגט ער — נאָך אַ לאַנגן אַרײַנקלערן — צו זיך. אַ סברא, אָט דער גלויבן, אַז דער מענטש וועט גוט זײַן, אפשר טאַקע יצר לב האדם טוב מנעוריו, גיט אים, אבנין, כּוח, אויסדויער אין זײַן לעבן, אין זײַן אַרבעט, אין זײַן אַדוואָקאַטור.

זי, פרידאַ, איז איינע פון די „לב האדם טוב״. אָט די נאַריש־קלוגע פרוי: אין איר דערשראָקן פּנים בעת עס האָט זיך גערעדט וועגן אַ דעטעקטיוו (וואָס קען אויך הייבן אַ האַנט...) האָט די לײַדנדיקע, פאַרראַטענע פרוי, איר מאַן נישט געוואָלט קיין שלעכטס טאָן. גוטקייט צי ליבע? אפשר ביידע. אויך די גוטקייט, די ליב־שאַפט צו אים — די ערשטע אפשר לעצטע ליבע אין זײַנע העכער פופציק יאָר — גיט אים כּוח צו גלייבן אין מענטש.

אויפן פערטן טאָג נאָכן לעצטן לאַנגן וויזיט פון פרידאַ —

האָט ער, אבני, אַליין אָנגערופן פרידאַן זי זאָל קומען אין ביוראָ צווישן פינף־זעקס אַזייגער.

מיט די ברילן מיט די גרויסע, טונקלברוינע ראַמלעך, וואָס מאַכן אים חשוב, שענער אין די אויגן פון פרידאַ זיצט ער אַ גע־בויגענער איבער אַ טיש פּאַפּירן אַ פּאַרטיפּטער אין לייענען נאָך און נאָכאַמאָל דעם גאַנצן פּראָטאָקאָל, דעם באַשולדיקונגס־אַקט קעגן מרדכי (מאָניק) וויינער. די צוויי שורות וועגן בלוט־אַנאַליז — דער טשוואָק פון פּראָטאָקאָל, אָט וואָס ליגט אים גוט אין זינען. אַ הויכע סומע חודשלעכע מזונות וועט ער בעטן דעם בית־דין מחייב זיין דעם באַשולדיקטן. אָט וועגן וואָס ער וויל זיך מיט פרידאַן באַראַטן. זי זיצט קעגן אים. לייענט מיט אירע אויגן וואָס דאָרט איז געשריבן. און ווידער: איר פּנים איז נישט דאָס פּנים פון תּמיד. אַ פרייד, אַ צופרידענעם שמייכל האָט ער געוואָלט אויף דעם פּנים זען. אַוודאי פרייט עס איר. זי איז גליק־לעך, זאָגט זי אים. ווען זי שעמט זיך נישט, וואָלט זי מיט אירע ביידע הענט אַרומגענומען זיין קאָפּ — זיין קלוגן קאָפּ און אים אויסגעקושט. ס'קומט דיר, רון — זאָגט זי — און זיצט אַ צוגע־בויגענע צו אים, האַלט די הענט ביי זיך. אַן עצבותדיק שמייכעלע פאַרציט אירע ליפּן.

דער כּוח פון ליבע: ליבע־שינאה — זאָגט ער צו זיך — צוויי זייטן פון איין מטבע. פאַר וואָס ציטערן אירע הענט? אויף די טאַש, וואָס זי האַלט אין די הענט, ציטערט. נערוועזע פינגער ווי פון אַ פּלוצימדיקער אינערלעכער, שווערער איבערלעבונג. אבני דערמאָנט זיך: ער האָט איר איינמאָל פאָרגעשלאָגן אונטערשיקן צו איר מאַן אַ געהיימען דעטעקטיוו, אַ געזונטן בחור, וואָס קען אויך הייבן אַ האַנט. אַ, ניין. דאָס וויל זי נישט — האָט זי תּיכף געענטפערט.

— אבני, רון, וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר?

— דו געפעלסט מיר — האָט ער געזאָגט אַ ליגן אומגע־

טראַכט. עס איז אַפּילו אמת, אָבער נישט דאָס האָט ער איצט געמיינט.

— קוקסט אויף מײַנע ציטערנדיקע פינגער? איך ציטער אינ־גאַנצן.

— פאַר וואָס, פרידאַ?

— אַצינד ווייס איך, אַז כ׳וועל בלײַבן אָן אַ מאַן, אָן אַ קינד.

— אַ געגטע, אַ פרײַער מענטש וועסטו זײַן. ס׳פעלן נישט קיין מענער.

— איך גלייב זיי נישט, די מענער. דו, דו, אבני, ביסט מײַן לעצטע האָפענונג.

זי איז שטיל זיצן געבליבן, כאָטש אַ סך, אַ סך ווערטער האָבן זיך געריסן פון איר קעל. אירע ליפן האָבן זיך געעפנט און פאַרמאַכט עלעהיי אַ פיש אויף דער טריקעניש.

— באַרויִק זיך, פרידאַ — האָט ער אויפגעהויבן אַ האַנט ביז איר גאָמבע און זי נישט באַרירט — איך וועל נישט שיקן קיין דעטעקטיוו. נאָך אַ ביסעלע, אַ קליין ביסעלע געדולד. פרידאַ, עס וועט זײַן בסדר.

— כ׳בין גרייט אויף אַלץ, אויף וואָס דו וועסט טון מיט מיר.

— וועסט דאַרפן טאָן אַלץ וואָס זיי וועלן דיר הייסן.

— ווער זיי?

— דער רבנות, די דיינים.

— כ׳פאַרשטיי נישט.

— ס׳וואַרט דיר נאָך אַ גאַנצע צערעמאָניע, אַ לענגערע פּראָ־צעדור צום אויספירן אַן אַקט פון אַ גט.

— ווייי איז מיר.

— גוט איז דיר. ס׳ט באַקומען אַ גט. איז ער אַהיימגעקומען יענעם אָוונט? — איז ער געוועזן נײַגעריק צו וויסן, ווי האַלט עס בײַ איר נאָך יענער נאַכט.

— וואָדען? ווו זאָל ער גיין? ער איז שטאַרק פאַראומערט די לעצטע וואָכן. ער ווייסט מן־הסתּם וואָס עס דערוואַרט אים.

— נעמסט זיך איבער דערפון ?

— העכער צען יאָר מיט אַ מאַן. אַ שלעכטער מאַן, אָבער מײַן מאַן.

— באַדױערסט ?

— חלילה. װאָס רעדסטו, אבני. איך האָב נישט קיין װערטער דיר צו דאַנקען.

— ס׳קומט מיר נישט קיין דאַנק, נאָר דײַן פּנים זעט מיר אויס נישט װי כ׳האָב דערװאָרט, פרידאַ. איך טו עס אויך פאַר אַנדערע. ס׳איז מײַן אַרבעט, מײַן פּרנסה.

— אבני, פאַרגעס נישט מיר צושטעלן אַ חשבון.

— נישט דאָס האָב איך געמיינט, פרידאַ. מיר זענען דאָך פרײַנד, נאָענטע פרײַנד.

צו פרידאָס אַרויסגיין האָט ער זיך אויפגעהויבן פון פאָטעל, אָפּירגעגאַנגען פון טיש, קאָנטיק צום באַגלײַטן איר צו דער טיר. ס׳ערשטע מאָל זעט זי אים אַ שטייענדיקן (נישט רעכענענדיק בײַם ים, װו ער איז מער געזעסן װי געשטאַנען, נאָכדעם אויף דער שפּאַציר־טעראַסע).

— שפּעטלער. אפשר צופירן דיך אַהיים ?

— אַ דאַנק, אבני, האָסטו הײַנט שוין געמיטיקט ?

— יאָ, פרידאַ, פאַר דײַן קומען.

— די אויטאָבוסן גייען נאָך, אבני. דו דאַרפסט זײַן אין שטוב, אָפּרוען זיך.

בײַ דער טיר זענען זיי שטיין געבליבן, אָפּגערוקט פון איר איז ער געשטאַנען, כדי נישט דאַרפן שטאַרק פאַררײַסן דעם קאָפּ.

— װעט מען זיך נאָך זען, פרידאַ ?

— קודם האָט מען נאָך נישט געענדיקט דעם חשבון.

— נישט װעגן דעם רעדט זיך.

— װעגן אַנדערע זאַכן, אבני, זאָגט מען דאָ: יש דברים שהשתיקה יפה להם (פאַראַן זאַכן, װעגן װאָס ס׳איז בעסער צו שװײַגן).

אַ האַרציק שמייכעלע האָט זיך צעגאָסן אויף איר פּנים. דאָס ערשטע מאָל זעט ער זי אַזוי שמייכלען. אַלץ וואָס מען האָט נאַרוואָס גערעדט האָט ער אין די מינוטן פאַרגעסן. זי איז אים אין די רגעס נאָענט געוואָרן. צובייגן מ׳קאָפּ און אָפּפּרעסן איר אַ קוש אין די ליפּן האָט זיך אים פּלוצים פאַרגלוסט. אירע שווײַגנ־דיקע ליפּן, וואָס האָבן זיכער פאַרשלאָסן אַ סוד, אַ פריידיק־ווייטיקלעכן סוד. ער וואָלט אָבער געמוזט נענטער צוגיין שטעלן זיך אויף די שפּיץ פינגער. ער וואָלט זיך אַוודאי געוואַקלט אפשר אויך פאַרלוירן די גלײַכגעוויכט. אַ שווײַגעניש איז אויףביידנס פּנימער געהאָנגען. פּנים אל פּנים קעגן איר האָט אים אין די רגעס אַ טרויעריק־באַנגיקע מחשבה באַזעסן: אַ מחשבה — אַ בליץ, וואָס נאָך אים ווערט פינצטער אין די אויגן. ער האָט נישט גע־ווּוסט וויאַזוי מאַכט מען דעם טראָט־צוויי נענטער צון איר און מ׳פאַררײַסט דעם קאָפּ צו איר פּנים. אַ פאַרדרענגטער מיט אַראָפּ־געלאָזטע בליקן האָט ער זיך געגומען אַרומקוקן. אים האָט זיך רק אויסגעוויזן, אַז ער איז אַצינד נישט אַליין מיט זיך: ער איז צוויי. יענער, דער צווייטער, קוקט אויף אים מיט אַ לצנות־שמייכעלע, מעסט דעם מרחק פון איר קאָפּ ביז זײַנעם, וויל זאָגן: „סאַראַ שיפּוע פון איבערביידע קעפּ״.

ערשט איר אויסגעשטרעקטע האַנט צום געזעגענען זיך וועקט אים איבער פון דער פאַרדמיונטקייט.

— להתראות, רון.

— להתראות, פרידאַ.

ער האָט לענגער ווי מ׳דאַרף געהאַלטן איר האַנט אין זײַנע ביידע הענט, וואָס זענען מיט מינוטן צוריק אים ווי איבעריק גע־ווען, נישט געהאַט זיי ווּו אַהינצוטאָן: געהאַלטן איר האַנט אַ שטייגער ער וויל פאַרהאַלטן די צײַט פון איר זײַן דאָ בײַ אים אין ביוראָ. זי האָט געקוקט אויף אים. דער שמייכל איז איר נישט אַראָפּ פון פּנים.

ער האָט פון אירע אויסטערלישע פאַרוווּנדערטע בליקן געוואָלט

אַרויסלייענען דאָס וואָס זי דערזאָגט נישט, אָדער, וואָס ער מיינט זי האָט צו זאָגן. די וואַרעמקייט וואָס האָט געשטראָמט פון אירע פינגער האָט אין אים געוועקט אַ זיסן שווידער. אַ רחמנות אויף זיך, אויף זײַן נעבעכדיקן אויסזען קעגן דער שטאַלטנער פרוי, וואָס איז אַזוי נאָכגיביק צו אים — האָט אים אַרומגענומען.

קנאַפּע פינף חדשים איז ער זיך מטפל מיט איר ענין גט. אָפּט איז זי אַנטקעגן אים אין ביוראָ געזעסן. עס איז אים כּלל נישט אײַנגעפאַלן, אַז צווישן אים און איר וועט אַזוינס פּאַרקומען. אַזוי נאָענט מיט איר געווען. אין איין בעט געשלאָפן. די מילדע וואַרעם פון איר גוף, האַלדז און נאַקן אַרײַנגעאָטעמט אין זיך. „דו ביסט אַ שטאַרקער מאַן" קלינגט אים אין די אויערן גלײַך ס'וואָלט נעבטן געווען. זי האָט געגלעט זײַן קאָפּ, זײַן בייניקן האַלדז. קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. זי האָט זיך געבעטן באַמאַנען איר. ער האָט זיך געפּרוווט אָפּרוקן כאָטש דער באַגער איר צו האָבן האָט נישט אָפּגעלאָזט. הײַנט, בײַם ים? איר שלאַנקער, רירעוודיקער גוף אין אַ ביקיני, די לאַנגע, ווייסע פיס, ס'לויפן פלינק און גרינג צום וואַסער, אַרײַן מיט אַ נורעק. פון מיטן ים אים זוכן און געפינען אים אויף דער ליגשטול, פאָכען מיט אַ פאַרהויבענער האַנט, ווי פון אַ שיף, צי אַ באַן צום אָפּפאָרן. צוריקקומען אַ פאַרסאָפּעטע, אַ נאַסע מיט אַ פאַררויטלט פּנים. סאָפּלעס רינען פון איר. מיט אַ פאַטש פון ביידע נאַסע הענט — וועקט זי אים אויף פון זײַנע טראַכטענישן: זײַנע אַלט־נײַע טראַכטענישן, זײַנע חשבונות מיט גאָט, מיט דער נאַטור, מיט זײַן גורל.

אויף די קני — געדענקט ער — האָט זי זיך געשטעלט פּנים אל פּנים צו אים. איר קאָפּ האָט געגרייכט איבער זײַנעם. זי האָט מיט ביידע הענט זיך אָנגעלענט אָן זײַנע בייניקע אַקסלען, אַ קוש געטאָן אים אין שטערן פאַר די אויגן פון אַלע זיצנדיקע, שפּאַצירנדיקע אַרום זיי.

פאַר וואָס שטייט ער אַ פאַרשעמטער אָן אַ וואָרט אַרויסרעדן? ער האָט דאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, פרעגן.

נאָך פרידאַס אַוועקגיין האָט זיך אבני נישט צוריקגעזעצט צום טיש. ווי לאַנג ער איז אַזוי געשטאַנען אַנטקעגן איר געדענקט ער נישט. אויסטערליש האָט אים היינט איר קומען און אַוועקגיין אויסגעזען. עטלעכע מינוט פאַר איר אויפהייבן זיך פון שטול איז אים נישט איינגעפאַלן, אַז ס'וועט אים אַזוי שווער זיין איר אַוועק־גיין, אַז אָט די אַלע געדאַנקען און בילדער פון ים און נאָכדעם ביי דער באַריער וועט אים היינט — מעגלעך צום לעצטן מאָל — קאַפויער קומען. כאָטש ערגעצוווּ אין זיין מוח אָדער אין האַרץ פאַרוואַלגערט זיך אַ געדאַנק, אַ נאַרישע מחשבה פון אַן אַלטן מאַן: „עס איז נישט דאָס לעצטע מאָל״.

עס געדענקט זיך איר דריקן זיין האַנט, איר „להתראות, רון״, זיין ענטפער: „להתראות, פרידאַ״. ער געדענקט, אַז ער האָט פאַרגעסן צו פרעגן:

— צי וועט מען זיך נאָך זען?

אַ שנירעלע פּערל

אַ שנירעלע פּערל

1

יואל גאָלד איז הײַנט, ווי איטלעכן טאָג אַמאָל אין אַן אָוונט־שעה, אַרויס אויף זײַן טעגלעכן שפּאַציר — אַ צען־פופצן מינוט לענגאויס דעם כביש אַבו־כביר. אָקערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק אים געפּלאַסטערט, אויסגעברייטערט. ער ציט זיך צפונדיק אויף תּל־אביב און דרומדיק פאַרבינדט ער יפו, חולון, בת־ים, ראשון־לציון, רחובות ביז ירושלים.

יואל גאָלד האָט אַ שם פון אַ גוטן לערער. זינט ער איז אין לאַנד — העכער פופצן יאָר — אַ לערער פון נאַטורוויסנשאַפט. מ׳זאָגט אַ גוטער, רויִקער מענטש. די שילער האָבן אים ליב. ער האָט קיין מאָל אויף אַ שילער זײַן קול נישט אויפגעהויבן. אַ שטאַלטנער, ברונעטער יונגערמאַן פון אַ יאָר פערציק, אפשר עפּעס מער.

וואָלט מען אים געפרעגט צי ער האָט ליב ס׳לערערײַ, וואָלט ער נישט געענטפערט יאָ, נישט ניין, אויך נישט מיט אַ קאָפּשאָקל פון הסכמה. ער וואָלט געזאָגט:

— איך טו וואָס איך טו כּדי צו אַנטלויפן פון דער בדידות.

אַ געלאַסענער, אַ פאַרקלערטער גייט ער אַלע אין דער פרי פון שטוב אין בית־ספר אַרײַן אַ וועלכע פיר־פינף סטאַציעס מיטן אויטאָבוס. בלײַבט שטיין אַמאָל אַ פאַרדמיונטער — ווייסט מען צו דערציילן — „פאַרקוקט זיך ערגעץ מיט אַ פול מויל שווײַגע־ניש״. פאַראַן אויך מינוטן, ברוכטיילן פון מינוטן — קיינער איז

אַוודאי זיך נישט משער, אַז אין די רגעס פּילט ער אין זיך פּלוצים אַ כּוח פון התגלות. מעג די התגלות באותו רגע נעלם ווערן — שטייט ער נאָך אַלץ אַ פאַרדמיונטער, אַן אומוויסיקער פאַר דער רעטעניש, וואָס באַשעפטיקט אים אַלע יאָרן — מענטש.

צופוס גיין — זאָגן דאָקטוירים — איז געזונט. יואל גאָלד טוט דאָס צוליב אייגענער „דאָקטרינע".

אײַ, זײַן פרוי — אַ מאַמע פון צוויי ייִנגלעך — איז נישט מסכּים מיט זײַנע דרכים, האָט ער דערצו נישט קיין עצה. סך־הכּל איז עס אַ פּרווו קעגן דער בדידות.

פרײַ פון די לעקציעס, פון שטוב־אַרבעט, ווי עס פּירט זיך אַ גוטער מאַן מיט אַרויסהעלפן פון מאָל צו מאָל אין דער באַלע־באַטישקייט — געפינט ער נאָך אַלץ צײַט צו זײַן „מיט זיך", ווי ער דריקט זיך אַמאָל אויס.

אין די שפּאַציר־שעהען איז דער כּביש אבו־כּביר אַ ליידיקער פון ראָד־פאַרקער. אויך מענטשן פון די דערבײַיִקע שיכּונים זעט מען ווייניק. שטיל, ווײַטלעך פון אויטאָבוסן־גערויש, טעקסיס, מאַ־שינען, אַ טראַסקען פון אַ מאָטאָציקל — גייט ער זײַן אומגע־שטערטן גאַנג.

פון איין זײַט וועג — אַ ליידיק פעלד נאָך אַן אויסגעקאָר־טשעוועטן פּרדס. די הויכע, שלאַנקע ציפּרעסן מיט די שפּיציקע, פאַרשטויבטע קרוינען שטייען נאָך אַלץ בײַם ראַנד וועג — שומרים פון פּרדס, וואָס האָט געלאָזט נאָך זיך שטיקער אויפגעריסענע ערדגרודעס און ווילדגעוויקס.

פון דער צווייטער זײַט — אַ פאַרוואָרלאָזטער שטח וואָס ציט זיך עטלעכע הונדערט העקטאַר זאַמדיקע פלאַכן און זאַמדבערג, דיונעס ביז חולון, בת־ים. בײַם ראַנד וועג — אַ לעבעדיקער, געדיכטער צעפּ סאַברע־קוסטעס. פון הינטער דעם דינעם שטויב, וואָס באַדעקט די בלעטער, ווי קליינע האַנטפלאַכן גרינגאָלדיקן אַרויס די סאַברעס ווי פויסטלעך אָפּגעשיטע מיט שטעכלקעס

דינע, שפּיציקע, ווי נאָדעלער. אַ ריח פון פרישע פּירות שלאָגט פון זיי.

אַצינד איז אָדר. נאָך אַ חודש־צוויי זעט מען זיי אויף כּמעט יעדער גאַס, ראָג אין עמערס אָדער צונויפגעסטראָיעטע קעסטלעך אויף שטיקער אײַז און די פּאַרקויפערס שרײַען, לויבן אויס די סחורה:

— סאַברעס! פרישע סאַברעס, ביליק!..

נישט ווײַט פון כּביש, אין איינעם פון די שיכּון־הײַזער, וואָס שטייען אָפּגערוקט, זײַטיקלעך צו זיך — ווינט ער. אַ גערטנדל, פּרוכטנביימלעך. אַ גראָז־סטעזשקע, אַ צעמענטקלאָטקע פירט צו אַ צוויי און אַ האַלבן צימערדיקער דירה, ערשטער שטאָק, אַ שטילע געגנט. אויך די צוויי יינגלעך — אַכט און צוועלף און אַ האַלב יאָר — איז נישט ווײַט אין שול אַרײַן ווו ער איז לערער. אַ סגולה צו די שפּאַצירן זאָגט ער מרימען זײַן ווײַב — כאָטש ער ווייסט, אַז זי איז נישט אַזוי אַנטציקט סײַ פון דער דירה און סײַ פון זײַנע געגנג „שפּאַצירן". ער ווייסט: זי טוט אים צוליב.

אַ מעלה האָט זי, זײַן ווײַב: זאָגט ער עפּעס, דאַרף ער עפּעס פון איר, מעג זי זײַן פּאַרנומען — קומט זי אים אַנטקעגן. נישט איין מאָל וואָלט זי אים וועלן זען אין שטוב נאָכן צוריקקומען פון דער אַרבעט כאָטש זי דאַרף זיך נישט מיט אים באַהעלפן. זי גיט זיך אַליין אַן עצה. זי וויל אים האָבן נאָענט פון זיך, פון די קינדער. זײַן פּאַרנומען זײַן מיט זיך אין די פרײַע שעהען, אויך אין די שבתים, אין פרײַע טעג, מיט אַ בוך, מיט אַ צײַטונג, מיט זײַן „פילאָסאָפירן" — שטערט ערגעצווו איר געמיט.

מרים האָט ליב איר מאַן אויף איר שטײַגער. איז צוגעבונדן צו אים מיט יענעם סוד פון ליבע, וואָס קיין זײַטיקער מענטש מערקט נישט. אַ פּשוטע קלוגע פרוי האָט זי זיך צוגעוווינט צו זײַנע געגנג אין לעבן, צו זײַנע פירעכצער, צו זײַנע דעות. זי איז קלוג און ווייסט, אַז איר „נישט אַנטציקט" זײַן קימערט אים ווייניק און וויל נישט קאַליע מאַכן דעם שלום־בית. זי איז איינע פון די

גוטהאַרציקע פּרויען, וואָס דער זיסער עול פון משפּחה־לעבן, ליב־שאַפט צום מאַן — איר מאַן — און די צוויי קינדער איז אַ הייליקער חוב וואָס זי טראָגט אויף זיך באהבה. אין די העכער פופצן יאָר פון נאָך דער חתונה — אויף דער שיף דאָ אַהער — הערט מען איר קול נאָר ווען מען דאַרף, אַמאָל ווייניקער ווי מ׳דאַרף: האַלט זיך אין שאָטן פון אים און איז מסכּים מיט אַלץ וואָס ער טוט, האָט בדעה צו טאָן, מיט זײַנע רייד און מיט זײַן שווײַגן.

אויך אין דער אַלטער היים, כאָטש נאָך אַ יאָטל, האָט ער שוין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה געלאָזט הערן דאָס וואָרט „בדידות". דער מענטש איז אַן איינזאַמע באַשעפעניש — זאָגט ער. נישט געוועזן קיין צײַט, קיין געמיט. נאָכדעם — מלחמה־יאָרן, סאָוויעטן־לאַנד, אַרײַנלאָזן זיך אין זוכענישן. טראַכטענישן? די אײַנזאַמקייט, כאָטש תּמיד אַ שטוב־מענטש, פריִער בײַ די עלטערן, נאָכדעם אַ חתונה־געהאַטער, אַ טאַטע, אַ לערער — שלעפּט זיך נאָך אים ווי צויטן פון אַן אַלטן בגד.

קומט ער אין באַריר מיט מענטשן פון זײַן גראַד, אַ שטייגער, אין בית־ספר, אויסערן בית־ספר, שכנים, חברים, ערשט דעמאָלט — זאָגט ער — ווערט אים קלאָר דער מהות פון מענטש: וואָס קלאָרער — אַלץ מיסטעריעזער. יעדן פּרווו אַדורכצושמועסן זיך מיט וועמען פון זיי וועגן עניני דיומא און זאַכן שברומו של עו־לם — לאָזט אים קאַלט, אָפּגעפרעמדט מיט זײַנע רעיונות, מיט זײַנע ספקות.

ער רעדט צו יענעם, יענער איז נײַגעריק אים אויסהערן, ווײַזט אַפילו אַרויס פאַרשטענדעניש, אָבער דער „איך" פון יענעם בלײַבט פאַרהוילן. מעג יענער האַרציק שמייכלען, באַוווּנדערן זײַן יכולת פון דערקלערן אַ זאַך, אָבער הינטער דער פּלייצע האָט ער אַ ברירה אים מבזה זײַן, אויסלאַכן זײַן אַנגעזאָליעטקייט אויף דער נשמה.

טרעפט, אַז ס׳טוט באַנג אויף דער אָפנהאַרציקייט. מ׳האַלט

אים פאַר אַ נאַר, אויב נישט אַ נודניק און אפשר — „גערירט אויפן שׂכל״.

נאָענט צו זיך אַליין איז דער מענטש. מחמת דער וועג צו זיך איז אַ לאַנגער, אַ ווײַטער, אַן אומענדלעכער — בלײַבט דער וועג — סוד.

מיט פרויען איז נאָך ערגער, ווייל אַ פרוי ווערדליק איר ביאָ־לאָגישן געבוי, איז מסוגל צו שפּילן די ראָלע פון אמתער פרײַנד־שאַפט, גיט דיר די אילוזיע, אַז דו ביסט נישט אַליין. מעגלעך, אַז די סגולה נעמט זיך דערפון, וואָס זי איז מער אַלייניק ווי דער מאַן מחמת איר אייביקער בענקשאַפט נאָך ליבע. אויך ווען זי גיט זיך איבער דעם מאַן בלײַבןביידע נשמות פאַראיינזאַמט.

גוט פון דעסטוועגן — זאָגט ער צו זיך — וואָס דער מענטש איז פעיִק צו טראַכטן. ווי זאָגט דער פאַנצייזישער פילאָסאָף דעקאַרט: „Cogito ergo sum״ — „טראַכטסט — אַ סימן, אַז דו לעבסט״. בשײַכות דערמיט האָט ער אַנומלט געשטעלט זײַנע שי־לער די פראַגע: „וועלכע חיה איז די שנעלסטע אין דער וועלט?״ פון איין שילערין האָט ער נאָך עטלעכע מינוט וואַרטן געהערט די תּשובה:

— דער געדאַנק.

— יופי! שיין — האָט ער אויסגערופן. מיטן געדאַנק קאָן דער מענטש זײַן איינצײַטיק און שנעל דאָ און דאָרטן: איבער לענדער, ימען, ספערן יונאָספערן, איבער צײַט: הײַנט, מאָרגן, איבערמאָרגן. איבערמאָרגן, וואָס אָט־אָטיק ווערט ער אַ נעכטן.

אייגנטלעך, צו וואָס דאָס זוכן? ס׳וועלן דערגיין אַ טאָלק? אַכיבע אין זוכן גופא איז דער טעם, דער צוועק פון לעבן. דרינגסט: ווי לאַנג דער מענטש איז טעטיק, זײַן מוח אַרבעט ביז די לעצטע רגעס פון זײַן לעבן טראַץ דעם באַוווסטזײַן, אַז ער איז שטאַר־ביק — משמע, אַז גאָט, די נאַטור וואָס איז מער נישט בכוח אויפצוהאַלטן זײַן עקזיסטענץ אין דער געגעבענער פאָרעם —

איז מחויב צוגרייטן פאַר אים אַן אַנדער פאָרעם פון עקזיסטענץ. היוצא מדברינו? דער גוף פאַלט זיך פונאַנדער, גייט צוריק פון וואַנעט ער איז געקומען, די נשמה, די ענערגיע גייט איבער אין אַן אַנדער עקסיסטענץ אויב זי איז פאַראַניק, ס׳מיינט — השארות הרוח? תיקו.

2

אַרויס פון שטוב אַזייגער זעקס נאָך מיטאָג. אין מיטן וועג בעתן אויסדרייען זיך אויף צוריק קומט אים אַנטקעגן אַ פרויען־געשטאַלט, אַ פּנים. אויפן ערשטן אויגנבליק — אַ באַקאַנט פּנים פון אַ פרוי. ערשט אַז זי איז שטיין געבליבן, נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון אים — ברייט־צעעפנטע, פאַרוווּנדערטע, טונקל־ברוינע אויגן, צעשמייכלט זיך מיט צוויי לאַפּעטע־ציין — האָט ער זי דערקענט, זי האָט געוועקט אַ דערמאָנונג, אַ נאָמען:

— רייזעלע? האָב איך נישט קיין טעות?

— האָסט נישט קיין טעות, יואל גאָלד, אפשר זהבי?

זי דערלאַנגט אים די האַנט.

— וואָס טוסטו דאָ? — פרעגט ער.

— און דו?

— איך ווױן דאָ נישט ווײַט. שפּאַציר אַביסל.

— איך האָב געוווינט אין יפו. אַריבער קיין באר־שבע. גע־קומען אויף אַ באַזוך צו אַ קרובה.

— אָ, דאָס זעלבע קול. גאָרנישט זיך געענדערט: ס׳יונגע קול פון דער גימנאַזיסטין רייזעלע.

— און ס׳פּנים?

— וואַרטסט אויף אַ קאָמפּלימענט?

— קנאַפּע דרײַסיק יאָר. אָט ערשט נעכטן איז עס געווען.

— יענער נעכטן, יענע דרײַסיק יאָר — זאָגט ער — זינט דעמאָלט זיך נישט געזען. געוווינט אין יפו און זיך נישט געזען. זעקסטע קלאַס דו, מיט אַ קלאַס נידעריקער פון מיר.

— ווען נישט יענער שבועות־טאָג וואָלסטו מיר אויך היינט נישט דערקענט, האַ? געדענקסט?

— אַזעלכע באַגעגענישן פאַרגעסט מען נישט.

ער געדענקט אַפילו — זאָגט ער — ס'גראַנאַטן קליידל מיטן ווייסן בע־בע קעלנערל, וואָס זי האָט געטראָגן, אַ שוואַרצער קאָפּ האָר קורץ געשוירן, ווילד־צעפּלאָשעט. זי איז געגאַנגען צום טייכל, די „זשעטשקע" הינטער דער שטאָט, נישט ווייט פון באָד־געסל...

— קום מיט מיר, יואל.

ער גייט אין ביבליאָטעק טוישן אַ ביכל — האָט ער געזאָגט.

— כ'גיי מיט מיט דיר, כ'על אונטערוואַרטן.

— רייזעלע, אַ צווייט מאָל, כ'האָב נישט די באַדהייזלער.

— אַ נאַר וואָס דו ביסט, שעמסט זיך? אָוונט, קיינער איז דאָרט נישטאָ אין דער שעה.

דעם גאַנצן איבערשמועס געדענקט ער עלעהיי ס'איז אָקערשט געשען. האָט זיך אַזוי געמאַכט, שפּאַצירנדיק צו דער ביבליאָטעק, פאַרבייגייענדיק די הויפּט־גאַס, דעם זאַקסישן גאָרטן, איז מען שוין ביים טייכל. אַ שטיינבאַנק אויפן ברעג פון טייכל. אַוועקגע־זעצט זיך אָפּרוען פון וועג. רייזעלע האָט גערעדט. אַ ריידערין אויך אין קלאַס געווען. ער האָט יאָ און נישט געהערט. נישט גע־וואָלט הערן קיין פּליאָטקעס, רכילות. זעכצן אין זיבעצנטן יאָר געווען און נישט פאַרטראַגן סתּם רייד. מער תּוך און שיינקייט האָט ער געפונען אין שמאָלן שלענגלענדיקן טייכל, אין די קליינע פישעלעך, וואָס האָבן דאָרטן געגורקעוועט, געשווומען הין און צוריק. קליינע פלינקע ברואימלעך. אָט גיט איינס זיך אַ הייב אַרויס און צוריק אַ טונק זיך אין אַ כוואַליעלע. אַ שטיל געפּליעסק פון כוואַליעלער. שטראָמען ציִען זיך ווייט־ווייט נישט מיטן אויג צו דערגרייכן. ס'טייכל — האָט מען געזאָגט — פאַלט אַריין אין סאַן, וואָס ציט זיך ביזן בוג. אַ קילער פרילינג־אָוונט. אייגנטלעך האָט ער גוט געטאָן, וואָס ער איז מיט רייזעלען געגאַנגען. כאָטש כאַפּן אַביסל פרישע לופט. ווען ער שעמט זיך נישט פאַר איר

וואָלט ער זיך אַדורכשפּאַצירט לענגאויס דעם טײַכל. אַ פּאַרטראַכ־טער האָט ער נישט באַמערקט ווען זי איז אַרײַן אין וואַסער.

— קום, וואָס שטייסטו ווי אַ גולם?

— כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט — אָן באַדהייזלער?

— איז וואָס? מען זעט אַצינד קיין מענטש נישט.

— און דו?

זי שטייט אין וואַסער און לאַכט. ער האָט זיך צוריק אַוועק־געזעצט אויף דער שטיינבאַנק.

— וואַרעם וואַסער, אַ מחיה.

— איכ׳ל אונטערזיצן, צוואַרטן, מיר׳ן צוזאַמען אַהיימגיין.

— אַ טיפּש וואָס דו ביסט.

אַרויס פון טײַכל. סאָפּלעס רינען פון קאָפּ אין האַלדז אַרײַן ביזן אָפּענעם דעקאָלט, פּאַרלירן זיך אין טאָלעכל פון באַדקאָסטיום צווישן די קליינע בריסטלעך. זי זופּט די טראָפּנס פון פּנים, לאַכט מיט אַן אָפן מויל. צוויי לאַפּעטע ווײַסע ציין, גייט צו צו אים, שטרעקט אים אויס אַ האַנט צום אויפהייבן זיך. ביידע שטייען. זי בייגט זיך אָן צון אים. ער נעמט איר אַרום, דריקט צו זיך איר נאַסן, שלאַנקן גוף, שליסט מיט אַ קוש אירע לאַכנדיקע ליפּן.

זיי שטייען נאָך אַלץ אויפן כביש אַבו־כביר. איר האַנט אין זײַנער. זי שמייכלט. ער וואָלט געשווירן: ס׳זעלבע שמייכעלע וואָס דעמאָלט.

— געדענקסט, יואל, דעם קוש בײַם טײַכל.

— אַוודאי געדענק איך.

— ווי לאַנג זיך נישט געזען, האַ?

— מאַך אַ חשבון.

— דו ביסט דאָך אַ לערער.

— פון וואַנעט ווייסטו?

— עפּעס האָב איך געהערט. דאָ נישט ווײַט פון דיר געווױנט. געוואָלט דיך זען. נישט אויסגעקומען. חתונה געהאַט. געגט זיך. געבליבן מיט אַ זונעלע.

— אַ סך אוספּעיעט.

— אַליין. „דאָרטן" איז קיינער נישט געבליבן. אַליין אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד. אַליין אַהער געקומען. אַ לײַטישער בחור, אַ סטו־דענט אַ סטאַזשער. צוואָס וואַרטן? און דו?

— אַ ווײַב, צוויי קינדער.

— זעסט אויס יונג. באַלד דיך דערקענט. ווייניק זיך גע־עלטערט.

— אויך פון דיר האָט די עלטער ווייניק אָפּגעדונגען.

— אויסערלער, וואָס אינעווייניק טוט זיך ווייסט קיינער נישט.

— בעסער אַזוי. וואָס דערוואַרטסטו פון מענטשן?

— איי, יואל, דו מיט דײַנע פילאָסאָפיעס. אַ צווייטער מאָן...

— נאָך אַמאָל חתונה געהאַט? — רײַסט ער איר איבער.

— איינע אַליין מיט אַ זון? קיין פּאָר האָב איך זיך נישט אויסגעלערנט. אַ צווייטער מאָן — אַ פּראָטעזע...

ביידע שפּאַצירן אין דער ריכטונג פון יפו. ער דאַרף אייגנט־לעך צוריק גיין. אַרויס פון שטוב אויף אַן אָוונט־שפּאַציר ווי זײַן טבע — זאָגט ער. — די ווײַב וואַרט אויף אים אין שטוב.

— און איך, אויב אַזוי, גיי צוריק פון וואַנעט איך קום? פּאַר־גאַפּעט זיך. געקומען דאַ אויף אַ באַזוך צו אַ חברטע. נו, מילא. גוט, וואָס כ'האָב דיך געטראָפן. אַ באַרג מיט אַ באַרג — זאָגט אַ ווערטל — טרעפן זיך נישט.

ווי לאַנג וועסטו דאָ זײַן?

— מאָרגן פאָר איך צוריק. אפשר כאַפּסטו זיך אַראָפּ קיין באר־שבע אויף אַ פּרײַטיק?

— וואָס עפּעס פּרײַטיק?

— פּרײַטיק איז דער יאַריד פון די בעדואינער. אין תל־אביב זעט מען דאָס נישט.

— כ'על אַ טראַכט טאָן.

— קום דאָנערשטיק וועלן מיר צײַט האָבן זיך אַדורכשמועסן. ס'ט זיך אויסרוען, אָפּפרישטיקן, צײַט האָבן צו מאַכן אַ שפּאַציר.

באר־שבע האָט זיך שוין אויסגעבויט, ס׳ט זײַן פון די ערשטע אויפן יאַריד. ס׳איז כּדאַי, ס׳איז אינטערעסאַנט. ס׳ט באַצײַטנס צוריקפאָרן, דײַן ווײַב זאָל נישט איבערקלערן...

— דײַן מאַן וואָס טוט?

— אַ בוי־אינזשינער, אינספּעקטאָר פון בויוועזן אין באר־שבע און סביבה.

— אַ „שישקע״?

— קומט ווייניק אַהיים. פאָרט איבער די שטעט, שטעטלעך. האָט נישט קיין צײַט צום ווײַב.

— און דו וואָס טוסט?

— אַ שטובזיצערין. אַ ווײַב פון אַן אינספּעקטאָר איז ווייניק? מען קוקט זיך אַרום — יפו.

✶

דרײַסיק יאָר זיך נישט געזען. דרײַסיק יאָר וואָס האָבן אויפגערודערט די וועלט, חרוב געמאַכט אַ יידישע וועלט — האָט ער געוואָלט זאָגן און זיך אָפּגעהאַלטן. מחמת ווער ס׳איז דאָרטן נישט געווען וועט אַהין קיינמאָל נישט אַריין. ווער ס׳איז דאָרט יאָ געווען — וועט קיינמאָל נישט אַרויס. נישט אַצינד די צײַט צו רעדן דערוועגן.

יפו בײַנאַכט. טונקעלע געסלעך, ליקן קאַרג באַלויכטענע. מיסטהייף. לײַדיקע מיט ווילדגעוויקס באַוואַקסענע שטחים. קרומלעך און מיט די רוקנס צו זיך שטייען ס׳רוב הײַזער, אַלטע הײַזער אין אַראַבישן סטיל. באַלקאָנען מיט פאַרזשאַווערטע באַלוסטראַדן, פאַרקראַטעטע פענצטער. פון אַ סך הײַזער שיילט זיך דער טינק. די איינציקע ברייטע באַלויכטענע גאַס, אייגנטלעך די סאַמע מיט שטאָט איז די בוסטרוס: פון ביידע זײַטן כּביש — געוועלבן, געשעפטן, רעסטאָראַנען, קאַפעען, פאַרווײַלונגס־הײַזער. אַ שרײַיִקע, רווישיקע מוזיק: מזרח־טענער און נײַע פּזמונים, שלאַגערן. נעענטער צום ים־ברעג זעט זיך אַן איבערגעבראָכענע פּאַלמע.

אַ שמאָל סטעזשקעלע פירט צו אַ גרויסן ווײַסן שטיין מיט אַ גלאָ־טיקער פלאַך עלעהיי אַ באַנק. אַן אָפּגעוואַשענע באַנק אַוודאי פון די כוואַליעס, וואָס יאָגן כּסדר אָן פון רווישיקן ים. רעכטס, לינקס פון דער באַנק — גרויסע קיזלשטיינער צעוואַלגערטע אויפן זאַמדיקן ברעג אויך געוואַשן, געשוואַנקען פון די כוואַליעס. זיי גלאַנצן באַלויכטענע פון די עלעקטרישע לאָמפּן נישט ווײַט פון ברעג ים.

רעכטס פון דער בוסטרוס — אַ הויכער בנין, אַ פריש געקאַלכ־טער — אַ פילשטאָקיקער שיכּון. ליכטיקע פענצטער, טעראַסעס. נאָך אַ רייע נײַע שיכּון־בנינים נישט אַרויסגעענדיקטע, אָן טינק, אָן ליכט, אָפּנים פאַר נײַע עולים וואָס שטראָמען אַהער זינט נײַנצן נײַן און פערציק — איין און פופציק. מדינת ישׂראל — אין סוף פון דריטן צענדליק.

אין יפו ווערט פרי נאַכט. כּהרף־עין פאַלט צו די פינצטערניש. ער פאַרבעט איר אויף אַ קאַפע. ניין. זי אײַלט זיך. אָפּגעלייגט דעם וויזיט אויף אַ צווייט מאָל. מאָרגן אין דער פרי גרייט זי זיך צוריק־פאָרן. חוץ דעם וויל זי דאָ גאָרנישט טרינקען, רייזעלע. נישט איבעריק ריין די טישלעך, די גלעזער, די דערלאַנגערינס. שמוציק און ביליק זעט איר אַלץ אויס. זי קען, זי געדענקט גוט יפו. קיין סך האָט זיך דאָ נישט געענדערט. געווען אַמאָל דאָ אַ „שטח הגדול" — אויך די פאַרגעניגנס זענען דאָ ביליק. בעסער זיך צוזעצן אויף אָט יענעם שטיין — ווײַזט זי אָן מיט דער האַנט, כאָטש אַ ריינער, אַ געוואַשענער. לעבן שטיין — אַן איילבירט־בײַמל. אַן עלעקטריש לעמפּל הענגט אויף אים. ליכטיק אַרום און אַרום. ביידע זיצן.

— קיין סך צײַט האָבן מיר ביידע נישט, רייזעלע.

— איז וואָס זאָגסטו וועגן אַ וויזיט בײַ מיר?

— שוין געזאָגט, כ'על אַ טראַכט טאָן.

— לערערס אַרבעטן זיך נישט איבער, יואל, אמת?

— איך בין תּמיד פאַרנומען.

— העלפסט אין דער באַלעבאַטישקייט?

— איך גרייט זיך צו די לעקציעס וואָס איך גיב. נאָך מי־טאָג — אַ קליינעם שפּאַציר אַ שטייגער ווי היינט. ווען נישט דער שפּאַציר וואָלטן מיר זיך נישט געטראָפן.

— יעדן נאָך מיטאָג?

— כמעט. אַ פּרווו קעגן בדידות.

— נאָך אַלץ דער זעלבער יואל.

— די וועלט ענדערט זיך שנעלער ווי דער מענטש.

— לאָז אָפּ מיט דיין פילאָסאָפיע. קום אַראָפּ קיין באר־שבע, וועסט נישט חרטה האָבן. ס׳איז מיר לאַנגוויַליק, יואל. מיין מאַן איז מער אין דרויסן ווי אין שטוב. אַ פאַרנומענער מענטש.

— פאַרדינט ער דאָך אַ סך — מער ווי אַ לערער, זיכער.

— געלט איז נישט אַלץ.

— וואָס מיינסטו דערמיט, רייזעלע.

— ראָזאַ, ורדה הייס איך דאָ. און דו?

— איך בין, האָסטו דאָך געזאָגט, דער זעלבער יואל. איך טויש נישט דעם נאָמען, טויש נישט מיין, ווי זאָגסטו, פילאָסאָפיע. גיב כאָטש צו — לעבנספילאָסאָפיע. מיין פּראָפעסיע איז לערעריי, נישט פילאָסאָפיע. דיין מאַן פאַרדינט שיין — האָב איך געוואָלט זאָגן.

— אַוודאי. איך בין גוט איינגעאָרדנט, אָבער — — —

— יעדער האָט אַן „אָבער" — רייסט ער איר איבער.

— כ׳מיין... אַ מאַן אַן אינטעליגענטנער מענטש, אַן אַלטער קאַוואַליער.

— דו ביסט שוין אויך נישט קיין יונג מיידעלע, ראָזאַ, ורדאַ. אַלט איז נישט נאָר אַ ביאָלאָגישער באַגריף. ס׳אַ פראַגע פון נשמה, כאַראַקטער, אינטעלעקט, וועלט־באַנעם און בכלל... איך, למשל, זע מיך אַ סך עלטער, ווי איך בין.

— האָסט תּמיד געהאַט אויף זיך אַן אַלטן קאָפּ.

— און אפשר איז עס אַ פראַגע פון זכּרון: ער פאַרגעסט, אַז ער האָט אַ ווײַב... אַ צווייטער מאַן, יואל...

— ס'קען אויך טרעפן בײַ אַן ערשטן מאַן.

ערגעץ האָט זי געלייענט, הייבט זי אָן פון אַ מיטן — מ'שלאָפט אין איין בעט, איין קישן אונטערביידנס קעפּ, אָבער וואָס אין דער נשמה פון צווייטן טוט זיך ווייסט מען נישט.

— קומסט שוין באַלד אַרויף אויף מײַן „פילאָסאָפיע". אַקעגן דעם, וואָס דו זאָגסט: מען וועט קיינמאָל נישט וויסן, רייזעלע, ורדאַ. אַ צווייטער מאַן האָסטו געזאָגט. און אַן ערשט ווײַב איז שוין אַלץ? חתונה האָבן איין מאָל, צוויי מאָל איז אַ נאַטירלעכע זאַך. פונקט אַזוי איז נאַטירלעך די בדידות. די מענטשלעכע נשמה — אַ תּוהו ובוהו אַפילו ווען דער מענטש גיך זיך נישט אָפּ דערפון אַ דין־וחשבון. רייזעלע, ורדה, האָסט אַ גוטן מאַן, אַן אינטעליגענטער מענטש, וואָס קלאָגסטו זיך?

— אוי, ליבינקער, מײַן מאַן — ער איז תּמיד גוט. תּמיד שמייכלט ער, צופרידן מיט זיך, אַ מיושבדיקער מענטש. תּמיד דער זעלבער, גאַנץ מיט זיך. וואָס ס'טוט זיך אין דער נשמה פון אַ פרוי פאַרשטייט ער נישט. אויך ווייסט ער נישט די באַדערפעניש פון אַ פרוי, פילן אַ שטאַרקן אַרומנעם פון מענערישע אָרעמס, אַ קוש פון יענע קושן, וואָס שמעלצן צונויף צוויי באַשעפענישן, וואָס באַגערן צו ווערן איינס...

— רייזעלע, ורדה, ערשט אַצינד הייב איך דיך אָן צו פאַרשטיין. איך דערקען אין דיר די פופצן־זעכצן יעריקע גימנאַזיסטין, וואָס האָט קעגן מײַן ווילן מיך געפירט צום טײַכל און — צום ערשטן קוש.

— יואל, עס זעט דיר אפשר אויס נאַריש, פרויִישע טיפּשות. אַזוי זענען מיר פרויען, געבוירן מיט דעם סוד, נאָר מיט דיר קען איך וועגן דעם רעדן. דו וועסט מיך פאַרשטיין. מיט דעם סוד לעבן מיר און נעמען אים מיט אין קבר אַרײַן.

— ראָזאַ, ורדה, אַ ברייט פעלד איז די מענטשלעכע נשמה,

אויף דעם „פעלד״ וואַקסט די ליבע און דער פּאַראַט: די געטריַי־שאַפט צו אַ פרוי אָדער צו אַ מאַן און די תּאווה צו אַ צווייטער, אַ צווייטן, און מער ווי צוויי. מען איז זיך אין דעם נישט מודה, אָבער דאָס איז דאָס געזעץ פון דער נאַטור.

ביידע האָבן זיך איבערגעקוקט. אין דער שוואַכער שיַין פון עלעקטרישן לעמפּל איבער דעם איילבירט־ביימל האָט ער געזען איר טרויעריקן בליק אין די ברוינע אויגן, וואָס זי האָט פון זײַן פּנים נישט אַראָפּגענומען.

פון הינטער דער שטיינבאַנק האָט זיך געהערט דאָס סודות־דיקע געפּליסטער פון די ים־כוואַליעס אין רוישיקן געלויף איינע איבער דער אַנדערער — אַ שטיל געפּליסטער, נאָך איידער אַ מענטש־לעבער פוס האָט די ערד באַטראָטן. מיליאָנען יאָרן וועט ער נאָך אָנגיין. לאַנג נאָך אונדזער לעבן און נאָכן טויט וועט דער ים רוישן מיט התמדה, מיט אַ גליַיכגילט צו אַלץ, וואָס געדייעט אויף דער ערד. ליגט אין דעם נישט די גאַראַנטיע פון אייביקן קיום, פון שלמות?

וואָס וויַיטער און וויַיטער דער אויסשפּרייט פון ים — אַלץ טונקעלער, טונקל־בלויער זײַן צעקנייטשטע פלאַך, וואָס שליסט זיך מיטן הימל אין אַן אומענדלעכן קריַיז: אַ פאַרשלאָסענע וועלט. און דו, בן אדם — זאָגט יואל צו זיך, האַלט אויסגעדרייט מ׳קאָפּ צום ים — זוכסט אַ מקלט, ווילסט אַנטלויפן פון דער בדידות. ווער ביסטו מענטשעלע קעגן דער געוואַלדיקער נאַטור־קראַפט, וואָס שלאָגט פון קלענסטן כוואַליעלע אַרויס. ס׳קומט אים אויס אין די רגעס, ווי די ציַיט וואָלט זיך פאַרהאַלטן. עבר, עתיד פאַרמישט אין איינעם, אין דער פאַרשלאָסענער וועלט אָן אַן אויסגאַנג, אָן אַן אויסוועג.

ורדה האָט געזען, אַז יואל זיצט אַ פאַרדמיונטער. זי האָט אפשר אין די רגעס אים, יואלן, פאַרשטאַנען אַ סך מער ווי פון זײַנע רייד. זי געדענקט אים פון די גימנאַזיע־יאָרן. אַ שוויַיגער. זי איז זיכער, אַז אויסער איר האָט ער מיט קיינעם פון זײַנע

פרײַנד — אויב ער האָט אַזעלכע — אויך מיט זײַן ווײַב אַזוי אָפּן נישט גערעדט.

— שפּעט, יואל, מ׳דאַרף גיין.

אָן אַ וואָרט אַרויסרעדן האָבן זיך ביידע אויפגעשטעלט.

— גיב מיר דײַן טעלעפאָן, יואל, און טעלעפאָן פון שול־קאָנצעלאַריע.

— דו גיב מיר דײַנעם פון שטוב, פאַרצייכן אין וועלכע טעג, שעהען כ׳זאָל אַ קלונג טאָן קוים באַשטים איך צו פאָרן.

— וואָס הייסט „קוים״? איך וויל דיך זען אין אַ דאָנער־שטיקן טאָג, נאָך מיטאָג. מײַן מאַן קומט אַהיים פרײַטיק און דינסטיק.

צוויי בלעטעלעך האָט ער אַרויסגעריסן פון זײַן נאָטיץ־ביכעלע. אָנגעשריבן זײַנע פּרטים אויף איין צעטעלע, איר דער־לאַנגט צוזאַמען מיטן צווייטן זי זאָל אָנשרײַבן, וואָס זי וויל.

בעתן צוריקגעבן אים ס׳פאַרשריבענע צעטעלע מיט אירע פּרטים האָט זי אויסגעצויגן די האַנט, אים אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ ביז אַראָפּ דעם האַלדז און נאַקן, צוגעבויגן זיך צו אים און אָפּגעפּרעסט אַ קוש אויף זײַנע ליפּן.

געוואָלט האָט ער איר זאָגן, אַז זיי זענען שוין נישט קיין גימנאַזיסטן. זי האָט אַ מאַן, ער — אַ ווײַב, געוואָלט זאָגן און געשוויגן.

אין זײַן בליק אויף איר און אין וויש טאָן ס׳מויל, אַ שטייגער ער וויל אָפּווישן וואָס עס איז פאַר אים אומדערוואַרט געשען — האָט ורדה קאָנטיק פאַרשטאַנען, אפשר אויך חרטה געקראָגן אויף דעם וואָס זי האָט געטאָן.

— להתראות, יואל — האָט זי זיך אָפּגעדרייט צו אים מיט דער פּלייצע.

— שלום, להתראות, ורדה, וואַרט כ׳על דיך צופירן צו דער אויטאָבוסן־סטאַציע.

— נישט נייטיק, אָט־אָ דאָ, נישט ווײַט איז עס.

3

וועגן אַראָפּכאַפּן זיך קיין באר־שבע האָט יואל דערוויַיל נישט געטראַכט. די צופעליקע באַגעגעניש מיט רייזעלע־וַרדה, די זכרו־נות, דער איבערשמועס, אויך ס׳פאַרבעטן אים אויף אַ טאָג־צוויי האָט פאַרט געהאַט אין זיך עפּעס, ווי ער זאָגט אַנטלויפן פון דער בדידות. פון אַלטער חברשאַפט, ווי פון נײַער חברשאַפט איז ער ווייט: אַוודאי וויַיט פון אַ ליבע־אַוואַנטורע. נישט פאַר זײַן געמיט און נישט אין זײַן אינטערעס. וַרדה איז נישט שענער און נישט יינגער פון זײַן מרימען. וואָס שייך געטרײַשאַפט, צוגעבונדנקייט צו אַ מאַן, קינדער — איז אַוודאי נישט צו פאַרגלײַכן.

דער געדאַנק באר־שבע, יאַריד פון די בעדואינער איז אים פון דעסטוועגן נישט אַרויס פון קאָפּ. אין עפּעס נײַס, עקזאָטיש דער־מאָנט עס פאָרט. ער וועט דערוועגן אַ טראַכט טאָן. בדידות איז אַ מיטגעבוירענער וואַלאַר, אינטעגראַלער טייל פון דער נשמה. ערגעץ האָט ער געלייענט — ער געדענקט נישט אַקוראַט ווען, ווו — מיט דער בדידות ווערט דער מענטש געבוירן. ס׳קאָן גרײַ־לער זײַן, אַז אין ערשטן געוויין פון געבוירלינג מיטן פאַלן אויף דער וועלט איז דער פּראָטעסט, דער אומווילן צו קומען אויף דער וועלט. אפשר וויל דער מענטש גאָר נישט געבוירן ווערן.

עטלעכע וואָכן איז אים פון קאָפּ נישט אַרויס די באַגעגעניש. דעם געדאַנק באר־שבע האָט ער נישט אָפּגעוואָרפן. אלא מאי? מ׳דאַרף געפינען אַ פּאַסיקע צײַט: אַרבעט, שטוב, מרים, קינדער. ער איז דאָך אַ משפחה־מענטש. פאַר וואָס גייט אים נישט אַרויס פון קאָפּ דער געדאַנק „באר־שבע״ — איז אים אַ רעטעניש. קוקט ער אַרײַן אין אַ בוך, אין אַ צײַטונג, כאַפּט ער זיך אין עטלעכע

מינוט, אַז ער פֿאַרשטייט נישט, וואָס ער לייענט. גרייט ער זיך צו די מאָרגנדיקע לעקציעס — פּלאָנטערט זיך אים אין קאָפּ. שווער צונויפֿצונעמען די געדאַנקען.

דווקא ס׳פּראָוועז התבודדות ווירקט אויף אים שעפעריש. און אַט — נאָדיר אַ ירדה.

אַ באַריידעוודיקע, ווי מיט דרייַסיק יאָר צוריק. הייַנט האָט זי אָבער גערעדט ווי אַ פֿרוי, אַ מאַמע פֿון אַ זון. אוספּעיעט חתונה האָבן, געבוירן אַ קינד, גטן זיך און „אַ צווייטער מאַן — אַ פּראָ־טעזע״...

נו, למשל, פֿאָרט ער — איז נישט מיט ליידיקע הענט. אַ מתּנה. אַ פּאַרפֿום? — מן־הסתּם האָט זי. נישט זשעדנע אין די זאַכן זעט אים אויס. דער מאַן — אַ וויכטיקער מענטש, אַ בעל מעמד, נישט קיין שלעכטער פֿאַרדינער. אַ זייגערל וועט ער איר ברענגען אַ מתּנה.

ער דערמאָנט זיך: אויפֿן וועג צוריק, אין יפֿו, יענעם אָוונט, פֿאַרבייַגייענדיק די בוסטרוס־גאַס האָט ער געזען אַ גרויס יובילער־געשעפֿט. ר׳האָט זיך עטלעכע מינוט פֿאַרהאַלטן בייַ דער שטאַרק־באַלויכטענער וויסטאַווע. קיינמאָל איז אים נישט אייַנגעפֿאַלן אויף אַזעלכע זאַכן צו קוקן. ס׳איז נישט אין זייַן אינטערעס, שוין אָפּגע־רעדט — פֿאַר זייַן קעשענע. בראַנסלעטן, קייטעלעך פֿון פֿאַרשיי־דענער גרייס און גראַד — זילבערנע, גאָלדענע, אויערינגלעך, מעדאַליאָניקעס — שמאָכטעס. אַוודאי איז עס נישט ס׳איינציקע געשעפֿט אין יפֿו. הייַנט, תּל־אביב? מן־הסתּם זענען אויך דאָ קונים, ווען נישט וואָלטן נישט געווען אַזויפֿיל געשעפֿטן.

ער פֿאָרט קיין באר־שבע. שוין איבערגערעדט דערוועגן מיט מרימען — די ערשטע סטאַציע. אויך מיטן דירעקטאָר פֿון שול איבערגערעדט: „ער דאַרף חופֿש אַ טאָג־צוויי. אַ לאַנדסמאַן — האָט ער זיך דערוווּסט — אַן עולה חדש וווינט אין באר־שבע, האָט אים פֿאַרבעטן אַראָפּצוקומען״. ערשט נאָך דעם האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער נאַרט מרימען, זייַן קינד, דעם דירעקטאָר און

טאַקע — זיך אַליין. פֿאַר וואָס טוט ער דאָס? אַזאַ מתּנה דאַרף אויך קאָסטן אַן אַפּותיקא. עטלעכע הונדערט פֿונט גייט נישט צופֿוס.

אָפּקלויבן, אויסדינגען זיך, קויפֿן — אייגנטלעך איז עס נישט פֿאַר אים. ער טויג זיך נישט אויס אין די זאַכן. ער וועט דאָך נישט גיין מיט מרימען פֿאַר אירע אויגן אויסציילן מי יודע וויפֿל. היינט פֿריִער קויפֿן, אויסבאַהאַלטן דעם חפֿץ, נאָכדעם פֿאָרן? — אַ קלאָפּאָט, אַ קאָפּווייטיק. ווו באַהאַלטן? ליגנערן? פֿאַר וואָס טאַקע אַזאַ טייַערע מתּנה פֿאַר אַ פֿרוי? באשר אַן אַלטע באַקאַנטע? ווייַל ער וויל זען דאָס אַטראַקטיווע בילד — דעם בעדואינער יאַריד?

די זאַך האָט אים אָנגעהויבן פּייַניקן. פֿאַר וואָס האָט ער פֿריִער נישט געטראַכט דערוועגן. נישט באַדאַרפֿט צוזאָגן. ער קאָן עס זיך נישט שענקען און ווי זייַן טבע איידער ער זינדיקט קלאַפּט ער זיך על חטא...

אַ טאָג פֿריִער, ס'הייסט אין אַ פּראָסטן מיטוואָך, האָט יואל אָנגעקלונגען צו וֿרדהן, אַז מאָרגן, ווי מ'האָט אָפּגערעדט פֿאָרט ער אַרויס. ער מיינט אַרום אַזייגער זעקס־זיבן קומט ער.

דעם זעלבן טאָג איז ער אַרויס אויף זייַן טאָגטעגלעכן שפּאַציר נישט באַלד אויף אַהיים און צוריק. אויפֿן וועג קיין יפֿו האָט ער זיך געלאָזט. ער האָט לאַנג נישט באַדאַרפֿט זוכן די טיר פֿון יובילער־געשעפֿט. כאָטש ס'איז נאָך טאָג געווען האָט די באַלויכטענע וויטרינע זיך געוואָרפֿן אין די אויגן. דאָס מאָל האָט ער זיך לענגער פֿאַרהאַלטן, איינגעקוקט אין די „שמאָכטעס". די אויגן מעסטן און וועגן אַלע סאָרטן זייגערלעך — זילבערנע, גאָלדענע, פּראָסטע בראַנסאָליעטן, קייטעלעך, מעדאַליאָניקלעך. ער טאַפּט די קעשענע צי האָט ער מיטגענומען מזומן. באַשליסט קויפֿן אַ זייגערל.

— שלום אדון — ווייַזט זיך דער סוחר אויפֿן שוועל פֿון געשעפֿט — קומט אַרייַן, אדון.

אַ פּיפּיק ייִדעלע פון נידעריקן וווקס. אַ יאַרמלקע אויפן קאָפּ. אַ גראָ בערדל אַ שפּיציקס. און שוין לויפן זײַנע פלינקע הענט, ווי מאַלפעלעך אין שפּרונג פון צווײַג אויף צווײַג איבער די פּאָ־ליצקעס פון געשעפט. ער זוכט עפּעס אַזוינס און אַזעלכעס — זאָגט ער — אַ בראַנסלעט, אַ — — —

ער וויל אַ זייגערל — רײַסט ער אים איבער.

ער שמייכלט, ס׳ייִדל. ער פאַרשטייט. מ׳עט זען. פרעגט צי האָט ער שוין אָפּגעקליבן עפּעס אין דער וויטסטאַוועס. עפּעס גוטס, אדון, זאָגט ער, קאָסט טײַער, אָבער ווי זאָגט מען: טײַער איז ביליק און ביליקס איז טײַער. אַ זייגערל, למשל, אַז ס׳ווערט קאַליע לויפט מען צום זייגערמאַכער, פאַרריכט איין מאָל, נאָך אַמאָל, ס׳קאָסט געלט און מ׳האַלט זיך מיט אַ שברי־כלי. איר זענט אַ מבין, אדון, זע איך. אָן איירָאָפּעיִשער מענטש. פּוילן? רומעניע? נישט וויכ־טיק. נישט אַלע טאָג קויפט מען אַ טײַערע מתנה, פאַר אַ פרוי מסתּמא, אייער פרוי? אַ זילבערנע חתונה? נישט וויכטיק. קויפט איר אַ שנירעלע פּערל, אדון. כ׳האָב פאַר איר עפּעס ספּעציעל, מ׳זעט עס נישט הײַנט צו טאָג אַפילו אין די גרויסע געשעפטן אויף צפון תּל־אביב. קויפט, איר וועט מיך לאַנג געדענקען.

יואל וויל אים בעטן ער זאָל רעדן וויניקער. זאָל ער אים פריִער ווײַזן וועגן וואָס עס רעדט זיך. ער וויל זען. ער וויל אַ טראַכט טאָן, כאַפּן אַ ישוב.

דער סוחר רעדט גיך און תּוך כּדי דיבור שלעפּט ער פון שופ־לעדל אַרויס אַ שנירעלע פּערל, לייגט עס אַרויף אויפן בופעט. יואל, מעשׂה מבין, פּרוּווט אַ טאַפּ טאָן, גיט עס אַ וועג אין דער האַנט און שוין שלעפּט עס דער סוחר צוריק פון זײַנע הענט:

— איך זע, אדון, אַז איר ווייסט וואָס איר ווילט. פון דעסט־וועגן — מאַכט ס׳ייִדל אַ הקפה אַרום בופעט. ס׳שנירעלע פּערל לאָזט ער נישט אַרויס פון זײַנע הענט, פרעגט צי פאַרפּאַקן עס.

יואל שטייט אַ מבולבלער. רעכט נישט אָנגעקוקט די סחורה און ער פרעגט שוין צי פאַרפּאַקן.

סך־הכּל האָט ער באַשלאָסן קויפן אַ זייגערל. דער ייִד רעדט. הייס איז אין געשעפט. אויך אין דרויסן אַ היץ, אַ כאַמסין. דער ווענטילאַטאָר איבערן קאָפּ רוישט, דרייט זיך, יאָגט אָן אַ הייסן ווינט. ס׳מויל פון ייִדל פאַרמאַכט זיך נישט. ער לויפט אַרום מיט זײַנע קליינע פּיסלעך, מאַכט מיט די הענט. גלעט דאָס פוטעראַלעכל פון קייטעלע. איר זענט אַ מבין דערויף? — מאַכט ער — אַן אוצר, אַ שאָד ס׳זאָל אַרײַנפאַלן אין אַראַבישע הענט. זיי האָבן אַ סך געלט, ס׳פעלן נישט קיין קונים. איר זענט דאָך פאָרט אַ ייִדי־שער מענטש. אײַער פּרוי וועט אײַך דאַנקבאַר זײַן ס׳גאַנצע לעבן.

אַ מידקייט באַפאַלט יואלן. דעם וועג אַהער האָט ער געמאַכט צופוס. ער וואָלט גערן זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוען, כאַפּן אַ גע־דאַנק. וואָס גייט אים אָזוי אין לעבן, דעם ייִדל, ער זאָל קויפן ס׳שנירעלע פּערל? אַ קאָפּווייטיק פּילט ער. אַ קונה קומט אַרײַן. עס דערפרייט אים. אפשר וועט ער זיך פאַרנעמען מיטן קונה, אים צורו לאָזן אויף עטלעכע מינוט. ניין. יענער וויל עפּעס וואָס ער האָט נישט. הייסט אים קומען אַ צווייט מאָל. ווידער שטייט ער קעגן אים מיטן פוטעראַלעכל אין האַנט.

יואל בעט ער זאָל אים ווײַזן אַ זייגערל. גאָלד, זילבער? — פרעגט ער. נישט קיין נפקא מינה — ענטפערט יואל. וואָסער פירמע, מאָדע? — פרעגט ער נאָך אַמאָל און טוט זיך נישט אָן די מי ווײַזן אים אַ זייגערל.

יואל שטייט אַ מבולבלער. עפּעס האָט ער געזאָגט פריער, דער סוחר: „טײַער איז ביליק און ביליק איז טײַער". עפּעס כאַפּט ער זיך נישט דערויף, יואל. נישט בשווא מיט דער נײַער „פילאָסאָפיע". איבערפרעגן שעמט ער זיך.

— זאָגט דעם אמת, אדון, איר זענט אַ מבין אויף דעם שני־רעלע פּערל?

— איך פאַרלאָז זיך אויף אײַך.

— אמת. נכון. איר קויפט דאָך נישט קיין קאַץ אין אַ זאַק. איך זע אין אײַער פּנים, אַז איר רעדט פון אַ זייגערל אָבער קויפן

ווּעט איר ביַי מיר דאָס קייטעלע פּערן. איַינפּאַקן ? אדון ?

— פּאַקט איַין.

— אַ טשעק, מזומן ?

— מזומן.

— אויב אַזוי מאַך איך איַיך אַ הנחה צען פּראָצענט. זעט, איך בין אַן אָרנטלעכער מענטש.

— תּודה, אַ דאַנק, אדון.

דער ייִד נעמט אַרויס פון יואלס הענט ס'שוויַיצאַרישע זייגערל, וואָס וויאַזוי עס איז צו אים געקומען געדענקט ער נישט, און פרעגט נאָך אַמאָל :

— איַינפּאַקן, אדון ?

וואַרט ער שוין נישט אויף אַן ענטפער. שפּרייט אויס אַ קאָ־ליריק ביַיגעלע פּאַפּיר, לייגט אַריַין ס'פּוטעראַלעכל, פּאַרוויקלט עס, נעמט עס אַרום מיט אַ גומעלע, דערלאַנגט יואלן אין האַנט אַריַין.

— זאָל עס די פרוי טראָגן געזונטערהייט, אויף שׂמחות...

יואל האָט אַריַינגעציילט אין ייִדס האַנט עטלעכע הונדער־טערס.

✶

האָט ער שוין די מתנה האָט נישט קיין זין לענגער צו וואַרטן — זאָגט יואל צו זיך. פאַרשפּאָרן זוכן באַהעלטענישן : אַ שטוב, אַ פרוי, צוויי ייִנגלעך דרייען זיך. ס'ערשטע מאָל ווי ער געפינט זיך אין אַ לאַגע פון אויסהיטן זיך פאַרן הויזגעזינד. ס'איז נישט עטיש, נישט אָרנטלעך פון זיַין זיַיט. ער איז אַפילו בייז אויף זיך, אויף דער נאַרישקייט וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, אויך אויף דעם וואָס ער גרייט זיך טאָן — מאָרגן נאָך מיטאָג קיין באר־שבע.

ביַי זיך אין האַרץ איז ער דאַנקבאַר מרימען, וואָס כאָטש די זאַך האָט איר אויסגעזען אויסטערליש — איז זי נישט געווען דאַקעגן, אַפילו גענומען גרייטן פאַר אים אַלץ וואָס אַ גאַסט צו

„זײַנס אַ לאַנדסמאַן אַ נײַער עולה״ דאַרף מיט זיך נעמען אין וועג אַרײַן.

למען האמת איז זי אויך נישט בשווה מיט זײַנע אָוונט־שפּאַצירן כּמעט יעדן נאָך מיטאָג. נו, וועט זי אים זאָגן דעות? דאָס גלײַכן — אין שטוב: נישט איין מאָל רעדט זי צו אים, פרעגט עפּעס און ער זיצט אַ פאַרטראַכטער, ווי אין עולם התוהו, שאָקלט צו מיטן קאָפּ. פרעג אים בחרם, וואָס מען וויל פון אים.

4

ער האָט אַ טאָג פֿאַרן אַרויספֿאָרן זיך פֿאַרבונדן טעלעפֿאָניש מיט רייזעלען. ווי די זאַך מאַכט זיך, טאָמער אַן ענדערונג, אַ שינוי אין די טעג, שעהען פֿון איר מאַנס קומען — כּדאַי צווויסנגעבן פֿריִער. ווי זאָגט מען עס דאָ: מוטב שעה אחת קודם.* ער פֿאַרגעסט דערבײַ נישט איבערחזרן צי איז ער זיך נישט טועה: נאָמען פֿון גאַס, נומער פֿון הויז, אומגעפֿער די שעה פֿון קומען.

*

פֿאַרנאַכט צו, אַזייגער פֿינף נאָך מיטאָג, איז ער אין באר־שבֿע. נישט צום ערשטן מאָל איז ער דאָ. געדענקט גוט דעם וועג פֿון תּל־אָבֿיבֿ ביז אַהער פֿון מיט אַ יאָר צען־צוועלף צוריק — אַן אויספֿלוג מיט זײַן קלאַס קיין באר־שבֿע. חודש סיון איז עס געווען, סוף שול־יאָר, ערבֿ חופֿש הגדול. ווי דער שטייגער אויפֿן דרום — אַ הייסער הימל איבער גראָ־געלע, שטויביקע שטחים. אַ כּבֿיש שניידט ווי אַ מעסער אַדורך דעם מדבר. פֿאַר דער מאַנדאַט־צײַט, האָט אים אויסגעזען, האָט מען דעם כּבֿיש גע־פֿלאַסטערט.

אַ בוים, אַ פּאַלמע מיט אַ פֿאַרריסענעם אַשיק־גרינלעכן בלע־טערקרוין איז ווי אַן איבערגעקערטער בעזעם פֿאַרשטעקט אין דר'ערד — האָט זיך געצויגן צום הימל אַן אויסגעקערטער, ריינער, אַן אַ סימן פֿון אַ וואָלקנדל. איינציקע טעלעפֿאָן־סלופּעס, ווי לאַנגע הויכע פּיס פֿון שטרויספֿויגל. די „פֿייגל" זענען אַוועק און די פּיס זענען שטעקן געבליבן אין זאַמד. בעדואינער־געצעלטן —

* בעסער אַ שעה פֿריִער.

טונקעלע, שוואַרצע פליאַמעס אויף אַ ליכטיקער לאַנדשאַפט. אויף אַ סך ערטער — נאַקעטער באָדן, אַ ליימיק־זאַמדיקער אַ צעשפּאָל־טענער פון טרוקעניש, פון חמימה.

ער האָט מיט די אייגענע אויגן געזען וואָס ער האָט פריִער געוווּסט: צוויי־דריטל פון אָט דער קליינער ישׂראל־ערד פוסטע־וועט: זאַמד. זון. וויסטע. וואָס איז אים דעמאָלט, אַוודאי אויך היינט, געפעלן דערמאָנט ער זיך — די פרימאַרגנס אין באר־שבע, ערשטער זונשטראַל איבער די הויכע זאַמדבערג שיפּועים, באַדעקטע מיט ליכט און שאָטנס.

אָט שטייט ער ביי דער טיר פון רייזעלען. אַ ניקעלן צי אַ בלעכן שילדל גיט צו וויסן:

ורדה ונפתלי איתן

למען האמת קלינגט אים דער נאָמען „איתן" פאַרהעברעיִשט. ס'קאָן גריילער זיין ער, איר מאַן איז נישט קיין אייראָפּייער. אגב, אויך רייזעלע האָט אים בעת יענער באַגעגעניש פאַרגעשלאָגן טוישן דעם פאַמיליע־נאָמען פון „גאָלד" אויף „זהבי". טוישן אַ נאָמען מיינט — פרעמד צו זיך אַליין. אַ נאָמען איז כאַראַקטער, טראַדיציע, גייט איבער צו קינדער. פאַר וואָס, צו וואָס? — האָט ער איר געוואָלט דערווידערן און אָפּגעהאַלטן זיך.

„מיר זענען אין ישׂראל. אַלע טוען אַזוי".

„איך מאַך נישט נאָך אַלע".

„יואל, אויך יונגערהייט ביסטו געווען אַן עקשן" — האָט זי נישט נאָכגעלאָזט.

אַ לייכטן קלונג, די טיר עפנט זיך. אויף דער שוועל שטייט אַ מאַן העכער פון מיטעלן וווּקס, אַ טונקלהויטיק פּנים מיט רעגל־מעסיקע שטריכן. אַ געדיכטער שוואַרצער וואָנס מיט איינציקע גרויע הערעלער, זאַרגפעליק אַרומגעשוירן. אַ האַלב־נאַקעטער קאָפּ האָר אַרומגעזיימט מיט קורצגעשוירענע הערעלער, שיטערע באַדעקט מיט אַ גראָ פון פריש־געפאַלן שנייעלע. אַ הויכער שטערן.

— צו ווענמען, אדון? נישט אַמאָל אַ טעות? (אויך ס׳קול, דער אַקצענט קלינגט מזרחדיק).

— ניין. נישט קיין טעות. מר איתן?

— כן. צו מיר?

— צו אײַער פרוי. איז זי נישט אין דער היים?

— קאָן מען וויסן ווער איר זענט?

— פאַר וואָס נישט? אַ באַקאַנטער דער פרויס, אַ לאַנדסמאַן. געקומען אויף אַ וויזיט צו אַ קרוב, דערוווּסט זיך דעם אַדרעס, געוואָלט געלעגנהייטלעך איר זען.

— אַזוי־אַ מיטן האַנט־באַגאַזש, אָן אַ קלונג טאָן פריִער?

— איך בין שוין אויפן וועג צוריק, אַדוני.

— צוריק, ווו?

— תּל־אביב.

— הם... מיט עטלעכע מינוט פאַרשפּעטיקט.

— הם... איך פאַרשיי. אדון איתן, איך אײַל זיך, צו וואָס די שאלות?...

— װרדה איז נישט אין דער היים. ערשט נישט לאַנג אַרויס פון שטוב. זי וועט אַוודאי באַלד צוריקקומען. ווילט איר וואַרטן?

— אַ דאַנק.

— נישטאָ פאַר וואָס.

— שלום.

— שלום.

אַראָפּ פון די טרעפּ — דריטער שטאָק — איז ער פּאַמעלעך געגאַנגען. ער האָט נישט געזען, נישט געהערט יענער זאָל פאַר־מאַכן די טיר. הינטער די פּלייצעס פילט ער יענעמס אויגן: טונ־קעלע, פאַרוווּנדערטע, כּעסיקע אויגן. זיי באַטראַכטן אַוודאי דעם אומגעבעטענעם גאַסט, וואָס שלעפּט זיך צוריק אַראָפּ מיטן האַנט־באַגאַזש פון די טרעפּ. ער האָט געקענט גיין פּאַמעלעכער און נישט געוואָלט. טאָמער קומט פונקט װרדה אָן. אַוודאי אים גע־

גאַנגען, געלאָפן אים אַנטקעגן, אָפּהאַלטן פון וויַיזן זיך אין שטוב דווקא ווען זי איז נישטאָ. און ער, איר מאַן, האָלט נאָך אָפּן די טיר. אונטן אין טרעפּן־הויז, האָט ער זיך פאַרהאַלטן, נאָכגע־טראַכט: זענען זיַינע תּשובות אויף די פאַרשעדישע פראַגעס געווען אין אָרדענונג? עטלעכע ליגנטן געזאָגט אומגע־טראַכט. ווער האָט זיך געריכט אויף אַזאַ „קבלת פּנים״? — פּרוּווט ער רעדן צו זיך אויפן קול. צי האָט זיַין שטים נישט אונ־טערגעציטערט? סך־הכּל טרעפן זיך אַזעלכע זאַכן. איז גוט, איז בעסער פריִער איידער שפּעטער...

געגרייט זיך דאָרט בליַיבן איבער נאַכט, צומאָרגנס — יאַריד פון די בעדואינער. נאָכדעם אַהיימפאָרן.

ערשט אונטן, אין דרויסן, האָט ער אויסגעגליַיכט דעם רוקן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער איז געשטאַנען אַ געבויגענער כּעני בפּתח. ניין. אַלץ איז געווען אין בעסטן אָרדענונג חוץ דעם, וואָס רייזעלע איז נישטאָ. אויך זי האָט מן־הסתּם עגמת נפש פון דער גאַנצער זאַך. אַפּנים, ווי זאָגט מען דאָ — אַ פאַנטשער. אַוודאי אים אַקעגנגעלאָפן אַנזאָגן די „בשורה״. זי דרייט זיך זיכער ביַי דער צענטראַל־סטאַציע, זיך אויסגעמיטן אין וועג. אויך דאָס טרעפט.

היַינט, ווו שלאָפט מען איבער די נאַכט? צוריקפאָרן איז שוין שפּעטלעך. אויך איז אים אַ שאָד דער מאָרגנדיקער יאַריד פון די בעדואינער. ווען וועט ער דאָ נאָכאַמאָל זיַין אויב בכלל? און דאָס שנירעלע פּערל? ווו טוט מען עס אַהין? ווידער זוכן דערויף אַ באַהעלטעניש?

ווו גייט מען? — טראַכט ער אויף אַ קול. ער קוקט זיך אַרום. שפּעטער פאַרנאַכט. די זון זעצט זיך. נידעריק איבער דער ערד ליגט דער פיַיערדיקער קאָפּ. אויסער דער שטאָט איז דאָס הויז פון וואַנעט ער איז איצט אַרויס. ליידיקע שטחים. ווי געלער סאַמעט מיט אַ דינעם גאָלדשטויב באַצירט זעען אויס די זאַמדפלאַכן, באַרגיקע און טאָליקע, וואָס ציִען זיך וויַיט נישט מיטן אויג צו

דערגרייכן. רויטע און בלויפיאָלעטע שטרײַפֿן אויפֿן הימלראַנד. אַ מיניענדיקע פֿאַרבנרײַכקייט. מדבר. ווײַט־ווײַט שפּרייטן זיך די מרחקים. אַן אומגעהויערע שיינקייט טראָגט אין זיך דער מדבר. פֿאַראַן שעהען — געדענקט ער נאָך פֿון ערשטן אויספֿלוג — ווען ס׳ליכט פֿון טאָג גייט אויף מיט אַ בלענדעניש פֿון אַ לויטערן אומ־באַפֿלעקטן הימל; אַ מין העלבלויקייט, וואָס גליווערט די לופֿט, די רחבותדיקע שטילקייט. אין די מינוטן — איז אים דעמאָלט אויפֿן זינען געקומען — איז אַוודאי דער בן אדם נענטער צו גאָט, צום בראשית ברא... אָפֿענער, ליכטיקער אַלע וועגן צו אים. אַלע געבעטן, באַגערן, טראַכטעניש גייען אומגעשטערט אויף צו אים, דעם באַשעפֿער פֿון הימל און ערד; די ערד, וואָס דער מענטש באַטרעט: מענטש און חיה ביז די קלענסטע ברואימלעך — פֿון קלענסטן זעמדל ביז די העכסטע, ווײַטסטע זון־סיסטעמען און עטער, וואָס דו אָטעמסט אײַן אין זיך.

אַ יינגל, נישט קיין גאַנצע זעכצן יאָר אים געווען, אַרויס פֿון חדר מתוקן אויף „תרבות רעה" — האָט ער געזוכט דעם גאָט פֿון חומש אין די ווערק פֿון „די עטיק", „די תּורה פֿון מידות" (שפּינאָזאַ), שפּעטער — געזוכט דעם וועג צום מענטש, צו זיך, וואָס ער זוכט עד היום.

מענטש. פֿון וואַנעט קומט ער? דער יחיד — אַ פּראָדוקט פֿון זײַן טאַטע־מאַמע. נאָכדעם ווערט ער די סיבה פֿון זײַנע קינדער — אַ פּראָדוקט, וואָס ווערט ווידער אַ סיבה פֿון קינדער, קינדס־קינדער, אוראייניקלעך, אור־אור אייניקלעך. אַזוי אויך אויף צוריק ביז אדם הראשון ווען עמעס סיבה עס איז דער כּביכול בכבודו ועצמו — גאָט — די סיבה פֿון זיך אַליין: סיבת הסיבות.

אַ פֿאַרטראַכטער, אַ פֿאַרדמיונטער, פֿאַרקוקט אין די ווײַטן מערקט ער נישט, אַז ער איז היפּש אָפּגעגאַנגען. ווו איז ער? — קוקט ער זיך נאָך אַמאָל אַרום: נידעריקע, איין־און־צווייִשטאָקיקע הײַזקעס ווי צוגעוואַקסענע צו דער ערד. שמאָלע אַספּאַלטענע כּבישלעך שלענגלען זיך צווישן זיי. איין הויפּט־כּביש, אַ ברייטער,

אַ פרישגעפּלאַסטעטער צעשנײַדט די גרויסע גאַס אויף צוויי, פאַר־בינדט די שיכּון־הײַזקעס מיט דער צענטראַל־שטאָט.

— האַלאָ, האַלאָ! — הערט ער אַ קול — וואָס טוט איר דאָ?

ער דרייט אָפּ דעם קאָפּ צום קול. סרוליק דער פריזיער, זײַן געוועזענער שכן. מיט וועלכע אַכט־צען יאָר צוריק איז אַריבער קיין באר־שבע, שטייט אויף דער שוועל פון זײַן פריזיערניע. פאַרגעסן אין אים. ווייניק אים געקענט, נאָך ווייניקער מיט אים גערעדט.

— וואָס טוט איר, אדון שכן, אין דער רעזידענץ פון דרום־לאַנד?

— מיר זענען שוין פון לאַנג נישט קיין שכנים. געדענקט איר מיך נאָך?

— צי איך געדענק? דעם לערער פון מײַנע קינדער קען מען פאַרגעסן?

— געקומען דאָ צו אַ פרײַנד געסטלען זיך.

— קומט אַרײַן. כ׳על אײַך אונטערשערן, צוגלײַכן אַביסל די האָר.

שוין זיצט ער אויפן פאָטעל קעגן שפּיגל. סרוליק, ווי די טבע פון אַלע פריזיערן, וויל זיך נישט לאַנגווײַליקן וואָס פאַר אַ קליענט ס׳זאָל אויפן פאָטעל נישט זיצן — געפינט אַ פריזיער, וואָס צו זאָגן, פרעגן, אַבי רעדן:

— וואָסזשע מאַכט איר? די פרוי וואָס מאַכט, די קינדער, דאַכט זיך צוויי יינגעלעך, זאָלן געזונט זײַן.

— אַלץ בסדר. דער קלענערער שוין באַלד אַ בר־מצווה.

— אָ, אַזוי. אין אַ גוטער שעה. ער זאָל כאָטש אויסוואַקסן אַ גוטער ייִד.

כּדי נישט הינטערשטעליק בלייבן פרעגט ער איבער:

— פאַר וואָס עפּעס „כאָטש"?

— אַזוי רעדט זיך. איך בין דאָך אַ פּראָסטער בשׂר ודם. פאַר־געסן, אַז כ׳רעד מיט אַ לערער. ווייסט איר כאָטש, אדון יואל, ווער ס׳איז היינט אין דער פרי געזעסן אויף דעם פאָטעל?

— פון וואַנעט זאָל איך וויסן? אַ באַקאַנטער, אַ שכן?

— ניין. אַ פרוי, אַ סימפּאַטישע. איר מאַן — אַ גרויסע „שישקע".

— וואָס הייסט ביי אייך אַ „גרויסע שישקע"?

— הויפּט בוי־אינזשיניער פון באר־שבע און סביבה. „מאַכט מיך שיין" — האָט זי געזאָגט — „ס'קומט צו מיר אַ גאַסט"...

— סרוליק, איך בעט אייך, מאַכט עס שנעלער. איך דאַרף נאָך היינט אַהיימפאָרן.

— די אויטאָבוסן גייען ביז צוועלף ביינאַכט. אויך טעקסיס זענען דאָ. קאָן איך אייך פאַרבעטן אויף אַ קאַפע? דאָ נישט ווייט ווין איך.

— אַ דאַנק, אדון סרוליק. איך איל זיך.

5

ער האָט געדענקט, אַז רייזעלע, וַרדה, האָט אַ ברירה דאָ זיך דרייען, זי וועט אַוודאי פריִער נישט אַהיימגיין ביז זי וועט אים ערגעצוווּ אויפן וועג טרעפן. ער גייט אין דער ריכטונג פון דער צענטראַלער אויטאָבוסן־סטאַציע, פאַרגעסט נישט, וואָס דער פריזיער האָט אים געזאָגט: „מאַכט מיך שיין, ס׳קומט צו מיר אַ גאַסט". אַזוי האָט ער זיך אייגנטלעך פאַרגעשטעלט: אַן אָוונט מיט איר ביז פריִיטיק אין דער פרי — אויך אַ סגולה קעגן דער בדידות...

ער גייט, פלאַנירט, וואָס פריִער אַהיימפאָרן כאָטש דער געדאַנק וועגן שנירעלע פערל לאָזט אים נישט אָפּ. וואָס טוט מען דערמיט? ווו טוט מען עס אַהין? — פרעגט ער זיך שוין צום ווּיפלטן מאָל איבער. אַוודאי פאַרגעסט ער נישט די עטלעכע הונדערטער, וואָס ער האָט אַרײַנגעציילט דעם סוחר אין האַנט אַרײַן.

אָ, אָווּאָ, וועמען זעט ער? רייזעלע, גברת וַרדה לויפט אים אַקעגן. אַן אויסגעפּיאַקעוועטע, שיין פאַרקעמט, לויפט מיט אַן אָפן מויל:

— יואל קרוין, אַ פאַנטשער!..

— כ׳ווייס.

— פון וואַנען ווייסטו?

— איך קום אַצינד פון דײַן שטוב.

— געווען אין שטוב?

— ניין. דרויסן פון דער טיר. געטראָפן דײַן מאַן.

— אוי, נו?

— וואָס איז דער „אוי“, דער „נו“? געזאָגט אים, אַז גע־קומען צו גאַסט צו אַ פריינד, דערוווּסט זיך, אַז דאָ ווױנט מײַנס אַ שטאָטישע, געוואָלט אָפּשטאָטן אַ וויזיט.

— שוין באַלד דער אמת.

— נאָר אין די געריכטן דאַרף מען זאָגן: „אמת וכל האמת“.

— חכם. מ׳קען זיך אויף דיר פאַרלאָזן.

— קיין ליגנט האָב איך דאָך נישט געזאָגט.

— טײַערינקער, צוואָס שטיין. ביסט אַוודאי מיד. אויך איך שלאָנדער זיך שוין אַרום עטלעכע שעה, שוין געוועז בײַ דער צענטראַל־סטאַציע. ווו בין איך נישט געוועז. מײַן מאַן האָט אַ ברירה מיך צו זוכן, וואַרט מיך אָפּ אין שטוב.

— נו, וואָס שלאָגסטו פאָר?

— מירן אַרײַנגײַן אין אַ קאַפּע אויף אַ טרונק. אַזאַ לאַנגן וועג געמאַכט ביז אַהער. כאַטש עפּעס איבערכאַפּן.

— מ׳דאַרף נישט, רייזעלע, ורדה.

— קודם בין איך דיר שולדיק אַן אויפקלערונג.

— ביסט מיר גאָרנישט שולדיק. ס׳מאַכט זיך נישט אַזוי ווי ס׳רעדט זיך.

— יואל, דווקא דאָס מאָל. אַזוי אומגעריכט, צופעליק אַהיימ־געקומען. קלינגען צו דיר שוין צו שפּעט געוועזן, ביסט זיכער אין וועג. חוץ דעם — אין שטוב אַרײַן האָט נישט קיין טעם צו קלינגען. דו האָסט מסתמא גערעדט צו מיר פון גאַס אָדער פון לערער־קאָנצעלאַריע, נישט?

— נישט וויכטיק אַצינד. דער עיקר נישט שטיין דאָ אין מיטן וועג, אין מיטן גאַס. מן־הסתם האָט אַזוי באַדאַרפט זײַן. איך גלייב אין גורל. צופאַל איז אויך גורל. ס׳האָט געקענט זײַן ערגער.

— וואָס ט׳ער געזאָגט, מײַן מאַן?

— ער האָט נישט געזאָגט. ער האָט געפרעגט. למען האמת — געפאָרשט. אַ פּאָר פאָרשערישע אויגן האָב איך געזען פאַר זיך.

— יאָ, יואל, ביסט אַ מבין...

— לויט דו זאָגסט, ער האָט נישט קיין צײַט פאַר אַ ווײַב, צו־וואָס דאָס פאַרשן?

— אַליין דאַרף ער נישט. אַן אַנדערן פאַרגינט ער נישט...

ביידע האָבן נישט באַמערקט, אַז זיי גייען און רעדן, ביידע האָבן זיך געזען אין אַ שמאָל געסל. טונקל אַרום און אַרום. נאַכט. לעם אַ בלינדער וואַנט שטייען זיי. איבער ביידנס קעפּ — אַ קליין פאַרקראַטעט פענצטערל אויפן אַמאָליקן אַראַבישן שטייגער. אַ שוואַכע צעקעסטלטע שײַן שלאָגט פון דאָרטן אַרויס. מער ווי זי שײַנט וואַרפט זי אַן שאָטנס אויף זייערע אַקסלען, פּנימער. זי זעט אויס באַזאָרגט, טרויעריק, עלטער ווי ער האָט איר געזען בעת דער באַגעגעניש. אפשר מיד פון לויפן אַרומזוכן אים, אפשר צוליבן פּחד טרעפן איר מאַן. אַן אַלטער קאַוואַליער חתונה געהאַט. קיין קינדער האָט זי אים נישט געבוירן. אַוודאי נישט איר שולד... איי־פערזיכטיק. זיצט דאָרט און וואַרט. גוט פון דעם קען מען נישט אויסזען.

— איז ווו, ווען, וויאַזוי וועט מען זיך טרעפן?

— צוואָס, רייזעלע, ורדה?

— יואל, מאַכסטו זיך צי ביסטו טאַקע?

— וואָס?

— אַ נאַר. דײַנע ווערטער קלינגען מיר אין די אויערן, ווי דעמאָלט בײַם טײַכל... דעמאָלט ביסטו אפשר געווען נאַיוו. דאָס מאָל מאַכסטו זיך. איז פאַר וואָס ס׳טו זיך מטריח געווען אַזאַ ווײַטן וועג? זאָג מיר בעסער ווי גייט עס דיר, ליבינקער?

— איך אַרבעט. אַ לערער. ס׳ווײַב טוט אויך עפּעס. דאָס איז עס.

— עפּעס רעדסטו האַלבע ווערטער.

— על רגל אחת קאָן מען נישט מער.

— זעסט אויס שיין, קיין סך זיך נישט געענדערט.

— אויך דו זעסט אויס שיין.

— מײַן זון זאָגט — אַ חתיכה. ס'פּנים נאַרט, יואל. וואָס אין האַרץ טוט זיך זעט מען נישט.

— ווייסט מען נישט, רייזעלע, און מען וועט נישט וויסן.

— אָבער מיר זענען דאָך אַלטע גוטע פרײַנד.

— אַלט, יונג, נישט וויכטיק. אַ מחיצה, אַ פאָרהאַנג אַן אומגעזעענער צווישן מענטש און מענטש.

— יואל, רעד, דערצייל. ווייסט אַ סך און רעדסט ווייניק.

— אַ פאָרהאַנג, רייזעלע, ס'לעבן איז אַ בינע, מענטשן — אַרטיסטן, סטאַטיסטן.

— נישט דאָס מיין איך. הער אויף מיט דײַן פילאָסאָפיע. לאָמיר פאָרט אַרײַנגיין אין אַ קאַפע. אַוועקזעצן זיך, אַדורכשמועסן. אַזויפיל יאָרן זיך נישט געזען.

— רייזעלע, כ'האָב דיר געבראַכט אַ מתּנה.

— מיר אַ מתּנה?

— אַ שנירעלע פּערל, רייזעלע. איך וויל עס נישט צוריקפירן.

— איך דאַרף פון דיר נישט קיין מתּנות. אונדזער באַגעגעניש איז פאַר מיר אַ מתּנה, יואל. אַ שאָד אַזאַ פאַנטשער. גורל.

— קעגן גורל קען מען נישט גיין.

— יואל, איך בין נישט אַזוי שנעל מוותּר. דער איינציקער חסד, וואָס גאָט, דו זאָגסט גורל, האָט געטאָן צום מענטש איז די ליבע פון מאַן און פרוי, אמת?

— אמת.

— צום אמת, יואל, דאַרף מען אויך מזל...

— רייזעלע, ביסט נישט נאָר שיין. האָסט אויך אַ שיינע נשמה.

ביידע האָבן געשוויגן. יואל האָט זיך דערמאָנט אין פּנים פון איר מאַן דעם הויפּט-אינזשעניער, די „שישקע". די ריין-אויסראַזירטע באַקן האָבן בעתן רעדן זיך נישט גערירט. די טונקלע ברילן אין גרויסע טונקעלע רעמען, וואָס ער טראָגט, זעט אויס, אויך אין שטוב, זענען פעסט געזעסן אויף זײַן מאַסיווער נאָז, אויך זיך

קיין ריר נישט געטאָן, קיין קנייטשעלע אויפן שטערן. אויפן ערשטן קוק האָט ער אויסגעזען ווי אַ באַנקירער בעת קעגן אים שטייט אַ נצרך, און בעט אַ הלוואהלע. ניין. דאָס איז נישט רייזעלעס גוסט — האָט ער אין די רגעס געטראַכט.

ס׳האָט אים ווי געטאָן איר שוויַיגן. נישט איר טבע. ער האָט באַדויערט, וואָס אויך ער האָט נישט וואָס צו זאָגן, שטייט ווי אַ למך.

אין דער מאָגערער צעקראַטעוועטער שיַין פון פענצטערל זעט ער אָן אומרו, אַ גלי פון אָן אומרו אין אירע טונקל־ברוינע, ברייט־צעעפנטע אויגן. אַ צער קוקט פון זיי אַרויס. ער באַפריַיט די האַנט מיט דער מתּנה וואָס ער האָט אָנגעגרייט איר געבן, און לייגט די האַנט אַרויף אויף איר אַקסל.

דער אַקסל איז נכנע. זי נעמט אַרום מיט ביידע הענט זיין האַלדז, בייַגט אָן זיין קאָפּ צו אירן, טוט אים אַ קוש אין די ליפּן. ער דערווידערט נישט. זאָגט נאָכאַמאָל:

— רייזעלע, נעם די מתּנה פון מיר.

— ניין, יואל, בשום אופן נישט. גיב דיַין וויַיב די מתּנה.

— רייזעלע, רעדסט נאַרישקייטן. מיַין וויַיב וועט מאַכן פון מיר ס׳געלעכטער.

— יואל, זי וועט זיך פרייען.

— קיין מאָל קיין מתּנות נישט געגעבן. ס׳אַ שפּיל. אַ פאַלשע שפּיל. נישט פאַר מיר.

— ס׳לעבן איז אַ בינע האָסטו דאָך געזאָגט. שפּיל. אויך איך שפּיל. העכער צען יאָר מיט אַ מאַן, הויפּט־אינספּעקטאָר פון בוי־וועזן. איין מאָל האָט אַ מענטש ליב, יואל.

— אַמאָל דאָס אויך נישט.

ביידע זענען געשטאַנען אָפּגערוקט פון זיך און געשוויגן. צוויי שאָטנס צעצויגענע, האַלב אויף דער בלינדער וואַנט, האַלב אויפן שמאָלן זאַמדשטעגל, וווּ ס׳ליכט פון פענצטערל איז געפאַלן.

— דו זעסט — האָט ער מיט אַ פינגער אונטער דער גאָמבע

פֿאַרהויבן איר קאָפּ. — זעסט אַ שטערן אויפֿן הימל דאָרטן רעכטס? נאָך איינער, נאָך איינער. ווייניק אַצינד, אַ נעפּל, אַ לײַכטער כּאַמ־סין. אַ סך מאָל זעט מען אַ הימל אָפּגעשיט מיט שטערן נאָענט איינער פֿון אַנדערן. ס׳דאַכט זיך נאָר אַז נאָענט. אין דער אמתן טיילן אַ סך ליכטיאָרן אָפּ איינעם צום צווייטן. דאָס זעלבע אויך אויף דער ערד, צווישן מענטשן. אַזוי נאָענט איינער פֿון אַנדערן, און אַזוי ווײַט, אַ מהלך ווײַט. דער מענטש איז אַליין. וואָס מער דו ביסט צווישן מענטשן — אַלץ גרעסער איז די אַליינקייט. איך וועל אים נישט איבערמאַכן, אָבער כאָטש פֿאַרשטיין ווילט זיך אים, דעם מענטש.

יואל, געגוג. פֿאַרוואָס שטייסטו? ווי דעמאָלט יואל דער גימ־נאַזיסט: שטייסט ווי אַ גלאָמב. נעם מיך אַרום, קוש מיך.

— רייזל, וַרדאַ, דו ביסט שוין נישט יענע גימנאַזיסטין. ס׳איז מיר אָנגענעם מיט דיר צו רעדן. כ׳קען צו דיר רעדן דאָס וואָס מיט קיין אַנדערן אָדער אַנדערע רעד איך נישט.

— מיט קיין „אַנדערע", וועמען מיינסטו?

— וואָס איז וויכטיק. וויכטיק איז, אַז דו גייסט צוריק צו דײַן מאַן און איך — צו מײַן ווײַב.

אַזוי זענען זיי אַרויס פֿון פֿאַרשאָטנטן געסל אָן אַ וואָרט אַרויסרעדן. נאָענט פֿון אַ האַלב באַלויכטענער גאָס, נישט ווײַט פֿון לײדיקן מאַרקפּלאַץ, ווו מאָרגן אין דער פֿרי הייבט זיך אָן דער בעדואינער יאַריד. ס׳איז פֿאַרבײַגעפֿאָרן אַ טעקסי. יואל האָט אויפֿ־געהויבן אַ האַנט:

— תּל־אביב? — האָט ער כּמעט אויסגעשריגן.

— פֿאַר אײַער געלט — ווו איר ווילט.

— להתראות, רייזעלע.

— להתראות.

✶

ס׳האָלט פֿאַר אַ בר־מצווה. ברוכל, דער קלענערער, וועט ביז הונדערט און צוואַנציק דרײַצן יאָר. צוויי מאָל אין דער וואָך

גייט ער צו איינעם, אַן עלטערן פרומען ייִד, אַ שמש אין דער־בײַזיקן שולעכל. יענער לערנט אים די דרשה, וואָס ער דאַרף קענען פון אויסנווייניק, און די הפטורה.

אַ פּראָסטער מיטוואָך. מיטאָגצײַט. יואל, מרים, יצחק און ברוכל דער קלענערער אַרום טיש.

— אַ בר־מצווה, אויב מען וויל עס מאַכן ווי עס באַדאַרף צו זײַן — זאָגט מרים — מיט קלעזמאָרים, לײַטישע מאכלים, משקה, אפשר אויך אַ פילם לויט דער הײַנטיקער מאָדע — דאַרף מען אָנגרייטן אַן אפותיקא.

— נו, מילא.

— גרינג צו זאָגן „מילא".

— איכ׳ל זיך אויסטאַרען אַ הלוואה.

— און אָפּצאָלן די הלוואה? פון מאָגערן „לאָקש"?

— מרים, מיר ענדיקן שוין באַלד די משכנתא. אַן חובות וועט זײַן לאַנגווײַליק...

— דו, יואל, מיט דײַנע חכמות. יואל, איך האָב אַן אײַנפאַל. אַ מתנה האָסטו מיר געגעבן. אַ שיינעם דאַנק דיר. פּופּצן יאָר נאָך דער חתונה. אַבצן יאָר קענען מיר זיך, קיין מתנות האָסטו מיר נישט געבראַנגט. יעדן יאָר צום טאָג פון דער חתונה — בלומען. וואָס עפּעס פּלוצים אַ שנירעלע פּערל? און קיין ביליקע זאַכן, ווייס איך, קויפסטו נישט. מן־הסתם לײַטיש באַצאָלט. און האָסטו שוין געבראַנגט — אַ מתנה פרעגט מען נישט וויפל ס׳קאָסט — איז עס מיר ליב און טײַער. הײַנט, אַז ס׳האָלט פאַר אַ בר־מצווה, דערפרייען ס׳האַרץ פון אַ קינד — איז מיר דאָס בילכער פון שנירעלע פּערל.

— געראָכט ביסטו, מײַן ווײַב, אָבער — — —

— וואָס דער „אָבער"? — רײַסט זי אים איבער.

— מ׳עט נאָר כאַפּן אַ געדאַנק.

— נישטאָ קיין צײַט, יואל. נישטאָ וואָס צו וואַרטן. איך דאַרף

נישט קיין מתּנות. אַוודאי אַ שיינע פּאָר הונדערטער אויסגעציילט.

— אַ געזונט אויף דיר, מײַן ווײַב, געטראָפֿן.

— די צוויי קינדער זענען מײַנע פּערל. איך דאַרף נישט קיין פּערל. מ׳וועט פֿאַרקויפֿן ס׳שנירעלע פּערל און מאַכן אַ שׂמחה.

— גיי פֿאַרקויף.

— אַוודאי וועל איך גיין פֿאַרקויפֿן. דו זאָג מיר נאָר ווו האָסטו געקויפֿט די מציאה?

— וואָסי, ס׳געפֿעלט דיר נישט?

— איך האָב עס נישט געזאָגט. אָבער איך קען זיך באַגיין אָן דעם.

— ווו איך האָב געקויפֿט? מען מוז נישט דווקא פֿאַרקויפֿן אין זעלבן געשעפֿט. ס׳פֿעלן נישט קיין יובילער־געשעפֿטן אין תּל־אביב.

— כ׳הייב נישט אָן צו וויסן וואָס פֿאַר אַ פּרײַז זאָגט מען.

— דער יובילער וועט דיר שוין זאָגן.

✶

ווען מרים איז אַרויס פֿון שטוב, געפֿאָרן אויף צפֿון תּל־אביב אין אַ יובילער־געשעפֿט פֿאַרקויפֿן די מתּנה — האָט יואל נישט געוווּסט. ער איז תּמיד פֿאַרנומען מיט זיך: קודם אַרבעט ער, נאָך מיטאָג — אַ שיטערן דרימל, נאָכדעם — אויף זײַנע שפּאַצירן. אין דער באַלעבאַטישקייט מישט ער זיך נישט. זי וויל פֿאַרקויפֿן ס׳שנירעלע פּערל? זאָל זי. זי וועט עס מאַכן, ווייסט ער, בעסער פֿון אים.

דערוווּסט האָט ער זיך ווען מרים איז צוריקגעקומען פֿון תּל־אביב. אַרײַן אין שטוב מיט אַ פּאַליש, מיט אַ געוויין, אַ קלאָגן, אַ שעלטן, וואָס ער הערט ס׳ערשטע מאָל פֿון איר. גאַרנישט איר טבע. ווי, חלילה, אַן אומגליק וואָלט געשען: אַזאַ פּלוצימדיקער אָנפֿאַל פֿון היסטעריע, זײַן מרים?..

מיטן אַרײַנקומען אַ וואָרף געטאָן ס׳פּוטעראַלעכל אַ צע־וויקלט פון קאַליריקן פּאַפּירעלע אויפן טיש און זיך צעשריגן:

— וואָס פאַר אַ פּערל זענען דאָס?!..

און זי פּלאַצט אַרויס מיט אַ געוויין, אַז ס׳האַרץ האָט גע־שניטן. נישט צו דערקענען איר.

— מרים, וואָס איז געשען? פאַר וואָס וויינסטו? באַדענק זיך, מרים.

— וואָסער „באַדענק זיך״, ס׳אַ קרענק זיך! — שרײַט זי. ס׳ערשטע מאָל וואָס זי הייבט אויף אַ קול צו אים.

— פּערל זענען דאָס! שטיינדלעך, פּשוטע שטיינדלעך צוגע־שליפן, אָפּגלאַזירט... „פּרוי, מ׳האָט אײַך אָפּגענאַרט״ — האָט דער יובילער געזאָגט. „ווו בײַ וועמען האָט איר געקויפט די מציאה?״...

— וואָס זאָגסטו, כ׳פאַרשטיי נישט.

— אַוודאי פאַרשטייסטו נישט — האָט זי שוין רויִקער גע־פּרוווט רעדן נאָך אַלץ מיט אַ שרײַיִק קול — דײַן קאָפּ איז נישט צו די זאַכן. אַליין גייט מען נישט קויפן אַזאַ זאַך. נישט קליין געווען מיך אַ רוף טאָן, ווו, ווען האָסטו די „פּערל״ געקויפט? ווער איז דער אָשוסט * אַ ייִד, אַ גוי? אפשר אין באר־שבע אײַנגעהאַנדלט?

— אין יפו, אַ ייִד מיט אַ יאַרמלקע אויפן קאָפּ.

— אַ בלינדער האָט דאָך געקענט זען. ווו זענען געווען דײַנע אויגן? שטיינער. שטיינער אויף זײַן קאָפּ, דעם פרומען קאָפּ מיט דער יאַרמלקע.

— ווו ס׳טו גענומען געלט, וויפל האָסטו באַצאָלט?

— וואָס איז שוין וויכטיק. וויפל גיט מען?

— וואָס גיט מען? ווער דאַרף אַזאַ סחורה?

מרים האָט זיך אַוועקגעזעצט. אַנטשוויגן געוואָרן, מיטביידע הענט זיך געהאַלטן בײַם קאָפּ. יואל איז גראָד געזעסן אויף דער

---

* אָשוסט (פּויליש) — אָפּנאַרער, ליגנער.

קאַנאַפּע, געגרייט זיך כאַפּן אַ דרימל ווען מרים איז אַרײַן אין שטוב מיטן פּאַליש. אַ דערשלאָגענער איז ער געזעסן און געשוויגן. „איר׳ט מיך געדענקען״ — האָט ער זיך דערמאָנט וואָס דער סוחר האָט געזאָגט. אַז אַ ייִד זאָגט אַ וואָרט אמת — דאַרף מען אים גלייבן...

און ווידער מרימס קול:

— אַוודאי, ווען פרייען זיך די סוחרים, ווען ס׳קומט אַ נאַר אויפן יאַריד.

שכנים

שכנים

1

סך־הכּל איין שכן, אַ נײַע שכנה, אַ מאַמע מיט אַ טאָכטער. אַ צווייִשטאָקיק הויז. אַ טיר קעגן אַ טיר. די טאָכטער — אַ מיידל פון אַ יאָר זעקס־זיבן און צוואַנציק. מ׳זעט זי וויייניק אין גאַס. אין שטוב הערט מען זי נישט, קומט מען אַרײַן זעט מען נאָר די מאַמען. אין דער דרײַ צימערדיקער וווינונג פאַרנעמט זי אַ חדר. תּמיד איז די טיר צוגעלענט. וואָס זי טוט ס׳רוב שעהען פון טאָג? — שלאָפט זי, לייענט זי אַ בוך? אויך עסן, טרינקען אַ גלאָז טיי בײַ אַ טיש צוזאַמען מיט דער מאַמען, איבערכאַפּן מיט איר אַ וואָרט — זעט מען נישט. קאַנטיק, אַז אויך די מאַמע ווייסט נישט מיט וואָס זי פאַרנעמט זיך די שעהען, וואָס זי איז אין שטוב. אגב, ס׳זאָל זיך דאָ אַרײַנווײַזן צו זיי אַ שכן, אַ נאָענטער, אַ ווײַטער פון דערבײַאיקן הויז, אַ קרוב, אַ פריינד. גאָרנישט.

אין די פאַרנאַכטן, אַמאָל אָוונט־צײַט זעט מען איר אין דרויסן. מינוטן זעט מען זי. אַרויס אויפן טראָטואַר, עטלעכע טריט, אַ פאַרהייב די האַנט צו דער ערשטער פאַרבײַפאָרנדיקער טעקסי און שוין איז זי אינעווייניק. ס׳ערשטע וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן איז דער שוואַרצער, לאַנגער צאָפּ, אָפט — צעלאָזענע, גלאַטפאַר־קעמטע האָר איבער די אַקסלען. לאַנגע הויזן אָדער אַ ספּודניצע, קורץ איבער די קני. אַ הויכע, אַ שלאַנקע, מאָדערן געקליידט, צומאָל אויך — אין אַ נאָכלעסיק־קולטיווירטן סטראָי: דזשינס, אַ לײַכט בלוזקעלע אָן און מיט אָן אַרבעלע, אַ זשאַקעטל, אַ לאַטש

אויף אַ הויך קנאַפּעלע. אויך אַ נידעריק לעטשל ענלעך אויף אַ שטעקשוך. די טונקלהויטיקייט פון איר פּנים, ס'גלענצל ס'פאַרשאַ־טענע פון אירע שוואַרצע אויגן. צוויי ברייטלעכע בולטע קינען גיבן איר צו אַ מראה פון אַ נישט־היגע, אַן אויסטערליש־ווײַטמיזרחדיק געשטאַלט. תּמיד אין שנעלן גאַנג. שטעלט זיך נישט אָפּ מיט ווע־מען איבערכאַפּן אַ וואָרט. טוט מיטן קאָפּ נישט אַ קער לינקס, רעכטס. גייט זי פּאַמעלעך, איז זי אַן אײַנגעטוליעטע אין זיך. אַוודאי האָט איר אָפּגעזונדערטקייט געוווּנדערט. פאַר מיר, זייער שכן, איז איר פירן זיך געווען אַ רעטעניש.

איך זע דאָס אַלץ פון מיין פענצטער אָדער פון דער טעראַסע פאַרנט צום הויפּט־כּביש. ס'מיידל און די מאַמע האָבן געוועקט מײַן נײַגער; אַ טאָפּלטן נײַגער קוקנדיק אויף דער מאַמען; נידעריקער פון מיטעלן וווקס. אַ קאָפּ שיטערע, גראָלעכע קורצע הערעלעך. אַ פּנים — געווען אַמאָל בלאָנד. אַן עדות דערויף איז די העלע פּנים־הויט, אַצינד — קנייטשיק, מאַט. דינע פּײַכטע ליפּן. אַ ברייט מויל. בעתן רעדן נעצן זיך די ליפּן, דריקן אויס אַ מין אומעט, וואָס נעמט אַמאָל אָן אַ גרימאַס פון אַ טרויעריק, שלאָבריק גע־לעכטערל, וואָס זאָגט: „מאַמע, דו לאָבסט, ווי צו דײַן געלעכ־טער״.

דאָס וואָס מען זעט קיינמאָל נישט מאַמע־טאָכטער צוזאַמען אויסער דער שטוב, אויף דער טעראַסע, אין נאָענטסטן סופּער־מאַרקעט, לופטערן בגדים, בעטגעוואַנט, הענגען וועש. די טאָכטער אַליין זאָל דאָס טאָן, נישט תּמיד די קליינע, שוואַכע מאַמע — האָט אַלעמען געוווּנדערט. פאַר מיר אַ רעטעניש, אַ מיסטעריע.

אויך דער גאַנג דער מאַמעס איז דער היפּוך פון דער טאָכ־טער — אַ לויפיקער, אַן אײַליקער, דער קאָפּ אַראָפּגעבויגן. תּמיד זענען די הענט מיט עפּעס פאַרנומען. אַ שטייגער זי יאָגט זיך ערגעץ, זי וועט נישט אויספּעיען. וווהין? צוואָס? סך־הכּל — אַ פּענסיאָנערין. און אַ ריידערין איז זי, מעג מען זאָגן, פאַר צוויי,

אויף פאַר דער טאָכטער. אַ געוועזענע קראַנקן־שוועסטער — האָט זי מיר געזאָגט. אַ דאַנק דעם פּאַר, איר גוטן פּויליש און אַרישן פּנים — אַוודאי אויך מזל — איז זי אַרויס אַ לעבעדיקע פון „יענעם גיהנום". יאַדזשאַ, יוכבד הייסט זי דאָ.

— פרוי יוכבד — האָב איך איר איינמאָל געפרעגט — אַלץ אַליין? די טאָכטער קען אייַך נישט העלפן?

— איי, היינטיקע קינדער.

— וואָסי? האָט נישט קיין צייַט, לערנט זיך, אַרבעט?

— די לימודים פרי איבערגעריסן.

— וואָס טוט זי?

— אַ קעלנערין אין אַ פּאַב * — זאָגט זי.

— אַ שיין מיידל.

— אדון, אדון יעקב — הער איך רופן אייַך די שכנים — ס'מזל דאַרף זיַין שיין.

— זעט אויס אין די אָוונטן אַרבעט זי.

— אין דעם גייט עס דאָך. גאַנצע טעג אין שטוב. זי זאָל עפּעס העלפן אין דער באַלעבאַטישקייט. ליגט אויף דער קאַנאַפּע. רוט. לייענט. כ'ווייס נישט, שכן טייַערער, וואָס זי טוט. האַלט זיך פאַרשלאָסן, און ס'מויל פאַרשלאָסן.

— ברענגט זי כאָטש אַהיים אַ געהאַלט, אַ פּאָר פונט? פּענסיע אַליין איז דאָך נישט גענוג. איך בין אויך אַ פּענסיאָנער — זאָג איך — ס'פעלט אַ טאָג צו דער וואָך.

— יאָ, געהערט פון די שכנים. אַ שרייַבער, אַ יידישער שרייַבער, קומט אַמאָל אַרייַן ט'מען איבערכאַפּן עטלעכע ווערטער.

— טוב שכן קרוב מאח רחוק — זאָגט אַ ווערטל, פרוי יוכבד.

— „אח רחוק", ווו האָט איר היינט אַ ברודער, אַ שוועסטער, אַ קרוב. רחוק... מ'ווייסט אַפילו נישט ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען.

---

* אַ נאַכט־לאָקאַל.

אגב־אורחהדיק האָט מען גערעדט אין טרעפּן־הויז. אַרויף אָדער אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּ, אַמאָל — אויף דער שוועל ביי צוויי אָפענע טירן און תמיד ווען די טאָכטער איז נישט אין שטוב, אין די פאַרנאַכטן אָדער תחילת אָוונט־שעהען.

איינמאָל, אָוונטצו, אָנגעגאָסן זיך אַ גלאָז טיי, כ׳גיב אַ קוק — נישטאָ קיין לימענע. אַ גלאָז טיי אָן צוקער פאַר אַ מענטש אין מיינע יאָרן, אַ פּענסיאָנער — זאָגן דאָקטוירים — איז אַפילו געזונט. אָן אַ שטיקל לימענע קען איך נישט טרינקען קיין טיי. איך האָב אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון אַנטקעגן:

— פרוי יוכבד, אַ קליינע בקשה, אַ שטיקעלע לימענע.

— מיטן שענסטן פאַרגעניגן, אדון יעקב.

אין קליינעם סאַלאָן זענען מיר געזעסן ביי צוויי גלעזער טיי. זי האָט גערעדט. דאָס מאָל האָט זי גערעדט רויִק. די טאָכטער קומט שפּעט אַהיים. נישטאָ זיך וואָס צו אײַלן. איך בין אַ זעלטע־נער גאַסט. ס׳ערשטע מאָל ביי איר אין שטוב. זי ווייסט אויך, אַז כ׳בין אַ פאַרנומענער מענטש. זי הערט — מאַכט זי מיר אַ קאָמ־פּלימענט — ס׳פּסדרדיקע קלאַפּן פון דער שרייבמאַשינקע.

— איר זיצט נישט מיט פאַרלייגטע הענט. האָט איר כאָטשבי פּרנסה דערפון?

— אויף פּרנסה האָב איך געאַרבעט אויף אַ מלוכה־שטעלע. פון שרייבן האָב איך הנאה. יאָ, וועגן אײַער טאָכטער האָבן מיר אַנומלט גערעדט. אַ שיין מיידל, אַ ווויל מיידל, אַן ערנסטע.

— אַ גוטע נשמה, אדון יעקב, ווייזט זיך ווער אין דער טיר, שטרעקט אויס אַ האַנט, גיט זי אַ שיינע נדבה. דאָס גלייכן קומט מען מיט אַ צעטעלע — אַ שטיצע פאַר דאָס, פאַר יענץ, גיט זי אַ גרויסע מטבע, מער פון דער מאַמען. „קמצנית" (קאַרגע) — זאָגט זי. אַוודאי, אַז מ׳האָט אַ טאָכטער אַן אויסברענגערין.

— אַן אויסברענגערין?

— ס׳רעדט זיך אַזוי. אַ ווילע זאָגט איר, אַן ערנסטע, שוין צו ערנסט. נישט דער שטייגער פון הײַנטיקע מיידלעך. אַ בחור,

אַ חבר זאָל קומען אין שטוב אַרײַן. פֿאַרברענגען אַביסל. וועגן חתונה האָבן וויל זי נישט הערן. אַ מיידל שוין באַלד אַכט און צוואַנציק יאָר. באַדאַרפֿט אפֿשר גיין מיט איר צו אַ פּסיכאָלאָג. אַ שוויַיגערין. אַ פֿאַרמעלאַנכאָליעטע. כ׳קוק אויף איר שיינעם פּנים און ס׳האַרץ טוט וויי. „קמצנית״ ? און דו — זאָג איך איר — ביסט אַ קמצנית אויף אַרויסזאָגן אַ וואָרט. איין וואָרט „מאַמע״. ווען האָב איך דען אַחוץ דיר ? כ׳לעבן, אפֿשר וואָלט איר מיט איר אַ רעד געטאָן ?

— איך בין נישט קיין פּסיכאָלאָג, פֿרוי יוכבד.

— אָבער אַ שרײַבער, אַ ייִדישער שרײַבער. פֿאַר אײַך וועט זי האָבן דרך־ארץ.

— און פֿאַר אַ מאַמען ? אַן איינציקע טאָכטער ?

זי האָט געשוויגן. אירע פֿײַכטע ליפּן האָבן זיך צעצויגן אין אַ שלאַבעריק שמייכעלע :

— לאַך מאַמע, ווײַ צום געלעכטער...

— אַ מאַמע ? אַן אַדאָפּטירט קינד. כאָטש האָדעווען איז שווערער ווי האָבן.

— ווייסט זי דערפֿון ? האָט איר ווער געזאָגט ?

— איך נישט. באַשלאָסן צו אַדאָפּטירן האָט איך פֿון לאַנג, נאָכן חתונה האָבן צום צווייטן מאָל, דער מאַן — אַ דאָקטער.

דעם ערשטן מאַן — ה ישיבה־בחור — האָט זי געהאָלפֿן אויסבאַהאַלטן זיך. נאָך דער באַפֿרײַונג דערוווּסט זיך, אַז דאָס הויז, וואָס זײַנע עלטערן האָבן איבערגעלאָזט, איז געבליבן גאַנץ. ס׳וווינען דאָרט גויִים, איז ער אַוועק מאָנען כאָטש דירה־געלט. דער גוי האָט געכאַפּט אַ פֿלאַש, אים דערלאַנגט איבערן קאָפּ און געהרגעט אויפֿן אָרט.

קיין קינדער האָט זי נישט געבוירן. די אַדאָפּטאַציע — צופֿע־ליק. דער מאַן האָט געהיילט אַן עלטערע פֿויערטע. אַ מסוכּן קראַנ־קע האָט מען זי געברענגט אין שפּיטאָל אַרײַן פֿון אַ דאָרף הינטער באַראַנאָוויטש. זי, די הויפּט־שוועסטער, האָט זיך מיט איר מטפּל

געווען. אַ וואָרט צו אַ וואָרט, צום פאַרלאָזן ס'שפּיטאָל רוימט זי איר איין אַ סוד: זי כאָוועט אַ ייִדיש מיידעלע פון אַ יאָר צוויי. געבראַכט האָט מען עס פון געטאָ אַ דריי־פיר חדשימדיקס. די ניעמציס (דייטשן), די אַנטיקריסטן, האָבן עס געוואָלט אַרויספירן בעת אַ קינדער־אַקציע. פון געלט, אַ מתנה — האָט זי נישט גע־וואָלט הערן. דיין מאַן האָט מיר געגעבן אַ מתנה — האָט זי גע־זאָגט — געראַטעוועט מיין לעבן. האָט זי געהאַט צוויי מתנות: אַ מיידעלע און געראַטעוועט אַ ייִדיש קינד. דער מאַן האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן פוילן. זי האָט גענוג — האָט זי געזאָגט. זי וויל נישט איר קינד זאָל פאַרגויעט ווערן.

— פון דעסטוועגן, אַ מצווה — אַ רעד טאָן מיט דער טאָכ־טער.

— אַז עס גייט אייך אין לעבן — מילא.

— ווי האָט געזאָגט מיין ערשטער גאָטזעליקער מאַן: שׂכר מצווה — מצווה.

— נישט וועגן שׂכר רעדט זיך דאָ, פרוי יוכבד.

ווידער האָט זי געטאָן יענץ שמייכעלע. אַן אַריש פּנים. יונגער־הייט מסתמא שיין געווען. שׂרידים פון יענער שיינקייט זעט מען נאָך: אַ קורץ שיקסעוואַטע נעזל. העלע אויגן, ראַבע, קעצישע. איר קליינער גוף אין פּאַסיקע קליידער, אין אַ ווייס קראַגנקן־שוועסטער פאַרטעך, אַ ווייס טשעפּיקל אויפן קאָפּ — אַוודאי אַבי־סעלע פולער, שטייפער, אויסגעגלייכטער — האָט זי מסתם גע־צויגן מענערישע בליקן. ערשט נאָך דעם האָט מיך אינטערעסירט צו הערן פון איר דאָס וואָס זי זאָגט נישט. כאָטש באַקאַנטע זאַכן אין דער פּרעסע, אין דער נאָכמלחמה־ליטעראַטור, אָבער דאָס הערן פּנים אל פּנים פון אַ נאָענטער שכנטע אַזעלכע רייד, זען פון צייט צו צייט דאָס שיינע, שלאַנקע מיידל אין די קליינע שעהען פון דער נאַכט, הערן אַמאָל אירע גיכע טריטלעך אויף די טרעפּ צוריק פון דער אַרבעט אַוודאי, אויפשליסן און פאַרשליסן די טיר שטיל דער מאַמען נישט איבערוועקן — האָט מיך אָנגעהויבן אינ־

טריגירן. נאָך מער: זי האָט עטלעכע מאָל דערמאָנט די שטאָט באַראַנאָוויטש, די פויערטע — אַ דאָרף הינטער באַראַנאָוויטש. געהאָדעוועט אַ קינד, וואָס אַ יידישער יונגערמאַן האָט איר געבראַכט פון געטאָ — האָט מיך אין עפּעס דערמאָנט.

איך האָב אין דעם זעלבן אָוונט איבערגעפרעגט נאָך פּרטים וועגן איר גופא, ווי עס פירט זיך, וויאַזוי איז זי אַרויס פון יענעם גיהנום, איין מאָל, נאָכאַמאָל חתונה געהאַט. וועגן ערשטן מאַן האָט זי דערציילט געלאַסענער, רויִקער — מער פּרטים. פריִער אָוונט געווען, ס׳מיידל איז ערשט נישט לאַנג אַרויס פון שטוב, זי וועט אַזוי שנעל נישט צוריקקומען: די ווערטער האָבן זיך אין איר, ווי געשטויסן, געריסן, ווי פייגל פון אַ ברענענדיקער שטײַג:

— — — זי האָט געלעבט אויף אַרישע פּאַפּירן. דער מאַן, אַ פּאָליאַק, אַ צוגערײַזטער פון ערגעץ. אַ סטאַזשער — האָט זיך נישט געאײַלט ווערן אַ טאַטע. זי איז אַליין דאָ געבליבן. איר גאַנצע משפחה אומגעקומען. דער ערשטער מאַן — אַ פרישער קרבן אין באַפרײַטן פוילן. האָט זי גענומען ס׳טעכטערל און אַהער געקומען.

— האָט איר קינדער, אדון?

— אויך אייניקלעך.

— אַ געזונט אויף זיי. זענט איר פון פוילן.

— פון פוילן, פון דער שטאָט ווו איר האָט געלעבט, באַראַנאָוויטש. שטעקן געבליבן דאָרט אויפן וועג קיין רוסלאַנד בשעת דער מלחמה. אַ שיין שטעטל, אַ ברייט־פּאַרצווײַגטע באַן־סטאַציע, נאָענט פון דער סאָוויעטישער גרענעץ. איך בין באַלד אָוועק ווײַט איבער דער גרענעץ איידער די היטלעריסטן זענען אַרײַן. שפּעטער — אין מיטלאַזיע, אַלמאַ־אַטאָ.

עטלעכע שעה האָט זיך געצויגן דער שמועס, אַ געמיטלעכער שמועס ס׳ערשטע מאָל זינט זיי וווינען דאָ.

די שטאָט, ס׳שטעטל באַראַנאָוויטש האָט מיך דערמאָנט אין אַ שוואַרצהנעוודיקן יונגערמאַן, געבוירן, געלעבט ביזן מלחמה־

אויסברוך האָט ער אין סלאָנים, דער יונגערמאַן. בעת דער היטלער־אַקופּאַציע אַריבער קיין באַראַנאָוויטש, חתונה געהאַט. געוואָרן אַ טאַטע פון אַ קינד, אַ מיידעלע.

דער יונגערמאַן האָט דערציילט:

ביז ווינטער נײַנצן איין און פערציק — אין געטאָ באַראַנאָוויטש. בעת אַ קינדער־אַקציע געפּרוווט זיך ראַטעווען מיט ווײַב און קינד. אײַנגעפּאַקט ס׳צוויי־חדשימדיקע קינד אין אַ לאַנג קישעלע, גענומען מיט זיך עטלעכע פּעקעלעך און אַרויס פון שטוב מיט אַ פּלאַן באַהאַלטן זיך בײַ אַ באַקאַנטער פויערטע אַ פינף־זעקס קילאָמעטער פון באַראַנאָוויטש. אויפן וועג זיך געכאַפּט: פאַרגעסן ס׳קינד. די פרוי וויינט, ספּאַזמירט. מען לויפט צוריק. די בהלה, די סכנה איז גרויס. אין שטוב בײַ דער אויפגעפּראַלטער טיר ליגט ס׳קינד אַזוי ווי מ׳האָט עס אַוועקגעלייגט.

עס־עס, ווײַסרוסן, פּאָליאַקן, אוקראַיִנערווילדעווען אין געטאָ. אַ ייִדישער פּאָליציאַנט רײַסט אים ס׳קינד פון די הענט. ער כאַפּט אַרויס אַ מעסער, וואָס ער האָט מיט זיך געהאַט, שרײַט:

— לאָז אָפּ, מערדער, איך שנײַד דיר אָפּ די האַנט!

ס׳מעסער האָט זיי געראַטעוועט.

אַ וואָך שפּעטער, „שוואַרצער שבת" — ווידער אַן אַקציע. אים געלינגט אַרויס פון געטאָ מיטן מיידעלע. ער לויפט צו דער פויערטע. די גאַנצע צײַט אין געטאָ האָט זי זיי באַזאָרגט מיט פרישע מילך, אַ קעזל, אַ הייפּטל פּוטער אין גרינע בלעטער. וויאַזוי זי איז אַרײַן און אַרויס פון געטאָ ווייסט ער נישט. זי איז איינע אַליין. זי וועט נישט אָפּזאָגן, די גוטע גויע. זי האָט פון אים גע־נומען ס׳קינד. צוריק אין געטאָ. ס׳ווײַב האָט ער שוין נישט גע־טראָפן. נישט צוריקגעקומען. אַזוי איז געשען מיט אַלע וואָס מען האָט געכאַפּט, אויפגעלאָדן אויף לאַסטאויטאָס און אַוועקגעפירט. וואָס האָט ער צו טאָן אין שטוב איינער אַליין? ער האָט נישט צו וואָס צו לעבן. בײַ דער נאָענטסטער אַקציע האָט ער זיך אַליין צוגעשטעלט צום זאַמלפּונקט אויפן מאַרקפּלאַץ.

עטלעכע הונדערט מענטשן זענען זיי געווען אין אַ וואַגאָן, ווי ס׳קענען אַריין דרײַסיק—פערציק. אַ שטיקעניש, מ׳קען דעם אָטעם נישט כאַפּן. מענטשן פֿאַלן פֿון די פֿיס. מענטש אויף מענטש. מען הייבט זיך נישט אויף. ער שטופּט זיך צו צום פֿאַרקראַטעטן פענצטערל. מ׳רײַסט אָפּ די שטעכלדראָט. מ׳שפּרינגט. ער׳ט נישט שפּרינגען. צוואָס? ער האָט נישט צוואָס צו לעבן. די פֿרוי וועט ער שוין נישט זען. ס׳מיידעלע? איין גאָט ווייסט...

אַראָפּ פֿון די וואַגאָנען — אַ סעלעקציע. ער שטעלט זיך אין דער זײַט פֿון די אַלטע, קראַנקע, קינדער — אין אויוון אַרײַן. אָן עס־עס שלעפּט אים בײַם אַרבל:

— דו ביסט יונג, קאָנסט אַרבײַטן!

צען־צוועלף שעה בײַ שטיינערהאַקן, קלעצער טראָגן, זעק ערד, זאַמד שלעפּן, אָן עסן, אָן אַ טרונק, קלעפּ, זידלערײַען, געשרײַען. ער פֿאַלט פֿון די פֿיס. ער׳ט נישט אויסהאַלטן. בײַנאַכט — אויף דער פּריטשע, פֿינף פֿאַרטאָג — אָן אַפּעל, צו דער אַרבעט. עס געלינגט אים צו אַנטלויפֿן. נאַכט. אָן אָסיען־ווינט, אַ ביטערע קעלט. האַלב־נאַקעט. צעריסענע קליידער, טויטהונגעריק. ער לויפֿט. אַ ליידיק פֿעלד, אַ וועלדל. ער בלאָנדזשעט. אַ טײַכל, גרענעץ־סלופּעס, ווײַטער אַביסעלע — צוויי, דרײַ כאַלופּעס, איינע — אַ צעוואַליעטע. נאָך אַביסל ווײַטער — אַ הויך הויז אָן אָפּגעשׂרפֿהטס, אָן אַ דאַך. גראָער פֿאַרטאָג. מיט דער נשמה אין דער האַנט דערשלעפּט ער זיך ביז צום הויז. אינעווייניק — פּוסט. אַ פֿאַרקראַטעט פענצטער אָן שויבן. ער רוט זיך אָפּ. וווּהין גיין? לויט די כאַטעס פֿאַרשטייט ער, אַז ס׳איז אַ דאָרף פֿון דער אַנדערער זײַט גרענעץ. אַ רוסיש דאָרף. מען זעט קיינעם נישט. ווער ס׳זאָל זיך נישט אונטעריאָגן — אַ דײַטש, אַ רוס, סתּם אַ פּויער — איז ער פֿאַרלאָרן. ניין. ער קאָן נישט מער. ער קאָן אויף די פֿיס נישט שטיין. אָטאָזוי־אָ — אַ זיכערן טויט דערוואַרט אים. און וואָס פֿאַר אַ טויט? ער הייבט זיך אויף, דערטאַפּט דעם פּאַסעק פֿון די הויזן — ס׳איינציקע וואָס איז נאָך געבליבן גאַנץ אויף

אים. לייגט אים אַרום זײַן האַלדז, פאַרשליסט אים. דעם צווייטן עק פאַסעק פאַרטשעפּעט ער אין קראַטע פון פענצטער און לאָזט זיך צוריק אַראָפּ אויף די קני, נידעריקער, נידעריקער... ער פילט אַ שטיקעניש אין האַלדז, אַ פינצטערניש פאַר די אויגן. אָט־אָט גייט אים אויס די נשמה. ער שווערט אַראָפּ, אַראָפּ, אַ תהום עפנט זיך... ער פאַלט, ער פליט... אַ שטאַרקע מענערישע האַנט, דערפילט ער פלוצים, הייבט אים אויף. ער עפנט די אויגן. אַ פּויער שטייט לעם אים, שפּיליעט אָפּ דעם פאַסיק פון זיין האַלדז. אַ באַבע קומט צו, דערלאַנגט אים אַ קענדל מילך און אַ שטיק שוואַרץ ברויט:

— קושאַי טשעלאָוויעק, ניע נאַדאַ...* — הערט ער איר קול.

אַ סעקונדע נאָכדעם — ס׳קול פון פּויער, ער שרײַט:

— אוביעזשאַי, אוביעזשאַי, ביסטראָ!..**

אויסגעטרונקען ס׳קענדל מילך, אויפגעגעסן ס׳ברויט, שטעלט ער זיך אויף די פיס. דער פּויער און די באַבע שטייען לעם אים און הערן נישט אויף שרײַען:

— שנעל, לויף. באַלד וועט אַוודאי פאַרביי אַ צוג, קיין טיף רוסלאַנד, ווײַט, ווײַט פאַרט ער. לויף, דאָ נישט ווײַט — אַ סטאַציע! מאָגיליעוו, אָרשע, מינסק אויף קויבישעוו, אַרכאַנגעלסק.

ער הערט אַ סאָפּען פון אַן אַניאַגנדיקער באַן. ספּאַסיבאָ! (אַ דאַנק!) — זאָגט ער זיי — און לאָזט זיך לויפן.

דרויסנדיק פון דער סטאַציע ליגט ער אײַנגעקאָרטשעט, אײַנגעגראָבן אין דער ערד — אַ יעזש. עס געלינגט אים אַרויף אויף אַ טאָוואַרנעם געלאָדענעם וואַגאָן. ער איז אינעווייניק. אַ סטאַציע נאָך קויבישעוו איז ער אַראָפּ. אַ סך, די גרעסטע טייל יידן, וואָס זענען דאָרט געוועזן האָבן זיך געהאַלטן אין פּאַקן, גרייטן פאָרן קיין מיטלאַזיע. מאָסקווע, לענינגראַד זענען באַדראָט פון די אָנגרײַפנדיקע היטלעריסטישע כּוחות. ווער ס׳האָט געקענט איז גע־

---

* עס מענטש. מ׳דאַרף נישט...

** אַנטלויף, אַנטלויף, שנעל!

לאָפּן, געפּאָרן נידעריקער, ווײַטער אויף דרום פון גרויסן, ברייטן סאָוויעטנלאַנד — מיטלאַזיע. אַ מאַן, אַ פרוי און אַ טאָכטער פון אַ יאָר צוואָנציק האָט ער דאָרט באַקענט. זיי האָבן זיך געקליבן פאָרן קיין טאַשקענט, אַלמאַ־אַטאַ. דער מאַן רופט אים צו. ביסט אַ ייִדישער — פרעגט ער אים, וואָרט נישט אויף קיין ענטפער, שטופּט אים אַריין אַ דאָקומענט אין האַנט אַריין. אַן „אודאָסטאָ־ווערעניע״ * — קעסלגרוב. אַזוי הייסטו, דו ביסט מײַן זון.

דערוויַיל איז מען געפאָרן, פאַרפאָרן (פאַרשיקט) אין אַ פאַר־קערטער ריכטונג — אַרכאַנגעלסק.

ווינטער נײַנצן צוויי און פערציק. אַ פּאָשיאָלעק הינטער אַר־כאַנגעלסק. אַ וואַלד. „דאָ דאַרפט איר וווינען און אַרבעטן״ — האָט געזאָגט איינער, אַ נידעריקער פעסטגעבויטער מאַן מיט קאַלמיקיש־קליינע אייגעלעך, שאַרפע קינען, אַ מויל שנייוויַיסע ציין.

די ערשטע נאַכט איז מען געלעגן מיט די פּעק, טשעמאָדאַנען, זעק, וואַליזקעס, קוישן אויף אַ פאַרשנייט פעלד אונטער אַ פראָס־טיקן אויסגעשטערנטן הימל. גלאַנציקע, קאַלטע שטערן. זיך גע־וואַרעמט בײַ אַ שײַטער צווײַגן, וואָס מ׳האָט דעם זעלבן טאָג אָנגעהאַקט אין וואַלד. ערשט, אַז דער שניי האָט זיך געטונקלט, שוואַרץ געוואָרן, אָנגעהויבן נעצן אונטער זיך און פלאַטשיקער ווערן, אײַנפאַלן — האָט מען זיך צונויפגעקורטשעט עלהיי אַ סטאַדע שעפּסן. מען האָט זיך געטוליעט צום שוואַרצן נאַסן באָדן און צעפוילטע גראָזן. איבערגעוואַכט די נאַכט, די לאַנגע רוסישע ווינטערנאַכט, דערכאַפּט ס׳האַרץ מיט אַ שטיקל געפרוירן ברויט אַ דערוואַרעמטס בײַם ברענענדיקן שײַטער. געקײַעט ס׳וואַרעמע ברויט און דער פראָסט קריכט אין די ביינער. יענער פראָסט — אַ שאַרפע קאָסע וואָס שנײַדט לעבנס פון קינדער, אַלטע לײַט, קראַנקע. געזונטע — ווערן קראַנק.

---

* אידענטיטעט־דאָקומענט (רוסיש).

2

אין אַלמאַ־אַטאַ האָט ער באַקענט דעם שוואַרצחנעוודיקן יונ־גערמאַן. אין אַ פּוטער־פאַבריק. געוואָרן חברים. מחמת דער אַלגעמיינער מאָביליזאַציע האָבן אין דער פאַבריק געאַרבעט ייִנג־לער, מיידלעך אין שול־עלטער, פּרויען, אַלטע לײַט.

צען־צוועלף און מער שעהען אין טאָג בײַ סטאַנאָקן, בײַ טראָגן, הייבן, רוקן שווערע קאַסטנס, פּאַפּיר־פּעק, אָפּלאָדן און אויפלאָדן פּעק פּוטער און אַנדערע מאַטעריאַלן צום אויסאַרבעטן פּוטער. אַ מיליטערישע דיסציפּלין און — פּאַיאָקן. אַביסל צוגע־שמוגלט, צוגעהאַנדלט — האָט מען געקענט אויסקומען.

אויפן הויף פון דער פאַבריק האָבן זיך געדרייט פאַרהונ־גערטע קינדער, געקליבן פעטע פאַרפּוטערטע פּאַפּירן, גענישטערט אין די מיסטקאַסטנס און דרויסנדיק פון הויף. אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ טעם צו מאָל אַ ריח פון עסן — גענומען אין מויל אַרײַן. אַ קליין מיידעלע, אַן אויסגעדאַרטס, אַ טונקלפּנימדיקס מיט אַ ווילד־צעשויבערט קעפּעלע האָר, מיט שוואַרצע אייגעלעך — האָט זיך דאָרט געדרייט. אַ טשוואַשין. אַ קינד פון אַ קליין טשוואַשין־פאָלק, וואָס שטאַמט פון די טאַטאַרן, איז פון ערגעץ איבערגעשעד־ליעט געוואָרן, פלעגט זיך דרייען צווישן די אַראַבאַ׳ס (וואָגנס אויף צוויי הויכע רעדער) געפירט פון קעמלען. אויך אייזעלעך באַלאָדענע מיט שווערע זעק, טאַרבעס. אויפקלויבן אָפּפאַל, ווייי־צענע און האָבער־קערנער, מאַקוך, פּראָוויאַנט פאַר די קעמלען און אייזלען און געגעסן. צומאָל — די קערנער צעשיטע פון לע־כערדיקע זעק.

דער שוואַרצחנעוודיקער יונגערמאַן, האָט חוץ דער שווערער אַרבעט תּמיד געפונען צײַט צוקוקן זיך צו די קליינע פאַר־

הונגערטע שלעפערס, גנבימלער. פון טשוואַשינען מיידעלע האָט ער נישט אַראָפּגענומען די אויגן. ס'פּאַרשמאָדערטע פּנימל, די שוואַרצע אייגעלער, די עטוואָס ברייטלעכע קינען אויפן אַזיאַ־טישן שטייגער — האָט ער מיר געזאָגט — דערמאָנען אים אין זײַן פייגעלע. אויב לעבט זי, איז זי אין איר עלטער. באַטש אַ פּיצלס האָבן זיך שוין געקאָנטיקט די קאָנטורן פון פּנימל ענלעך אויף דער מראה פון דער קליינער טשוואַשין.

אַ גוטע גויע. צי לעבט זי? און זײַן קינד? די היטלעריסטן האָבן אויך זיי אָנגעטאָן לעבעדיקע צרות. די קליינע טשוואַשין האָט שוין געוווּסט, געזען זײַן נאָכקוקן איר. זי פלעגט נענטער קומען צו אים, אַוועקגעשטעלט זיך וואַרטן. ער האָט אָפּגעבראָכן אַ שטיקל פון זײַן פּאַיאָק און איר געגעבן. אויפן אָרט האָט זי דאָס שטיקעלע ברויט גענומען אין מויל אַרײַן, אויפגעגעסן. זי איז נאָך אַלץ געשטאַנען, געקוקט אויף אים אַ שטייגער אַ הינטל קוקט אויף זײַן באַלעבאָס וואָס זיצט און עסט, וואַרט ער זאָל עפּעס צוּוואַרפן.

ער האָט איר נישט איינמאָל אַ גלעט געטאָן איבערן קעפּעלע, אַראָפּגעבויגן זיך צון איר, געפרעגט צי האָט זי אַ טאַטן, אַ מאַמען. זי האָט נישט פאַרשטאַנען קיין רוסיש, אַרויפגעשמייכלט צו אים. אַ הינטישע דאַנקבאַרקייט האָט אַרויסגעקוקט פון אירע שוואַרצע, גלאַנציקע אייגעלער.

— וואָס זאָגסטו? — האָט ער מיך געפרעגט, אַ שטייגער איך ווייס מער פון אים — לעבט זי די אַלטע פּויערטע? האָט מען איר נישט געמסרט? איינע אַליין, אָן אַ מאַן, אַ ייִדיש מיידעלע, אַ „זשידוווקע״?

אויך אויף דער פרוי האָט ער זיך פאַר מיר פאַרקלאָגט. פיר יאָר סך־הכּל נאָך דער חתונה. אַ סלאָנימער. דאָרט געלאָזט די עלטערן, די גאַנצע משפּחה.

✶

איך וואָלט אפשר אין דעם שוואַרצהנעוודיקן יונגערמאַן פאַר־געסן. ער איז נישט איינער מיט זײַנע נסימדיקע איבערלעבונגען. צוגעוווינט זיך צו אַזעלכע איבערלעבונגען, איבערשטאַרבונגען. ערשט יענער שמועס מיט דער שכנה יוכבד, וואָס האָט זיך גע־צויגן לאַנג ביז אין דער שפּעטער שעה. איר שטים האָט אַזש אָנגעהויבן אײַלן, ציטערן. קאַנטיק מורא געהאַט טאָמער ווײַזט זיך די טאָכטער — האָט מײַן זכרון זיך אַ טראָג געטאָן אויף צוריק אין צײַט, אין שטח דאָרט אַהין מעבר לים מיט קנאַפּע דרײַסיק יאָר צוריק.

אים, דעם שוואַרצהנעוודיקן יונגערמאַן איז געלונגען פריִער אַרויס פון סטאַלינס „גן־עדן" איידער די מלחמה האָט זיך געענ־דיקט. ער האָט זיך מאָביליזירט אין דער פּוילישער אַנדערס־אַרמיי. אַ סך האָט מען אָפּגעוואָרפן. ער איז געווען פון די ווייניקע, וואָס מ'האָט אָנגענומען. מעגלעך צוליב זײַן מיליטערדינסט פאַר דער מלחמה, אויך זײַן גוטן פּויליש און שיינעם אויסזען. פון דעמאָלט נישט געזען און נישט געהערט פון אים. פאַרגעסן אין אים. מיט צען־צוועלף יאָר צוריק האָט ער זיך באַוויזן בײַ מיר אין שטוב. אומגעפרעגט, אָן פריער אַ קלונג טאָן. אַ „ניעספּאָדזשאַנקע" מיר געמאַכט. געקומען פון לאָנדאָן — די ערשטע סטאַציע נאָכן פאַר־לאָזן סאָוויעטנפאַרבאַנד. דאָרט פאַרבליבן. אָנגעהויבן בײַ טעלער־וואַשן אין אַ רעסטאָראַן. געאַרבעט בײַ שאָפערײַ. צוגעקומען צו אַן אייגענער טעקסי. נאָך אַלץ אַליין. די בענקשאַפט נאָך דער פרוי, טעכטערל גיט אים נישט קיין רו. נאָכאַמאָל חתונה האָבן — נישט פאַר אים, צו אַלט. אַ צווייטע פרוי, אָן קינדער — ניין, נישט פאַר אים. אַ פרעמד לאַנד. אַ פרעמד לשון. פרעמדע מענטשן, פּנימער. אָן אַ טעם, אָן אַ תכלית ס'לעבן. ער קלערט עולה זיין קיין ישׂראל, געפינען אַ שפּיץ פון אַ פאָדעם, אַ ידיעה, אַ סימן פון זײַער לעבן. דאָס קינד, דאָס מיידעלע. אפשר פאָרט. פון דער פרוי ווייסט ער איז נישטאָ וואָס צו רעדן. זי איז דעם זעלבן טאָג אָפּגעשיקט גע־וואָרן פון וואַנען מען קומט נישט צוריק.

אין אַ ייִדישן רעסטאָראַן, בײַ אַ ייִדישן מיטאָג און אַ גויִישער פלאַש וואָדקאַ — האָט ער זיך פאַר מיר אויסגערעדט דאָס האַרץ. אַ שײנער שלאַנקער מאַן, אַ קאָפּ שוואַרצע האָר, שיטערלעך, אָבער שוואַרץ, אַ גוט געשוירן גראָלעך בערדל, וואָס מאַכט אים שענער און ייִדישלעכער, איז ער געזעסן מיט אַראָפּגע־לאָזענעם קאָפּ, מיט צוויי שוואַרצע טרויעריקע אויגן. נישט געלאָזט מיך באַצאָלן פאַרן כיבוד: אַ פעטן, זאַטן, שווערן כיבוד.

ער איז גוט סיטואירט — האָט ער געזאָגט — ער האָט אַלץ, וואָס אַ מענטש דאַרף צו לעבן בכבודיק. ער האָט אַלץ און האָט — גאָרנישט...

3

שבת, אַ זייגער דרײַ נאָכמיטאָג. אַ רגילות בײַ מיר אין דער שעה, יעדן טאָג, כאַפּן אַ שיטערן דרימל. הויך ריידן הערט מען פון די שכנים אַקעגנאַיבער. ס'ערשטע מאָל, און דערצו שבת. אַלע שכנים זענען אין דער היים. מאַמע און טאַכטער אַמפּערן זיך. אָפענע טירן אויפן ערשטן שטאָק. מען הערט אַ רעדן, אַ שושקען זיך. אַ סומאַטאָכע. איך עפן מײַן טיר, מאַך סימנים מיט בײדע הענט מען זאָל צוריק אַרײַן אין די שטובן. שוין בין איך אינעווייניק בײַ דער שכנטע. ביידע שטייען איינע קעגן דער אַנדערער אין אַ קריגערײַ־דיאַלאָג:

— פאַר וואָס האָסטו מיר נישט געזאָגט, אַז ביסט נישט מײַן מאַמע?

— איך האָב מורא געהאַט טאָמער וועסטו מיך פאַרלאָזן.

— וווּ איז מײַן מאַמע, מײַן טאַטע וווּ איז?

— פון וואַנעט זאָל איך וויסן, קינד מיינס.

— איך בין נישט דײַן קינד.

— פייגעלע, צפּורה, ציפּי, וואָס רעדסטו?

— פאַר וואָס האָסטו די גאַנצע צײַט געשוויגן?

— וואָס האָב איך דיר געהאַט צו זאָגן? וואָס איז דאָ צו רעדן?

— שקרנית, ליגנערין!

— וואָס שרײַסטו אויף מיר, צפּורהלע?

— האָסט מיך גענאַרט.

— איך האָב דיך אויסגעהאָדעוועט. מען האָט דיך אויס־באַהאַלטן פאַר די נאַציס, די בלוטדורשטיקע חיות.

— דערציייל מיר נישט קיין סיפּורים. כ׳וויל נישט הערן.

— ציפּי, דאָס איז דער אמת. איך האָב דאָך קיינעם נישט חוץ דיר. פאַר וואָס זאָל איך דיך נאַרן?

צו מײַן אַרײַנקומען לאָזןביידע נאָך פון טאָן. יוכבד פּרוּווט שמייכלען. איר שמייכעלע איז מיר באַקאַנט. און אָט ברעכט זי אויס אין אַ געוויין און רעדט מיט אַ כליפּעדיק קול:

— אדון, שכן טײַערער, רעדט מיט איר, איך בעט אײַך, קלערט איר אויף. זי מיינט — — — פאַרענדיקט נישט, מאַכט אַ טריט־צוויי צום סאַלאָן־טיש, רוקט אָפּיר אַ שטול, בעט מיך זיצן.

— זעצט איר זיך אויך, זאָל צפּורה זיך זעצן — רוק איך איר אונטער אַ שטול — צוּוואָס שטיין, צוּוואָס שרײַען?

— אדון, — הער איך צום ערשטן מאָל דעם מיידלס קול. זי וויל עפּעס זאָגן און איך רײַס איר איבער:

— קודם לאָמיר זיצן. איך בין אַרײַנגעקומען אומגעבעטן, אויב שטער איך אײַך קען איך צוריק אַרויסגיין.

— חלילה, אדון — זאָגט די מאַמע — וואָס רעדט איר? אַדרבא. איר ווילט מסתּמא עפּעס זאָגן.

— יאָ. איך האָב נײַעס פאַר אײַך, גוטע נײַעס, איך — — —

— וואָס רעדט איר, אדון? — רײַסט זי מיר איבער אין מיטן. וואָס הייסט גוטע נײַעס?

— אָט באַלד וועט איר הערן, באַרויִקט אײַך. ציפּורה זענט איר גרייט מיך צו הערן?

— ביידע ווילן מיר אײַך הערן. איכ׳ל גיין מאַכן אַ טיי, דו ווילסט אַ טערקישע, ציפּי?

אַלע דרײַ זיצן בײַם טיש. צוויי טיי, איין טערקישע קאַפֿע. שטיל. מען הערט נאָר דאָס זידן פון וואַסער אין טשײַניק.

— פון דעם וואָס איך האָב געהערט, וואָס בײַ אײַך קומט פאָר, האָב איך אײַך וואָס צו דערציילן. עס קען אײַך ביידע אויפ־קלאָרן דעם ענין.

— וואָסער ענין, אדון? — פרעגט ציפּי.

— אַט וועט איר הערן. איך וויל נאָר פון אייך, צפורה, איר זאָלט בעטן סליחה פון דער מאַמען. איר באַליידיקט איר שטאַט צו דאַנקען פאַר דעם וואָס זי האָט געטאָן און טוט פאַר אייך.

— אדון, איך פאַרשטיי נישט.

— טוט אַ קוש דער מאַמען. ווישט איר אָפּ די טרערן. פאַר וואָס וויינט איר, פרוי יוכבד?

— אדון — וויל ציפּי עפּעס זאָגן, קאָנטיק תרעומת אויף מײַנע מוסר־רייד, און די מאַמע שלאָגט איר איבער:

— לאָז רעדן דעם אדון, אַ יִדישער שרײַבער, אַ פײַנער מאַן, הער אויס ביזן סוף.

— פרוי יוכבד, דאָס וואָס איך ווייס פון אײַך האָט מיך דער־מאָנט אין אַ מענטש, אַ מאַן וואָס האָט אַ שײַכות צו אײַך, צו ציפּורהן.

— וואָס רעדט איר, אדון, שכן טײַערער, וואָס הייסט אַ שײַ־כות?

— אַט וועט איר הערן. איך האָב דעם מאַן באַקענט אין רוס־לאַנד יענע יאָרן. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט איבער־געלאָזט בײַ אַ פּויערטע אַ מיידעלע פון עטלעכע חדשים, וואָס די היטלער־מערדער האָבן עס געוואָלט אַרויסרײַסן פון זײַנע הענט.

— יאָ, פּויערטע, באַראַנאָוויטש. ס׳שטימט...

— אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט האָט אפשר עמעצער גענומען ס׳מיידעלע? — האָט ער געפרעגט.

— אוי, גאָט מײַנער!

— אמא, מאַמע, תּפסיקי, הער אויף! — שרײַט אויס ציפּי.

— באַרויִקט אײַך. דער מאַן לעבט. ער האָט נישט חתונה גע־האָט. ער בענקט, ער זוכט זײַן פרוי און דאָס מיידעלע. ציפּי, דײַן מאַמע איז נישטאָ. דײַן מאַמע איז יוכבד. אַ ברכה קומט דער גוטער גויע, וואָס האָט דיך אויסבאַהאַלטן פון די נאַציס. אײַנ־געשטעלט איר און דײַן לעבן, איר הויז. איר בײַדע און דאָס הויז וואָלט אַוועק מיטן פײַער.

יוכבד שמייכלט איר צערפּול שמייכל און טרערן רינען פון אירע אויגן. ציפּורה הייבט זיך אויף פון דער שטול, ווישט אָפּ דער מאַמעס טרערן און וועקט איר, ווי מען וועקט אַ מענטש, וואָס פאַלט אין חלשות: אמא, מאַמע! — שרײַט זי צו איר. יוכבד עפנט אויף איר אַ פּאָר אויגן:

— טאָכטער, קינד מײַנס!

— ס׳ערשטע מאָל, ציפּורה, זע איך דײַן שיין פּנים. עס דער־מאָנט מיך אין פּנים פון דײַן טאַטן: אַ שיינער, ברונעטער יונגער־מאַן, דעמאָלט, אין רוסלאַנד. מיט אַ יאָר צען־צוועלף צוריק האָב איך אים ווידער געזען דאָ אין לאַנד. נאָך הײַנט אַ שיינער מאַן.

— ווו איז ער, מײַן אבא, אדון?

— דאָס קען איך דיר נישט זאָגן. כ׳ווייס נישט. איך ווייס ער לעבט. ער איז געזונט. ער בענקט צו דיר. האָט דיך ליב. ווען ער קוקט דיך אָן וואָלט ער משוגע געוואָרן פאַר פרייד.

— טײַערער שכן, אדון, איר האָט דאָך אונדז ביידע אַ נײַ האַרץ געגעבן: צוויי זענען מיר, אָבער — איין האַרץ. „צופאַלן גייען אום צווישן מענטשן" — זאָגט אַ פּויליש ווערטל.

— פאַר וואָס האָט איר געשוויגן די גאַנצע צײַט? — פרעגט ציפּי.

— ווער האָט געוווּסט וואָס צווישן אײַך קומט פאָר?

— מער ווי ס׳לעצטע מאָל האָב איך זיך מיט אים נישט געזען. צוריקגעפאָרן קיין לאָנדאָן. אַהין איז ער געקומען מיט אַנדערסעס אַרמיי. דאָרט פאַרבליבן, קלויבט זיך עולה צו זײַן.

ביידע זיצן ווי פאַרשטיינטע. נישט זיי וויינען, נישט זיי לאַכן. די צוויי גלעזער טיי, די קאַפע — נישט געריִרט.

— אמא, מאַמע, ביסט גערעכט, וויין נישט, מאַמע.

— ווייל איז מיר צו הערן פון דיר דאָס וואָרט „מאַמע".

4

ציפורה איז ווי איטלעכן פאַרנאַכט אָדער אָוונט־שעה אַרויס פון שטוב. אַ מינוט־צוויי אונטערגעשטאַנען אויפן טראָטואַר, פאַר־הויבן אַ האַנט צו דער ערשטער פאַרבײַפאָרנדיקער טעקסי און שוין איז זי אינעווייניק.

— וווּהין, חמודה?

— גלײַך מיטן כביש.

— אַ שטאָט, אַ גאַס?

— צפון תּל־אביב.

— וווינט איר דאָרט?

— ניין. דאָ אין בת־ים וווין איך. כ׳אַרבעט דאָרט.

— ווו דאָרט?

— דיזנגוף־פרישמאַן, אין פּאַב.

— אַזאַ שיינע פרײַלין, מסתּמא זענט איר נישט אַליין: אַ חבר, אַ חתן, אַ מאַן?

— נהגים און פריזיערס דאַרפן אַלץ וויסן, האָבן אַ טבע פרעגן נאַרישע פראַגן...

— אָ, אויך אַ קלוגע, געמיינט נאָר אַ שיינע.

— אַ דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט.

— אגב, פרײַלין, אַן רעדן כּאַפּט מען אָפּט אַ דרימל. אַ נהג דאַרף זיין וואַכעדיק.

— און איך בין מחויב צו ענטפערן?

— האָב איך אײַך באַליידיקט?

— ניין. כ׳מיין איר פרעגט פּערזענלעכע, אינטימע פראַגן: צי איך האָב אַ חבר, אַ חתן, אַ מאַן. פרעגט, וואָס איך האָב נישט.

— נו, זאָל זײַן ווי דו זאָגסט.

— אָט „דוצט" איר מיך שוין.

אַ ווײַלע שטיל.

— מעג איך אײַך פרעגן צי האָט איר דאָ טאַטע־מאַמע?

ווידער שטיל.

— איך האָב אײַך עפּעס געפרעגט.

— שווער מיר צו ענטפערן אויף דעם.

— איר זענט נישט מחויב. אָט זענען מיר אויף דיזנגוף־גאַס. באַלד וועלן מיר זיך קענען ווי פריִער, איידער איר האָט מיך דער־קענט...

— איכ'ל אײַך אויסזאָגן דעם גאַנצן אמת: אַ מאַמען האָב איך, אַ טאַטן — נישט. נישט געזען אים קיינמאָל.

— אַזוי? אינטערעסאַנט.

— וואָס איז דאָ אינטערעסאַנט? „ניע שמיעי שען דזשאַדקו ז' צודזעגאָ וויפּאַדקו".* קענט איר פּויליש?

— יאָ. כ'מיין, אַז איך האָב נישט פאַרגעסן.

— האָט איר געקענט? אַ פּוילישער?

— פון פוילן. אָט זענען מיר נאָענט. וואָסער נומער דיזנגוף?

— איך וועל אייך זאָגן ווו שטיין בלייבן.

— קען איך וויסן אייער נאָמען?

— וואָסער נפקא מינה? אין פוילן — פייגעלע, דאָ — ציפּורה, ציפּי. געפעלט אײַך דער נאָמען?

— ער דערמאָנט מיך אין עפּעס, אייגנטלעך אין עמעצן.

ער פאָרט ווײַטער, אָבער ער פילט די הענט ציטערן אים. „פייגעלע" — דער נאָמען פון זײַן טעכטערל — האָט אים אַ טיאָכ־קע געטאָן אין האַרץ. זי האָט נישט — האָט זי געזאָגט קיין טאַטן — האָט אים אַ מיש געטאָן אין קאָפּ. און דאָס פּוילישע ווערטל

---

* לאָך נישט פאַטערל פון פרעמדן צופאַל...

„לאַך נישט פּאָטערל פון פרעמדן צופאַל". פון דעסטוועגן האָט ער געפּרוּווט, ווי מ'זאָגט לייענען דאָס בריוועלע אויף צוריק: אפשר סתּם אַ נאַרישער איינפאַל. מאַלע, וואָס אים דעם אומגליק־לעכן מאַן, טאַטן, פאַלט איין. ניין, ער וועט עס נישט מגלה זיין. ער וועט דרייען אַ קאַרבע מיט איינעם זיינס אַ קאָלעגע. ער קראַ־פּירט וויסן וויאַזוי וועט זי די זאַך אויפנעמען. אַ קלוג מיידל. נאָך אַ ביסעלע רעדן, פרעגן, פאַרשן וועט נישט שאַטן.

— וואָס זענט איר פלוצים שטיל געבליבן, אדון?

— פאַרט איר יעדן טאָג אין דער זעלבער שעה אין דער ריכטונג? — האָט ער סתּם געפרעגט.

נאָך אַ לענגערן שווייגן, נישט אָן שרעק פאַר זיין אייגן פאַר־ציטערט קול, באַלד צוגעגעבן:

— איך האָב דאָ אַ פריינד, אַ קאָלעגע „פּאַ פּאַכו", אויך אַ פּוילישער.

— קעגן וואָס דערציילט איר מיר דאָס?

— ער זוכט זיין פרוי און אַ קינד, דאָרטן געבליבן.

— אדון, איצט איז מיר אינטערעסאַנט. שטעלט אייך אָפּ. דאָ גיי איך אַראָפּ, איכ'ל באַצאָלן. וואָס נאָך ווייסט איר פון אייער קאָלעגע?

ער וויל זאָגן, פרעגן און פילט אַ פלוצימדיק שטיקעניש אין קעל, שווער אים אַ וואָרט אַרויסברענגען.

— איז וואָס שווייגט איר? מיך אינטערעסירט גראָד די זאַך.

— מעג איך אייך פרעגן ווער איז אייער מאַמע? — הערט ער זיך אַליין און דערקענט נישט זיין אייגן קול.

— ס'איז נישט מיין ביאָלאָגישע מאַמע, אָן אַדאָפּטירטע בין איך. געבאָוועט זיך ביי אַ פּויערטע. פון דאָרטן האָט מיך די מאַמע אַרויסגענומען.

— ווי האָט געהייסן די פּויערטע?

— איר נאָמען ווייס איך נישט.

— ווו איז עס געווען?

— הינטער באַראַנאָוויטש...

אַצינד ווייסט ער שוין: ס׳איז זײַן קינד, זײַן טאָכטער „פייגעלע״. אַרומגענומען וואָלט ער איר, אויסגעקושט יעדן אבר. אַ געפיל האָט אים אונטערגעזאָגט באַלד מיטן ערשטן איבעררייד מיט דעם מיידל. דאָס שיינע שוואַרצחנעוודיקע מיידל — זײַן טאָכטער! איז דאָס אמת? איז דאָס מעגלעך? וויאַזוי זאָגט מען איר דאָס? פינצטער, ליכטיק, אַ שווינדלעניש פאַר די אויגן. ער קען מער קיין וואָרט נישט אַרויסרעדן, ער קען ווײַטער נישט פאָרן. האָט נישט קיין כּוח, קיין לשון מיט איר דערוועגן צו רעדן. מסוכּן אַצינד בײַם רעדל צו זיצן. ניין. ער וועט איר פון מאַשין שוין נישט אַרויסלאָזן.

— וואָס שווײַגט איר, אדון?

— איך וויל אײַך עפּעס פּראָפּאָנירן. כ׳ווייס נישט צי איר וועט מסכּים זײַן. איר קענט מיך נישט, איך קען אײַך נישט.

— איך קען אײַך שוין גענוג פון הערן. וואָס איר ווילט זאָגן...

— דאָ נישט ווײַט פון דאַנעט וווינט ער, מײַן קאָלעגע. ווילט איר אים זען, רעדן מיט אים?

— מיט אַן אַנדערן נהג וואָלט איך עס נישט געטאָן, מיט אײַך בין איך מסכּים צו גיין זען, רעדן מיטן מענטש.

— איידער מיר גייען אַרויף, דריטער שטאָק, אָט־אָ דאָ, מוז איך דיך, סליחה, אײַך נאָכאַמאָל פרעגן: אין וועלכער שטאָט איז דאָס געווען?

— נישט קיין שטאָט, אַ דאָרף הינטער באַראַנאָוויטש — האָב איך אײַך שוין געזאָגט. קענט איר די געגנט?

— איך בין אַ סלאָנימער. געווען, געלעבט. ס׳רעדט זיך אַזוי „געלעבט״ אין באַראַנאָוויטש.

ער פאַרקערעוועט אין אַ זײַט די מאַשין. לעשט אויס דעם מאָטאָר. זיי גייען אַרויס. ציפּורה, פאַרוווּנדערט, געשפּאַנט פון דער מעשׂה, פון גיין אַ טראָט הינטער דעם נהג, אַ מענטש וואָס זי האָט מיט אַ האַלבער שעה צוריק נישט געקענט — האָט פאַרגעסן צו באַצאָלן. זי פרעגט אים איבער:

— אדון, וויפל קאָסט מיר דער לוקסוס?

— מירן זיך נאָכדעם אָפּרעכענען. קומט.

אין דער ווינדע האָט ער נאָכאַמאָל זיך איינגעקוקט אין איר פּנים. ער האָט געזען ס'פּנים פון זײַן טאָכטער וואָס איז אין דער טונקעלער שײַן פון דער ווינדע אַביסעלע בלאַסער, ווי בײַם אַרײַן אין טעקסי. אפשר איבערגעשראָקן, איבערראַשט פון דעם, וואָס זי דערוואַרט צו הערן פון זײַן „קאַלעגע". זי גייט דאָך אייגנטלעך מיט אַן אומבאַקאַנטן מאַן צו אַן אומבאַקאַנטן מענטש. פאַרט אַ יונג מיידל.

בײַ דער טיר האָט ציפּורה גענומען פּאַפּראָווען דעם צאָפּ, וואָס האָט זיך פאַרקנייטשט, אָדער איר האָט זיך אַזוי אויסגעוויזן — צעשויבערט, גוט געמאַכט אויף זיך ס'אָנטאָן. אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן פאַרקעמטן קאָפּ האָר. ער האָט אומבאַמערקט פון איר געשיקט געעפנט די טיר כּאילו יענער פון אינעווייניק זאָל האָבן די טיר געעפנט. מיט נאָך אַ שנעלערן באַוועג אַנגעצונדן ס'ליכט אין קאָרידאָר.

ציפּורה איז געבליבן שטיין אַ דערשראָקענע. עפּעס ענלעכס אויף אַ פּחד האָט אַ גלאַנץ געטאָן אין אירע אויגן. אָן אַרויסרעדן אַ וואָרט שטייט זי מיט אַן אָפן מויל.

— ווו איז יענער מאַן? — האָט זי עטוואָס אַ צעטומלטע גע־פרעגט.

זי וויינט אַ שטיל געוויין דאָס אַכטאונצוואָנציק שוואַרצהנעוו־דיקע מיידל. טרערן, ווי גרויסע רעגנטראָפּנס נאָך אַ לאַנגער פאַר־טריקעניש רינען פון אירע באַקן. זײַנע אויגן, אָנגעגאָסענע מיט שײַן, ווי די בײַטאָגיקע זון וואָלט אין זיי פּלוצים אַרײַן. אויך ער שווײַגט. לאָזט איר אויסוויינען.

— ווו איז יענער מאַן?

— ווו איז יענער מאַן ווילסטו וויסן? יענער מאַן איז דער־אָ, טאַטעשי, וואָס שטייט דאָ לעבן דיר... דאָס איז דײַן טאַטע, דײַן אומגליקלעך־גליקלעכער טאַטע, פייגעלע — דאָס האָב איך

דיר אַ נאָמען געגעבן נאָך מײַן מאַמען, דײַן באָבע, עליה השלום, אומגעקומען דאָרט בײַ די נאַציס. דיך האָט געוואָלט אַ ייִדישער פּאָליציסט אַרויסרײַסן פון מײַנע הענט און וואַרפן אויפן לאַסט־אויטאָ, אָפּפירן מיט נאָך קינדער אין גאַזאויוון. איך האָב דיך גע־ראַטעוועט, איבערגעגעבן דער פויערטע אין די הענט אַרײַן. די גוטע גויע, זי האָט דיך געבאַוועט. ווער עס האָט דיך פון איר גענומען ווייס איך נישט, מן־הסתם דײַן „מאַמע", די וואָס האָט דיך אַדאָפּטירט.

ער רעדט און זי, ציפּי, וואַקלט זיך, פאַלט. פון טויט־בלאַסן פּנים זעט מען בלויז די אויגן — צוויי גלײַענדיקע קוילן.

— פייגעלע, ציפּעלע — טרײַסלט ער איר און לאָזט איר נישט אַרויס פון זײַנע אָרעמס. — האַלט זיך קינד מײַנס. דײַן, דײַן טאַטע שטייט דאָך לעם דיר...

איר קאָפּ אויף זײַן אַקסל. ער גלעט די גלאַט פּאַרקעמטע האָר ביז אַראָפּ דעם צאָפּ, נעמט איר קאָפּ אין זײַנע הענט אַרײַן, קושט איר, פירט איר צו צו דער קאַנאַפּע אין סאַלאָן, זעצט איר אַוועק.

— באַרויִק זיך, מיידעלע — לאָזט ער איר זיצן און לויפט אין קיך אַריין. קומט פון דאָרט מיט אַ גלאָז וואַסער:

— גיב אַ זופּ, ציפּעלע. וואַרט אַ סעקונדע, איכ'ל מאַכן אַ גלאָז טיי.

ציפּי איז צו זיך געקומען. געבליבן זיצן אַן אַפּהענטיקע, אַ פאַרטראַכטע, אַן איבערראַשטע פון דעם וואָס מיט איר געשעט. זי האָט נישט געוווּסט, אפשר נישט געגלייבט, אַז דאָס אַלץ קומט פאָר מיט איר. צי איז דאָס ווירקלעך? אפשר אַ חלום?

ער איז אָנגעקומען מיט צוויי גלעזער טיי, זיך אַוועקגעזעצט לעם איר:

— טרינק, מיידעלע, באַרויִק זיך.

— ניין טאַטע, טאַטע מײַנער. איכ'ל אָנקלינגען צו דער מאַ־מען. זי מוז שוין תּיכף וויסן. זי וועט זיך פרייען. און דו, טאַטע, האָסט זיך געריכט אַזוי־אַ וועט אַריין אין דײַן טעקסי אַ מיידל.

„חמודה" — האָסטו געזאָגט. און דאָס איז דײַן טאָכטער ?..

— אַכט און צוואַנציק יאָר האָב איך געבענקט, נישט אויפ־געהערט האָפן, טײַער קינד מײַנס. ווער איז דײַן „מאַמע" ?

— באַלד, באַלד וועל איך דיר זאָגן, כ'על פריִער אָנקלינגען. אמא, איך קום היינט פרי אַהיים, אמא, מאַמע. פרעג נישט פאַר וואָס — רעדט זי אַרײַן אין טרײַבל. — איך ברענג דיר אַהיים אַ גאַסט, מײַן טאַטן ברענג איך דיר אַהיים. וואָסי, וואָס שווײַגסטו ? אויב דו שטייסט — זעץ זיך, פאַל נישט, באַרויִק זיך. זאָג גאָרנישט אַצינד, רעד נישט. זיץ אונטער, רו זיך אָפּ. מיר'ן קומען וועט מען רעדן. מיר'ן רעדן, מאַמע !..

פון זעלביקן מחבר:

זוּן, לידער, פאַרלאַג „פרײַהייט", מינכען **1948**

ברויט, ראָמאַן, פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב **1960**

זאַמד, ראָמאַן, פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב **1963**

גורלות, ראָמאַן, פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב **1967**

יאָרן, ראָמאַן, פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב **1973**

דאָ גייט אויף די זון, פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב **1975**

9 סיפּורים (עברית), פון יידיש מ. יונגמאַן, הוצאת ספרים מ. ניומן, תל־אביב תשל"ט, **1979**

הי, ראָמאַן, פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב **1985**

אַזוי צו זאָגן, עסייען, פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב **1985**

יאָמערגעזאַנג, פּאָעמע, ישׂראל־בוך", תל־אביב **1987**

אַ גט, נאָוועלע

גרייט צום דרוק:

אַזוי צו זאָגן, עסייען, באַנד 2

[illegible]
[illegible]
[illegible] 1990
[illegible] 1992